STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00510

DI TSVEYSHPRAKHIKAYT FUN UNZER LITERATUR

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
Murray Berger & family of Wilno

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

די צווייִשפּראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון
לואיס לאַמעד פאָנד פאַר אונדזער
ליטעראַטור אין בײדע שפּראַכן
דעטראָיט, מישיגען
1941

Copyright, 1941
by
LOUIS LA MED FOUNDATION FOR THE ADVANCEMENT
OF HEBREW AND YIDDISH LITERATURE
12804 Broadstreet Boulevard
DETROIT, MICH.

Printed in U. S. A.

געדרוקט אין צוויי טויזנט עקזעמפּליאַרן

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

פונעם לואיס לאַמעד פאַנד פאַר אונ־
דזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן :

לויט דעם פּונקט 3 פון אונדזערע
תקנות האָבן מיר גענומען אויף זיך
„ארויסצוגעבן . . . אַן עסעי, וואָס זאָל
באַקענען דעם עולם מיט דער טראַדי־
ציע און דעם פּראָבלעם פון צווייִשפּראַ־
כיקייט אין אונדזער ליטעראַרישן לעבן.“
כדי אויסצופירן דעם פּונקט פון אונ־
דזער פּראָגראַם, גיבן מיר אַרויס אָט
די אָפּהאַנדלונג : „די צווייִשפּראַכיקייט
פון אונדזער ליטעראַטור.“

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס 11

לשון קודש און תרגום־לשון — אַ באַשערטע פּאָר. — העברעאיש און יידיש —אַ צווייטע פּאָרל. — אין דער אַלטער ליטעראַטור — און אין דער נייער. — אַ צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור, צווייִשפּראַכיקע שרייבער. — די טראַדיציע — די אָפּאָזיציע. — עקסטרעמער העברעאיזם און הונדערטפּראָצענטיקער יידישיזם. — שפּראַכלעכע מאַניסטן. — בילינגוואַליזם — אַ פּראָבלעם, וואָס עקזיסטירט אויך ביי אַנדערע פעלקער.

קאַפּיטל צוויי 16

צווייִשפּראַכיקייט ביי אַנדערע פעלקער. — לאַטיין און די פאָלקס־שפּראַכן. — „זיי" און „מיר". — דאָס אינטערנאַציאָנאַלע לאַטיין און דאָס נאַציאָנאַלע העברעאיש. — די איטאַליענישע און די יידישע ליטעראַטור. — ענלעכקייטן און אונטערשיידן.

קאַפּיטל דריי 23

צווייִשפּראַכיקע קולטורן אין אונדזער צייט. — די מאָדערנע גריכישע קולטור. — אַלט־און ניי־גריכיש. — גריכישע „העברעאיסטן" און גריכישע „יידישיסטן". — דער קאַמף צווישן זיי. — ביי „זיי" און ביי „אונדז". — די מאָדערנע קולטור פון כינע. — פּ ע י י ו — דאָס געדרעטע כינעזיש. — דאָס כינעזישע „יידיש" און דאָס כינעזישע „העברעאיש". — ק י ו ו י ן. — די מאנדארינען. — י ו ש י, דער פירער פון יונג־כינע. — זיין קאַמף און זיינע דערגרייכונגען.

קאַפּיטל פיר 35

צווייִשפּראַכיקייט ביי די ארמענער. — גראַפּאר — ארמענישער לשון קודש. — די דערהייבונג פון דער ארמענישער פאָלקס־שפּראַך. — בילינגוואַליזם אין וויילס, ענגלאַנד. — ענגליש און וועלש. — די פאָלקסשפּראַך קעמפט פאר איר קיום. — א פאַר־גלייך צווישן וועלש און יידיש. — אַ מוסטער פון נאַציאָנאַלן זעלבסטרעספּעקט.

קאַפּיטל פינף 45

אַ ביישפּיל פון אונדזער אייגענער געשיכטע. — העברעאיש און אראַמייאיש. — היסטאָרישער איבערבליק. — קעגנער פון אראַ־מייאיש. — די אַנטוויקלונג פון דעם אראַמייאישן יידיש. — דער תלמוד. — די ישיבות. — אראַמייאישע תפלות. — אראַמייאיסטן און העברעאיסטן. — די פאַרהייליקונג פון תרגום. — „העברייער־אראַמייער". — די טראַדיציע פון יידישער צווייִשפּראַכיקייט. — „טייטש" אנשטאָט תרגום. — א ראיה פון תרגום אויף יידיש. — אליעזר שולמאַן און י. צינבערג פאַרגלייכן יידיש מיט אראַמייאיש.

קאַפּיטל זעקס 59

העברעאיש און יידיש, אנשטאָט העברעאיזם און יידישיזם. — ביישפּילן פון בילינגוואַליסטישע שריפטשטעלער. — די דענקער און דיכטער פון דער גאָלדענער צייט אין שפּאַניע. — מוסטערן פון אַ שפּעטערדיקער צייט. — די זעלטנקייט פון צווייִשפּראַכיקע שרייבער. — היינע, טיוטשעוו. — איינשפּראַכיקע שרייבער, א צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור.

קאַפּיטל זיבן 69

העברעאיש־יידיש. — די יידישע רעליגיע — און יידיש־וועלטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש. — יידיש איז אַרויסגעוואַקסן פון העברעאיש, ווי אַ יונגער צווייג פון אַן אַלטן בוים. — אַ ליטעראַטור — אַ „זאָגערקע“. — ביישפּילן. — ביידע ליטעראַטורן ענדערן זיך, ווען דאָס יידישע לעבן ענדערט זיך. — אויספירן.

קאַפּיטל אַכט 86

שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן. — קבלה און מוסר. — זיי האָבן באַאיינפלוסט אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן. — „נחלת צבי“ — דער טייטש־זוהר. — „מנורת המאור“. — העברעאישער „ראשית חכמה“ — יידישער „בראַנטשפּיגל“. — העברעאישער „ספר המוסר“ — יידישער „לב טוב“. — די צווייִשפּראַכיקע מוסר־ליטעראַטור. — חסידות. — שבחי בעל שם טוב און ר׳ נחמנס מעשיות. — תפלות אויף יידיש. — „פּוקח עורים“.

קאַפּיטל נײַן 94

דייטשע משכילים. — יצחק אייכל. — אהרן וואָלפסאָן. — דער אונטערגאַנג פון יידיש אין דייטשלאַנד איז געווען אויף די גסיסה פון העברעאיש. — די השכלה אין מזרח־אייראָפּע. — איר צוויי־שפּראַכיקייט. — מענדל לעפין. — יוסף פּערל. — י. ש. ביק. — דער ערשטער מאַניפעסט פון יידישיזם — אויף העברעאיש. — דר. שלמה מארקוזי. — דר. שלמה עטינגער און ישראל אקסענ־פעלד. — ח. ח. הורוויץ. — ר׳ מנחם איליער. — יצחק בער לעווינזאָן. — העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אויף יידיש; יידישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אויף העברעאיש. — „קול מבשר“ — אַ ביילאַגע צו „המליץ“.

קאַפּיטל צען 103

די סאָציאַליסטישע השכלה־ליטעראַטור אין ענגלאַנד און אין אמע־ריקע. — „ישראל דער אַלטע“ פון י. צ. סאָבעל. — צבי גרשוני, אלכסנדר האַרקאַווי, געצל זעליקאָוויטש און אַנדערע. — צוויי־שפּראַכיקע צייטונגען. — העברעאישע מאַטאָס פון יידישע צייט־שריפטן. — די צייטווייליקע ירידה פון העברעאיש אין אַמעריקע.

קאַפּיטל עלף 107

אין אַמעריקע — און אין דער אַלטער היים. — סאָציאַליזם און ציוניזם. — אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. — דר. נ. סירקינס דער „המון“ און „השחר“. — „אחיאסף“ גיט ארויס „השלח“ און „דער יוד“. — פּרץ הירשביינס ליטעראַרישע זכרונות. — צוויי

שפּראַכן — איין אַדרעס. — יידישיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף העב־רעאיש, העברעאיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף יידיש. — די צוויי־שפּראַכיקייט פון די הויפּטאַנטיילנעמערס פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. — ניט ד״י, נאָר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. — די פּראַקטיצירונג פון צווייִשפּראַכיקייט. — די שותפותע באַלעבאַטיש־קייט. — „דער גייסט, וואָס פאַרבינדט.״

קאַפּיטל צוועלף 114

די ליטעראַטור — און די געזעלשאַפטלעכקייט. — דאָס העברע־איסטישע קערנדל פון ציוניזם, דאָס יידישיסטישע קערנדל פון „בונד״. — די שרייבער און די טוער. — עס צעברענט זיך א קאַמף. — די פּאָליטישע פאָרמען פונעם קולטור־קאַמף. — דער וואוקס פון יידיש. — די מורא פאַר קאָנקורענץ. — די נייע געזעלשאַפטלעכע כחות.

קאַפּיטל דרייצן 124

נאָכן וועלטקריג. — דער ריס צווישן יידיש און העברעאיש ווערט גרעסער. — אַ דור אָן דערציאונג. — די גרויסע וואַנדערונגען. — די נייע היימען. — די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. — צוויי יידישע קיבוצים פון אַ נייעם טיפּ. — דאָס יידישע היימלאַנד אין ארץ ישראל. — סאָוועט רוסלאַנד. — אָדער נאָר העברעאיש, אָדער בלויז יידיש. — די סכנה פון צוויי אָפּגעזונדערטע ליטע־ראַטורן. — די געפאַר פון אויפהערן קריגן זיך אפילו. — אָפּגע־ריסנקייט און עם־הארצות. — די רויטע שפּראַך.

קאַפּיטל פערצן 134

דער שפּראַכנקאַמף. — אַ פאַמיעליע־מחלוקות. — די יידישע ליטע־ראַטור וויל ניט פאַרקויפן איר בכורה. — דער אַלטער שטראָם. — די צוגעבונדנקייט צו תנ״ך. — נייע יידישע ביבל־איבערזעצונגען. — די ביבלישע טעמעס און מאָטיוון. — אגדה אויף יידיש. — דער אינטערעס צו די העברעאישע שאַפונגען אין אַלע צייטן. — די יידישע ליטעראַטור און אירע איינציקע פאָרשטייערס. — זי היט די קולטור־טראַדיציע, זיי ניט. — די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג. — די מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען. — יידיש און העברעאיש באַ־געגענען זיך. — דער לואיס לאַמעד פאָנד פאַר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן.

Bilingualism in the History of Jewish Literature..........158

די צווייִשפּראַכיקייט פֿון
אונדזער ליטעראַטור

קאַפּיטל איינס

לשון קודש און תרגום־לשון — אַ באַשערטע פּאָר. — העברעאיש און יידיש — אַ צווייט פּאָרל. — אין דער אַלטער ליטעראַטור — און אין דער נייער. — אַ צווייספּראַכיקע ליטעראַטור, צווייספּראַכיקע שרייבער. — די טראַדיציע — די אָפּאָזיציע. — עקסטרעמער העברעאיזם און הונדערטפּראָצענטיקער יידישיזם. — שפּראַכלעכע מאַניסטן. — בילינגוואַליזם — אַ פּראָבלעם, וואָס עקזיסטירט אויך ביי אנדערע פעלקער.

נעמט אַן אַלטן יידישן ספר, — נעמט אַ תנ״ך, דעם ספר פון אַלע ספרים — וועט איר זעען, אַז איין לשון איז ניט אַלעמאָל געווען גענוג פאַר אונדז: צו לשון קודש איז דאָ און דאָרטן צוגעקומען אראמייאיש (טיילן פון עזרא, דניאל). דערמאָנט זיך ווייטער, ווי מען האָט געדרוקט די „עשרים וארבעה״ (די „סוואַרבע״), ווען מען האָט אָנגעהויבן דרוקן ספרים: מען האָט „געזעצט״ לשון קודש אינאיינעם מיט דער איבערזעצונג אין תרגום־לשון. און וואָס איז שייך צום תלמוד, דעם המשך פון תנ״ך, איז עס שוין אין אָריגינאַל גופא א מאָנומענט פון צווייספּראַכיקייט: אראַמיזירטער העברעאיש (משנה), פון איין זייט; העברעאיזירטער אראמייאיש (גמרא), פון דער צווייטער זייט. אין דער עפּאָכע פון תלמוד האָבן די צוויי יידישע שפּראַכן, העברעאיש און אראמיי־

איש, זיך אזוי צוגערוקט אײנע צו דער אַנדערער, געוואָרן אַזױנע נאָענטע שכנות, אז זיי זײַנען אָפּט, קאָן מען זאָגן, געזעסן בײַ אײן טיש און האָבן געגעסן פון אײן שיסל. זיי זײַנען געװען אַן אמתער „זיווג מן השמים", א באַשערטע פּאָר.

אַן ענלעכע פּאָר, און אויך אַ באַשערטע, איז העברעאיש און יידיש.

הונדערטער און הונדערטער ספרים װערן — אָנגעהויבן פון 16טן יאָרהונדערט — געדרוקט אין צװיי שפּראַכלעכע נוסחאות, נאָר איצט איז עס שוין ניט דוקא לשון קודש און תרגום לשון, איצט איז עס שוין אויך לשון קודש און עברי־טייטש. עברי־טייטש האָט זיך צוגעקלעפּט צו העברעאיש, פּונקט אזוי ווי אַמאָל תרגום־לשון.

צווײשפּראַכיקייט איז געוואָרן בײַ אונדז אַן אײַנגעשטעלטע זאַך, אַ טראַדיציע, — און ניט נאָר אין חומש, ניט נאָר אין טײַטש־חומש, ניט נאָר אינעם מוסר־ספר, ניט נאָר אין די תפלות אָדער תחינות, — אויך אין די שפּעטערדיקע השכלה־ביכלעך איז געװען אָפּט אַ שותפות צווישן יידיש און העברעאיש (יידישער טעקסט און העברעאישע נעמען, אָפּט אויך הקדמות און גאַנצע זאַצן אויף העברעאיש). אפילו צײַטשריפטן זײַנען געװען בײַ אונדז, וואו עס פלעגן געדרוקט ווערן סיי העברעאישע, סיי יידישע אַרטיקלען. הײַנט װער רעדט שוין — די שרײַבער אַלײן, סיי די אַמאָליקע, סיי די שפּעטערדיקע — זיי זײַנען נאָך אָפּטער געװען צווײשפּראַכיק.

און ווען ניט אַ געוויסע אָפּאָזיציע צו אָט דעם בילינגוואַליזם אונדזערן, — אַן אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך געמערקט אַמאָל און מער נאָך לעצטנס, — וואָלט ניט נויטיק געווען זיך אַרײַנצולאָזן אין חקירות וועגן דעם, צו זאָלן מיר זיך באַנוגענען מיט אײן יידישער שפּראַך אָדער מיר זאָלן זיך פאַרגינען צו האָבן צוויי יידישע לשונות; די פּאַקטישע צווײשפּראַכיקייט פון גאַנצע עפּאָכעס

אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן וואָלט אונדז פאַר־שפּאָרט זיך צו חקירהן זיך. ס'איז אָבער איצט דאָ — און עס איז אויך אין אַנדערע צייטן געווען — ביי אונדז אַ ריכטונג, וואָס האָט געשטרעבט צו שפּראַכלעכן מאָניזם. איז דעריבער נויטיק זיך קלאָר צו מאַכן, וואָסער טענדענץ האָט טיפערע וואָרצ־לען אין דער יידישער געשיכטע און אַ ברייטערן באַזיס אינעם יידישן לעבן, די טענדענץ פון בילינגוואַליזם אָדער די שפּראַכלעך־מאָניסטישע ריכטונג.

אַז עס איז דאָ ביי אונדז איצט אַ מאָניסטישע שטרעמונג אויפן שפּראַכן־געביט, ווייסן אַלע. אַלעמען איז באַקאַנט די עק־זיסטענץ פון דעם הונדערטפּראָצענטיקן העברעאיזם, פון איין זייט, און דעם עקסטרעמען יידישיזם, פון דער אַנדער זייט. דער ערשטער שטרעבט צו מאַכן העברעאיש פאַר דעם איינאונאיינציקן מעדיום פון אונזער נאַציאָנאַלן שאַפן, דער צווייטער וואָלט דאָס אייגענע וועלן דערגרייכן בנוגע צו יידיש. דער רע־זולטאַט איז, אַז בעת איין טייל פון אונדזער אינטעליגענציע זוכט צו מינימיזירן די באַדייטונג און די ראָליע פון „זשאַרגאָן", דער „גלות־שפּראַך" אָדער „דער שפּראַך פון געטאָ", פליסט זיך אַ צווייטער טייל אירער צו פאַרשמעלערן אָדער גאָר צו עלימינירן די פונקציעס פון העברעאיש אינעם יידישן לעבן.

יעדער פון די צוויי צדדים ווייס, אַז אויב דאָס, וואָס ער וויל, זאָל געשעען אין דערווירקלעכקייט, וואָלט עפּעס ביי אונדז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל, וואָלט עפּעס ביי אונדז פאַר־שאָטנט און פאַרטונקלט געוואָרן. אָבער ער איז גרייט צו ברענגען דעם קרבן: אָדער דערפאַר, ווייל ער גלויבט, אַז דאָס איז אַ קרבן אויפן מזבח פון אונדזער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער איינהייטלעכקייט, אָדער דערפאַר, ווייל ער האַלט, אַז דאָס וועט קיין גרויסער היזק ניט זיין. אַזוי צו אַזוי, האָבן מיר, פון איין זייט, העברעאיסטן, וואָס „קאָנען זיך באַגיין" אין זייער נאַציאָנאַל קולטורעלער באַלע־

באַטישקייט אָן יידיש, און פון דער אַנדער זייט, יידישיסטן, וואָס גלויבן, אַז זיי קאָנען גאַנץ גוט אויסקומען אָן העברעאיש.

אין דער אַלטער תקופה פון אונדזער צווייִשפּראַכיקייט, אין דער תקופה פון העברעאיש־אַראַמייאיש, האָבן מיר ניט געהערט פון אַזוינע אַראַמייאיסטן, וואָס ביי זיי זאָל זיין רעכט אויסצושליסן העברעאיש פון יידישן לעבן, אָבער העברעאיסטן זיינען געווען אויך דאַן אַזוינע, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען, צו וואָס מען דאַרף נאָך אַ יידישע שפּראַך, אַחוץ העברעאיש, כאָטש דער רוב מנין ורוב בנין פונעם יידישן פאָלק האָט דאַן שוין ניט גערעדט קיין העברעאיש. לויט זייער מיינונג איז די פּאַסיקסטע שפּראַך נאָך העברעאיש געווען די לאַנדסשפּראַך, גריכיש, פּערסיש, ניט דאָס פאַריידישטע אַראַמייאיש, — די יידישע פאָלקסשפּראַך פון יענער צייט. אמר רבי: „בארץ ישראל לשון סורסי למה? או לשון הקודש, או לשון יונית... אמר ר׳ יוסי: בבבל לשון ארמי למה? או לשון הקודש, או לשון פרסי״ (רבי האָט געזאָגט: צו וואָס ריידן סיריש (אַראַמייאיש) אין ארץ ישראל? אָדער לשון קודש, אָדער גריכיש... ר׳ יוסי האָט געזאָגט: צו וואָס ריידן אין בבל אַראַמייאיש? אָדער לשון קודש, אָדער פּערסיש... בבא קמא, פ״ב־פ״ג). און אפילו צווישן די, וואָס זיינען ניט אַרויס־געטראָטן קעגן אַראַמייאיש בכלל, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָרנט קעגן דאַוונען אויף דער פאָלקסשפּראַך, דעם דעמאָלטיקן יידיש, ווייל מלאכים, האָבן זיי דערציילט, פאַרשטייען ניט קיין תרגום־לשון, זיי פאַרשטייען נאָר לשון קודש (שבת, י״ב).

ובכן, אַמאָל, ווי איצט, האָבן זיך געפונען יידישע וואָרט־זאָגער, פירער פון פאָלק, וואָס זיינען געווען קעגנער פון נאַציאָנאַלער צווייִשפּראַכיקייט. זיי האָבן געוואָלט אַז די שפּראַך פון אונדזער גייסטיקן אויסלעבן זיך און נאַציאָנאַלן שאַפן זאָל זיין אָדער העברעאיש, אָדער (ווי דאָס איז לעצטנס געוואָרן) יידיש און נאָר יידיש.

די יידיש־מאַניסטן שטיצן זיך אויף דעם א י צ ט י ק ן מצב פונעם יידישן פאָלקסמענטשן, די עקסטרעמע אָנהענגער פון העב־ בראיש ריידן אין נאָמען פון דער יידישער געשיכטע (און דער יידישער צוקונפט). דעריבער איז כדאי זיך גוט צוצוקוקן אי צו דעם היינטיקן צושטאַנד פון דער יידישער פאָלקס קולטור, אי צו אונדזער היסטאָרישער דערפאַרונג, און צו זען, וואָס האָבן זיי אונדז צו זאָגן וועגן אונדזער שפּראַכנפראַגע.

אָבער פריער ווי אַלץ איז נויטיק צו וויסן, אַז מיר יידן זיינען ניט דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט וואָס נוצט און האָט גענוצט פאַר זיין ליטעראַרישן און אלגעמיין קולטורעלן שאַפן מער ווי איין שפּראַך־מעדיום. עס איז וויכטיק צו האָבן אין זינען, אַז ניט נאָר מיר אליין „יידן” אָדער האָבן „געליטן” פונעם בילינגוואַליזם און פונעם קאַמף צווישן צוויי שפּראַכן. אַנדערע פעלקער האָבן אויך געהאַט און האָבן פאַר זיך אָט די פּראָבלעם.

איידער מיר וועלן זי אויספאָרשן אין די באַדינגונגען פון אונדזער אייגענער סביבה און אונדזער אייגענער געשיכטע, וועט ניט שאַדן צו דערוויסן זיך, ווי זי זעט אויס אָדער ווי זי האָט אויסגעזען ערגעץ אַנדערש וואו.

קאַפּיטל צוויי

צווייִשפּראַכיקייט ביי אַנדערע פעלקער. — לאַטיין און די פאָלקסשפּראַכן. — „זיי" און „מיר". — דאָס אינטערנאַציאָנאַלע לאַטיין און דאָס נאַציאָנאַלע העברעאיש. — די איטאַליענישע און די יידישע ליטעראַטור. — ענלעכקייטן און אונטערשיידן.

סוף מיטלאַלטער און אָנהייב רענעסאַנס־תּקופה איז שיר ניט יעדעס פאָלק אין אייראָפּע, — ווער פריער און ווער שפּעטער, — געשטאַנען פאַר דער פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט.

יעדעס לאַנד און יעדעס פאָלק, וואָס האָט זיך געפונען אינעם קרייז פון דער רוימישער אימפּעריע, האָט פון איין זייט, געהאַט אַ קולטור־ און ליטעראַטור־שפּראַך, לאַטיין — די שפּראַך פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט אין יענע צייטן, — און פון דער אַנדער זייט האָט עס ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין אייגענעם פאָלקסלשון, מאַמע־לשון, וואָס זיין ראָליע איז געוואַקסן אינאיינעם מיט דער ראָליע פונעם פאָלק, דערהויפּט פונעם שטאָטישן בירגערטום.*) די דאָזיקע צוויי שפּראַכן, האָבן זיך ביז

---

*) ס'איז געווען אַ צייט, ווען לאַטיין גופא האָט זיך געפונען אין דעם צושטאַנד פון א פאָלקסשפּראַך, דאָס איז געווען, ווען די ליטעראַרישע שפּראַך פון רוים איז געווען גריכיש. די לאַטייניִשע שרייבער האָבן דאַן אַרויפגעקוקט צו די גריכישע, אַזוי ווי שפּעטער האָבן די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן איטאַליעניש אָדער אַן אַנדער פאָלקסדיאַלעקט, געדאַרפט קעמפן פאַר אַנער־

דאָן כמעט ווי ניט באַגעגנט. איינע איז געווען דערהויפּט אַ לשון שבכתב, אַ לשון פון ליטעראַטור, פון לערנען און פון דאַווענען, די אַנדערע איז געווען כמעט אויסשליסלעך אַ שפּראַך שבעל פּה, אַ שפּראַך פון ריידן (און זינגען לידער).

די ערשטע איז איינגעשטאַנען ביי די העכערע קלאַסן, ביי די גייסטלעכע און די אַריסטאָקראַטן, די צווייטע האָט געלעבט אינעם מויל פון די פאָלקסמאַסן. דער וואוקס פונעם שטאָטישן לעבן און פונעם האַנדל, שפּעטער דער אויפקום פונעם דרוקוועזן און פון אַנדערע פאַקטאָרן האָט געפירט דערצו, אַז דעם פאָלקס דיאַלעקט, וואָס ביז דאַן איז ער באַנוצט געוואָרן בלויז אינעם טאָגטעגלעכן פאַרקער, זאָל זיך אָנהויבן שטופּן ארויף, פּרעטענדירן אויף אַן אָרט אין דער שול, אין דעם רעליגיעזן לעבן, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער — און אָנהויבן קאָנקורירן מיט דער דור־דורותדיקער קולטור־הערשאַפט פון לאַטיין. אנשטאָט צו האָבן, ווי פריער, צוויי באַזונדערע ווירקונגספערן, האָבן די צוויי שפּראַכן אָנגעהויבן צו באַגעגענען זיך און צו האָבן צוזאַמענשטויסן.*)

הונדערטער יאָרן געדויערט אָט דער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן דער לאַטייניִשער שפּראַך און דעם פאָלקס לשון — און אין משך פון אָט דער גאַנצער צייט האָט כמעט יעדעס אייראָפּייאישע פאָלק, ווי אַ פאָלק, זיך אויסגעלעבט מיט דער הילף פון צוויי לשונות, —

קעגנונג מצד דער לאַטייניִשער ליטעראַטור, וועלכע איז געוואָרן שוין פונקט אזא „קלאַסישע” יחסנטע, ווי די ליטעראַטור אויף גריכיש... אגב, איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געזוכט צו דערהייבן לאַטיין צו דער מדרגה פון א ליטעראַטורשפּראַך, אַזוי, אַז זי זאָל ניט דאַרפן אראָפּפאַלן ביי זיך פאַר גריכיש איז געווען דער יידיש־רוימישער שריפטשטעלער קיליאַס (דר. הירש לייב גאָרדאָן: „אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור”, „מאָרגן זשורנאַל” פון 23טן יולי, 1939).

*) אַזוי שפּעט ווי אין אָנהייב 16טן יאָרהונדערט איז טינדעיל, דער ענגלישער רעפאָרמאַטאָר, געררודפט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט איבער־געזעצט די ביבל אויף דער פאָלקשפּראַך. חיסנשאַפטלעכע חערק איז אָנגע־נומען געוואָרן צו שרייבן אויף לאַטיין און ניט אויף דער פאָלקסשפּראַך נאָך אפילו אין 17טן יאָרהונדערט.

ליטיין, וואָס איז שוין לאַנג געווען א קולטור־מעדיום, און דעם פאָלקס־לשון, וואָס האָט דאַן ערשט געהאַלטן אין ווערן אַן אינ־סטרומענט פון ליטעראַרישן און אַלגעמיינקולטורעלן לעבן.

די פעלקער פון אייראָפּע האָבן דורכגעמאַכט דאַן אַ פּראָצעס פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, וועלכער איז געווען ענלעך צו דעם קולטור־פּראָצעס, וואָס איז מיט א טויזנט יאָר פריער שוין פאָר־געקומען אין אונדזער יידישן לעבן, — ווען אונדזער דאַמאָלסטיקע פאָלקסשפּראַך, אראַמייאיש, האָט אָנגעהויבן צו ווערן אונדזער צווייטע ליטעראַטור־שפּראַך.

אין סוף מיטאלטער, אין דער עפּאָכע, ביי וועלכער מיר האַלטן, האָט זיך ביי אונדז יידן אָנגעהויבן צו פאָרמירן שוין א נייע „צווייטע שפּראַך", — עברי־טייטש, אדער יידיש. און אָט די נייע יידישע צווייּשפּראַכיקייט האָט אָן קיין שום ספק געהאָט אַ געוויסע שייכות צו דעם אלגעמיין־אייראָפּייאישן שפּראַכן־פּראָ־בלעם פון יענער צייט.

אַזוי ווי ביי אנדערע פעלקער, האָט אויך ביי אונדז געווירקט דער אויפקום פון דער דרוק־קונסט, וואָס האָט ביליקער געמאַכט דאָס בוך און לייכטער — זיין פאַרשפּרייטונג. אַ געוויסע באַדייטונג האָט, אגב, געהאַט דער עצם ביישפּיל פון דער ארומיקער באַפעל־קערונג, וואָס האָט אַלץ מער און מער געניצט די פאָלקסשפּראַך פאַר רעליגיעזע און וועלטלעכע ליטעראַטור־אויפגאבן. אזוי, אַז אויך ביי אונדז האָט מאַמע־לשון און זיין ליטעראַטור אָנגעהויבן צו שפּילן אַ גרעסערע ראָליע ווי פריער. עברי־טייטש האָט, אזוי ווי אַמאָל תרגום־לשון, אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ביסלעכווייז אַן אָרט אין שכנות פון אונדזער קלאַסישער שפּראַך, העברעאיש.

יידיש אָדער יידיש־טייטש איז, אַזוי ווי די פאָלקסשפּראַך ביי אַנדערע פעלקער, ניט געוואוינט געווען צו פאַרנעמען אַזאַ חשובן אָרט, — איז זי געווען זייער באַשיידן און איינגעהאַלטן. צו געוויסע ליטעראַרישע ענינים האָט זי ניט געוואָגט זיך צוצורירן.

אַשטייגער, וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, דאָס, וואָס מען רופט ביי אונדז אַ שווערע סוגיא, אַ האַרבער ענין, סתם אזוי „הלכה" און יעדע זאַך, צו וואָס מען דאַרף צולייגן קאָפּ און זיין א למדן, איז דער יידישער פאָלקסשפּראַך, ווי אַלע אַנדערע פאָלקסשפּראַכן, — אַ לאַנגע צייט געווען פרעמד. אזוינע שווערע און חשובע זאַכן זיינען געשריבן געוואָרן ביי אַנדערע פעלקער אויף ליטיין, ביי אונדז — אויף העברעאיש־אַראַמייאיש. אויף יידיש, אזוי ווי אויף אנדערע פאָלקסשפּראַכן, האָט מען געשריבן נאָר „לייכטע" זאַכן — מעשיות, כראָניקעס, לידער אָדער פּאָפּולאַריזאַציעס פון דער „אמתער" ליטעראַטור (דער העברעאישער ביי אונדז, דער ליטיינישער — ביי אומות העולם).

אונדזער נייע צווייִשפּראַכיקייט (העברעאיש־יידיש) קאָן, דעריבער, באַטראַכט ווערן אינעם ליכט פון אלגעמיין־אייראָפּייאישן בילינגוואליזם אין סוף מיטלאַלטער און אָנהייב רענעסאַנס.

דערביי דאַרף מען אָבער געדענקען, אז עס איז געווען און אַז עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן „אונדז" און „זיי". ביי אונדז איז די געירשנטע קולטורשפּראַך געווען העברעאיש, אונדזער אייגענע שפּראַך, ניט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע ליטיין, ניט אַזאַ לשון, וואָס איז די פאָלקסמאַסן געווען כמעט אינגאַנצן פרעמד אומעטום, אַחוץ אין איטאליע און אין אנדערע ראָמאַנישע מדינות. ביי אונדז האָט זיך ניט גערעדט וועגן פאַרבייטן די פרעמדע (ליטיינישע) קולטור־שפּראַך מיט אן אייגענעם קולטור־לשון. ביי אונדז זיינען ביידע שפּראַכן געווען אייגענע און די אַלטע שפּראַך, לשון קודש, איז געווען איינגעבאַקן אין האַרצן ביי אלעמען, — און ניט בלויז ביי די לומדים, אויך ביי די פּראָסטע יידן.*)

---

*) דער פאַרשטאָרבענער פּראָפ. לעאָ ווינער איז שוין געווען אביסל צו משכיליש און צו אַפּאָלאָגעטיש, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרענטפערן יידן, פאַרוואָס זיי האָבן געשריבן העברעאיש. לויט זיין מיינונג, האָבן זיי עס געטאָן אונטער דער ווירקונג פון דער קאַטוילישער קירך: דאָס,

און כאָטש מען האָט זיך מער ניט געוואָלט באַנוגענען מיט העברעאיש, מען האָט געוואָלט גרייכן די פֿאָלקסמענטשן און די פֿרויען, און מען האָט זיך געווענדט צו זיי אויף זייער לשון, אויף עברי־טייטש, — וואָלט דאָך געווען אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן אַן אַמאָליקן יידישן שרייבער, וואָס זאָל זיך אויסדריקן, אזוי ווי אשטייגער, אולריך פֿאָן הוטטען, דער דייטשער הומאַניסט, האָט זיך אויסגעדריקט, ווען ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אָנגעהויבן שרייבן ליטיין, נאָר אַזוי ווי זייער ווייניק מענטשן האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער „זיך געווענדט צום פֿאָטערלאַנד, צום דייטשן פֿאָלק אויף זיין אייגענער שפּראַך". ביי אונדז וואָלט מען זיך ניט געקאָנט אזוי אויסדריקן. אמת, טאַקע, העברעאיש האָבן ניט אַלע יידן פֿאַרשטאַנען, אַזוי ווי ניט אַלע דייטשן האָבן פֿאַרשטאַנען ליטיין, אָבער ווען מען האָט גענומען שרייבן אויף יידיש, האָט עס ניט געהייסן, אַז מען איז איבערגע־גאַנגען פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך צו אַן אייגענער. ניין, דאָס האָט געהייסן, אַז צו איין אייגענער שפּראַך האָט מען געוואָלט צוגעבן א צווייטע.

יידיש איז אין אָנהייב געווען ניט מער ווי א צוגאָב צו העברעאיש, — אַ מין געהילפֿסשפּראַך.

אויב עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָלק, וואָס זיין צווישפּראַכיקייט אין סוף מיטלאַלטער איז אין א גרויסער מאָס געווען ענלעך אויף אונדזערער, איז דאָס געווען דאָס איטאַליענישע פֿאָלק. ביי אים איז ליטיין געווען כמעט דאָס, וואָס ביי אונדז העברעאיש — די שפּראַך פֿון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און נאַציאָנאַלער קולטור. און ביי אים איז אין אָנהייב דער פֿאָלקס־דיאַלעקט, וועלכער האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו ווערן אַ ליטעראַטור־שפּראַך, אויך ניט

וואָס ליטיין איז געווען פֿאַר די קריסטן, האָט העברעאיש געזאָלט זיין פֿאַר יידן (זע ווינערס History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century, ניו־יאָרק, 1899, ז. 2) דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק.

געוועזן מער ווי א מין צוגאָב צו לאַטיין, דער שפּראַך פון זײַנע נאַציאָנאַלע קלאַסיקער. דאָך קאָן מען אפילו לאַטיין־איטאַליעניש ניט פאַרגלײַכן צו העברעאיש־יידיש. איטאַליעניש האָט א דאַנק דער רענעסאַנס באַוועגונג און דערהויפּט אזוינע פאַרשטייער אירע, ווי דאַנטע, פּעטראַרקא, באָקאַטשיאָ און אַנדערע, שפּעטערדיקע, דערגרייכט אינגיכן די מדרגה פון א נאַציאָנאַלער שפּראַך, און אין דער קינסטלערישער, אויב ניט אין דער וויסנשאַפטלעכער, ליטעראַטור האָט איטאַליעניש אָנגעהויבן ארויסצושטופּן לאַטיין און פאַרנעמען איר אָרט. לײַכט איז עס אויך דער איטאַליענישער שפּראַך ניט אָנגעקומען. מען האָט א שפּאָר ביסל צײַט געקוקט אויף איר פון אויבן אראָפּ. פּעטראַרקא אַליין האָט געריידט מיט ביטול וועגן די סאָנעטן, וואָס ער האָט געשריבן ניט אויף לאַטיין, נאָר אויף „פּראָסט איטאַליעניש". דאָך האָט די פאָלקסשפּראַך אין איטאַליע אָנגעהויבן צו פאַרנעמען ביסלעכווייז דעם אָרט פון לאַטיין. ביי אונדז איז עס ניט געוועזן אזוי. ביי אונדז האָט יידיש ביזן אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט ניט פּרעטענדירט אפילו אויפן טראָן פון דער „גבירה". אין אונדזער אייגענער „עפּאָכע פון הומאַניזם און אויפקלערונג", אין דער עפּאָכע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינמיטן 18טן יאָרהונדערט, איז העברעאיש געוואָרן נאָך מער יחוס ווי פריער, און יידיש, די פאָלקסשפּראַך, איז (טעאָרעטיש, ווינציקסטנס) נאָך מער, ווי פריער, דערניידעריקט געוואָרן, בעת דער אַלגעמיין־אייראָפּייאישער הומאַניזם האָט פאַר־שטאַרקט דעם אינטערעס צו די פאָלקסשפּראַכן, ניט בלויז צו די שפּראַכן פון דער אַנטיקער צײַט. ביי אונדז האָט דער צושטאַנד — און די פּראָבלעם — פון צווייִשפּראַכיקייט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די אורזאַכן זײַנען געוועזן אַסך. די וויכטיקסטע פון זיי איז, דוכט זיך מיר, די, וואָס רעליגיע האָט ביי אונדז אויס־געפירט די פונקציע, וואָס ביי אַנדערע פעלקער ווערט זי אויס־געפירט פון לאַנד און שפּראַך, — די פונקציע פון צוזאַמענהאַלטן

די מיטגלידער פון דער נאַציע, און אזוי ווי העברעאיש איז געווען און געבליבן די שפּראַך פון דער אמונה ביי יידן, אַחוץ דעם, וואָס זי איז געווען און געבליבן דער סימבאָל פון אונדזער נאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט — איז דער אָרט, וואָס זי האָט פאַרנומען און פאַרנעמט אינעם יידישן באַוואוסטזיין, ניט אין ערך גרעסער און וויכטיקער, ווי עס איז געווען דער אָרט פון ליטיין אינעם באַוואוסטזיין פון די איטאַליענער.

און אויב מיר ווילן געפינען אן ענלעכקייט צווישן אונדזער צווייִשפּראַכיקייט און אן ענלעכער שפּראַכנפּראַגע ביי אנדערע פעלקער, דאַרפן מיר זיך ווענדן ניט צו דער צייט פון ערב דער רענעסאַנס־עפּאָכע, ווען אייראָפּייאישע פאָלקסשפּראַכן האָבן אָנגעהויבן ארויסצואווייזן א טענדענץ צו ווערן קולטור־שפּראַכן און צו קאָנקורירן מיט ליטיין, — נאָר צו דער איצטיקער צייט.

קאַפּיטל דריי

צווייִשפּראַכיקע קולטורן אין אונדזער צייט. — די מאָדערנע גריכישע קולטור. — אַלט־און ניי־גריכיש. — גריכישע „העברעאיסטן" און גריכישע „יידישיסטן". — דער קאַמף צווישן זיי. — ביי „זיי" און ביי „אונדז". — די מאָדערנע קולטור פון כינע. — פ ע י ו — דאָס געערדטע כינעזיש. — דאָס כינעזישע „יידיש" און דאָס כינעזישע „העברעאיש". — ק י ו ו ו י ן. — די מאַנדארינען. — י ו ש י, דער פירער פון יונג־כינע. — זיין קאַמף און זיינע דערגרייכונגען.

איצט גופא זיינען דאָ פעלקער, וואָס די ליטעראַטור און די גאַנצע קולטור ביי זיי איז, אַזוי ווי ביי אונדז, צווייִשפּראַכיק.

צוויי פון די עלטסטע פעלקער אין דער וועלט, — די גריכן, דאָס ערשטע אייראָפּייִשע קולטור־פאָלק און די כינעזער, דאָס עלטסטע קולטורפאָלק אין אַזיע, — לעבן זיך אויס ליטעראַריש און אלגעמיין קולטורעל מיט דער הילף פון צוויי אייגענע לשונות.

די גריכן האָבן, אַזוי ווי מיר יידן, זייער העברעאיש־יידיש פּראָבלעם. זייער העברעאיש איז דאָס קלאַסישע גריכיש. עס ציט זיין חיונה פון די אנטיקע גריכישע פּאָעטן, טראַגיקער און פילאָ־זאָפן; אָבער עס איז ניט דאָס גריכיש פון האָמער, סאָפאָקל אָדער פלאַטאָ, אַזוי ווי אונדזער העברעאיש איז לאַנג שוין ניט

דאָס העברעאיש פון משה רבינו און ישעיה הנביא. דאָס גריכיש פון די מאָדערנע גריכישע שרייבער איז, אזוי ווי דאָס העברעאיש פון די היינטיקע העברעאישע שריפטשטעלער, אסך־הכל פון דעם גרונטעלעמענט פונעם פאַרצייטיקן גריכישן לשון, געפּלט אויף פאַרשיידענע עלעמענטן פון שפּעטערדיקע שפּראַך־תקופות. עס איז א „סינטעטישע", א געמאַכטע און אביסל טאָקע א געקינצלטע שפּראַך. כאָטש זי איז זייער ווייט פונעם אמתן אמאָליקן גריכיש, איז זי נאָך ווייטער פונעם גריכיש, וואָס לעבט אינעם מויל פון די היינטיקע גריכן. דאָס גערעדטע גריכיש און דאָס ליטעראַרישע גריכיש זיינען צוויי נאָענטע, אָבער גאָר באזונדערע שפּראַכן, — אַזוי ווי, לאָמיר זאָגן, איטאַליעניש און לייטיין אָדער אונדזער יידיש און העברעאיש. איטאליעניש האָט שוין אין 13טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו ווערן (און שפּעטער אביסל אנערקענט צו ווערן) ווי אַ ליטעראַרישע שפּראַך. ניי־גריכיש אָדער דאָס גערעדטע גריכיש איז, אזוי ווי אונדזער יידיש, ביז איצט נאָך ניט אינגאנצן אנער־קענט געוואָרן פון א גרויסן טייל גריכישע אינטעליגענציע. עס איז באַטראַכט געוואָרן און עס ווערט עד היום נאָך פון די גריכישע „העברעאיסטן" באַטראַכט פאַר אַ דיאַלעקט, וואָס קאָן גענוצט ווערן אינעם טאָגטעגלעכן פאַרקער, אויך פאַר די צילן פון פאָלקס־שאַפונג, אָבער ניט פאַר ליטעראַרישע צילן. די שפּראַך פון דער גריכישער ליטעראַטור איז געווען, און געבליבן, די פריער דער־מאָנטע „סינטעטיש"־ליטעראַרישע שפּראַך. דאָס קלאַסישע גרי־כיש איז אין דער עפּאָכע פון דער גריכיש־נאַציאָנאַלער אויפ־לעבונג, אין דער עפּאָכע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן אנדער־האַלבן יאָרהונדערט צוריק און וואָס האָט קולמינירט אין דער באַ־פרייאונג פון 1827 — דאָס קלאַסישע גריכיש איז אין יענער צייט גאָר באַזונדערס פאַרגעטערט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער גריכי־שער אינטעליגענציע, אזוי ווי די שפּראַך פון די נביאים איז אין דער תקופה פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג ביי אונדז געוואָרן

א קולט. אָבער ווי ביי אונדז, האָט טאָקע אין דער זעלביקער אויפוואַכונג־צייט אָנגעהויבן פאַרשטאַרקט צו ווערן דער אינטע־רעס צו דער פאָלקסשפּראַך אויך ביי א טייל גריכישע שרייבער. עס האָבן זיך גענומען ווייזן פאלקיסטן אָדער „וואולגאריסטן" אין דער גריכישער ליטעראַטור, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאַמף, וואָס איז זייער ענלעך צו דעם קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן אונדזערע העברעאיסטן און אונדזערע „זשאַרגאָניסטן" (שפּע־טער יידישיסטן). די גריכישע העברעאיסטן האָבן חוזק געמאכט פון די אָרימע, האלב ווילדע, פאָלקסדיאלעקטן און פון די, וואָס האָבן זיי גענוצט פאר ליטעראריש־קינסטלערישע צילן. די גרי־כישע „זשאַרגאָניסטן" האָבן זיך, פאַרקערט, איינגעשטעלט פאַר די רעכט פונעם פאָלקס לשון און אָנגעוויזן, פון זייער זייט, אויף דער קינסטלעכקייט פון דער געצאַצקעטער ליטעראַטור־שפּראַך און אויך אויף דעם פאַקט וואָס אירע ווערק ווערן פון פאָלק ניט געלייענט און ניט פאַרשטאַנען. וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער געראַנגל צווישן די צוויי שפּראַכן פונעם גריכישן פאָלק. די גריכישע „וואולגאַריסטן" האָבן, אַזוי ווי אונדזערע יידישע שרייבער, געזאַמלט און געפאָרשט די פאָלקסלידער און די פאָלקסמעשיות; אויך האָבן זיי געזוכט אריינצוברענגען וואָס מער אַלטע ליטעראַטור־אוצרות אין ניי־גריכיש (אפילו די „איליאדע" האָט מען איבערגעזעצט אויפן לשון פון פאָלק). מען האָט געזוכט צו פאַרשענערן די פאָלקסשפּראַך, צו באַרייכערן זי, צו מאַכן זי חשובער, אָנגעזעענער און צוציען צו איר די אויפמערקזאמקייט פון דער אינטעליגענציע. דאָך האָט מען זי א לאַנגע צייט ניט גענוצט פאר וויסנשאפטלעכע צילן און פאַר צילן פון דערציאונג. אַזוי ווי יידיש, איז ניי־גריכיש ביז דאָ ניט לאַנג נאָך געווען אָ שפּראַך נאָר פון „לידער און מעשיות"; אזוי ווי יידיש, איז ניי־גריכיש ערשט דאָ ניט לאַנג אריינגענומען געוואָרן ווי א למוד אין די פאָלקסשולן. אָבער ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן שרייבן

אויך וויסנשאפטלעכע ווערק אויף דער גריכישער פאָלקסשפּראַך. די טעגלעכע צייטונגען האָבן אָנגעהויבן איינצופירן ספּעציעלע זייטן פאר ד ע מ אָ ט י ק. (אין 1903 האָט די גריכישע פאָלקסשפּראַך געהאט שוין איר אייגענעם וועכנטלעכן אָרגאַן). אין 1909 האָט ווענעזעלאס, דער באַרימטער גריכישער פירער, רע־פאָרמירט אדער, ריכטיקער, רעוואָלוציאָניזירט די גאַנצע בילדונג־סיסטעם פונעם גריכישן פאָלק און ער האָט איינגעפירט דעם „גריכישן יידיש" אין דער פאָלקסשול.

דאָס מיינט ניט, אז ניי־גריכיש האָט ארויסגעשטופּט אַלט־גריכיש און פאַרנומען זיין אָרט. אָ, ניין. די אַלטע יחסנטע איז געבליבן די יחסנטע, די „גבירה". אָבער די ניי אויפגעקומענע שפּראַך האָט אָנגעהויבן צו רוקן זיך נעענטער צו איר, נעענטער צום אויבנאָן. די גריכישע פאָלקיסטן זיינען געוואָרן אַקטיווער און אַגרעסיווער. דאָס האָט פאַרדראָסן זייערע קעגנער, די חסידים פון דער אַלט־גריכישער טראַדיציע; דאָס האָט זיי באַאומרואיקט. און זייער קעגנערשאפט צו די רעפאָרמעס אויפן שפּראַכגעביט איז געוואָרן אַלץ שארפער און ביטערער. ערשט דאָ ניט לאַנג האָט איינער פון זיי, דער דיכטער האזידאקיס, זיך אויסגעדריקט, אַז „יעדע פּראָבע צו באַקעמפן אונדזער קלאַסישע שפּראַך דאַרף באַטראַכט ווערן ווי א פּרואוו צו ברענגען אַן אומגליק און א קאַטאַסטראָפע אויף אונדזער אומה. אירע אויפטוערס דאַרפן פאַררעכנט ווערן פאַר די צעשטערערס פון דער גריכישער נאַציע, פאַמיליע און געזעלשאפט. די „וואולגאריסטן" גראָבן אונטער (צערייסן) דעם באַנד, וואָס פאַראייניקט די נאַציע מיט איר גרויסער פאַרגאַנגענהייט, וואָס בלייבט א ליכט־טורעם צו באַלייכטן די וועגן אפילו פון פרעמדע פעלקער!"*)

*) ציטירט לויט דר. סלושץ ארטיקל אין „מאָרגן זשורנאל" פון 18טן אוגוסט, 1929.

אַזוי פֿאַרביטערט און פֿאַרצאַרנט זיינען געוואָרן די גריכישע פֿאַרלייקענער פֿון דער פֿאָלקסשפּראַך, אַז ווען עס איז אין יאָר 1901 פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ ניי־גריכישע איבערזעצונג פֿונעם נייעם טעסטאַמענט, האָבן זיי געמאַכט אַ מוראדיקן טומל. זיי האָבן געשריען: „פֿאַרראַט!" די סטודענטן פֿון אַטענער אוניווער־זיטעט האָבן זיך ניט געקאָנט בארויקן, און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע קעגן פֿאַרעפֿנטלעכן די עוואַנגעליע אויף דער פֿאָלקסשפּראַך. אונטער פֿלאַטערנדיקע נאַציאָנאַלע פֿאָ־נען האָבן זיי מאַרשירט איבער די גאַסן פֿון דער גריכישער הויפּטשטאָט, פֿאָדערנדיק, אַז דער גריכישער מיטראָפּאָליט זאָל אריינלייגן אין חרם די, וועלכע האָבן געוואגט „מטמא" צו זיין די עוואַנגעליע מיט דער „וואולגאַרער" איבערזעצונג. גאָר אַזוי ווי ביי אונדז... אויך ביי אונדז זיינען העברעאיסטן געווען ברוגז, ווען די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך קאָנפֿערענץ אין 1908 האָט רעקאָמענדירט איבערצוזעצן אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות און דערהויפּט תנ"ך אויף אונדזער היינטיקן יידיש. אָבער אַזוי ווילד, ווי די גריכישע „העברעאיסטן", זיינען די יידישע ניט געווען. די גריכן האָבן ניט סתם אַזוי פּראָטעסטירט קעגן דער ניי־גריכישער איבערזעצונג פֿון דער קריסטלעכער ביבל. זיי האָבן געמאַכט אַ בונט. פּאָליציי האָט זיי ניט געקאָנט איינשטילן. עס איז ארויסגערופֿן געוואָרן מיליטער. צווישן די דעמאָנסטראַנטן און די סאָלדאַטן האָט אויסגעבראָכן אַ צוזאַמענשטויס, בלוט האָט זיך געגאָסן. אַכט סטודענטן זיינען געפֿאַלן טויט, זעכצן זיינען פֿאַרוואונדעט געוואָרן. די שוידערלעכע קרבנות האָבן אויפֿ־גערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. פֿונעם קולטור־קאַמף איז געוואָרן אַ פּאָליטישער קאַמף. דער מיטראָפּאָליט און דער מיניסטאָרן־קאַבינעט, וועלכע האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן די פֿאָדערונגען פֿון די שטרענגע טראַדיציאָנאַליסטן, זיינען געצוואונגען געווען צו רעזיגנירן. די סטודענטן, וואָס זיינען אומגעקומען בעת דער

דעמאָנסטראַציע, זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר נאַציאָנאַלע מאַר־טירער, — און אַלט־גריכיש איז נאָך מער פאַרהייליקט געוואָרן.

אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט די ארבעט פון די גריכישע פאָלקיסטן. זיי זיינען, פאַרקערט, געוואָרן נאָך ענערגישער און ענטוזיאַסטישער ווי פריער. אַלע זייערע כחות האָבן זיי פון דאַן אָן אָפּגעגעבן דער אנטוויקלונג און דערהייבונג פון דער ליטעראַטור אויף דער גריכישער פאָלקסשפּראַך. זיי האָבן זיך שוין מער ניט באַנוגנט מיט ניי־גריכישע ביילאַגעס צו אלט־גריכישע צייטונגען; זיי האָבן אָנגעהויבן ארויסצוגעבן זייערע אייגענע צייטשריפטן; זיי האָבן אלץ מער און מער קלאַסיקער איבערגעזעצט אויף דער גריכישער פאָלקסשפּראך; אלץ מער דערמוטיקט אירע פּאָעטן, אירע פאָרשער, אירע היסטאָריקער. אַזוי, אַז ביי היינטיקן טאָג שאַפן די גריכן זייער ליטעראַטור אין צוויי שפּראַכן, און—ווער וויס?—אפשר געפינען זיך שוין ביי זיי אויך אַזוינע, וואָס זייער לאָזונג איז: „צוויי שפּראַכן — איין ליטעראַטור".

צוויי ליטעראַרישע שפּראַכן האָט אויך דאָס כינעזישע פאָלק, — „די גרויע האָר פון דער מענטשהייט" אין אַזיע. די צווייטע ליטעראַרישע שפּראַך איז ביי די כינעזער, ווי ביי אונדז, א בת־זקונים. ביז דאָ ניט לאַנג נאָך איז דאָס גערעדטע כינעזיש, פּ ע י י ו, זייער ווינציק באַנוצט געוואָרן פאַר ליטעראַרישע צילן. דאָס איז געווען אַ שפּראַך אָדער, ריכטיקער, אַ גרופּע דיאַלעקטן, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָליע דערהויפּט אינעם טאָג־טעגלעכן פאַרקער און אין דער פאָלקסשאַפונג. איר ליטעראַטור, ווי ווייט זי האָט עקזיסטירט, איז, אַזוי ווי דאָס ליטעראַרישע שאַפן אויפן גערעדטן גריכיש אָדער יידיש, געווען ניט רייך, ניט קולטיווירט און ניט אָנגעזעען, אַזוי ווי זי אַליין. מען האָט געשריבן אויף איר ראָמאַנען פארן פאָלק, אָבער קיינער האָט זיך

אויף זיי ניט אומגעקוקט, אזוי ווי מען האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זייערע פּאָרפאָסערס, כאָטש זיי דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר די אמתע פונדאַמענטלייגער פון דער ניי־כינעזישער ליטעראַטור (זע לין יוטאַנג, ז. 239 .My Country, My People,)

אין די שולן האָט מען ביז מיט א פערטל־יאָרהונדערט צוריק געלערנט בלויז אַלט־כינעזיש, אזוי ווי מען האָט ביי אונדז אַמאָל געלערנט נאָר לשון קודש, כאָטש אַלט־כינעזיש איז אַזוי ווייט, אויב ניט נאָך ווייטער פונעם כינעזיש, וואָס כינעזער ריידן און פאַרשטייען, ווי העברעאיש פון יידיש. מען האָט זיך ניט גערעכנט דערמיט, וואָס קיינער רעדט מער ניט די שפּראַך פון די אַלטע כינעזישע קלאַסיקער און וואָס זעלטן־ווער עס פארשטייט זי; מען האָט געקוקט ווי אויף אמתער ליטעראַטור נאָר אויף דעם וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפן פאַרצייטיקן שטייגער. די מעשיות, וואָס זיינען דערציילט געוואָרן, און די לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן, אויף די לעבעדיקע פאָלקס־דיאַלעקטן, זיינען אוועקגעמאַכט געוואָרן אונטערן האַנט. די גרויסע יחסנים, די כינעזישע לומדים, די מאנדארינען, האָבן אויף דער כינעזישער פאָלקסליטעראַטור געקוקט אזוי ווי אונדזערע העברעאיסטן האָבן ביז דאָ ניט לאַנג נאָך געקוקט אויף דער יידישער ליטעראַטור — פון אויבן אַראָפּ.

די ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אויפן היינטיקן כינעזיש זיינען דאָך זייער באַליבט געוואָרן ביי דעם פאָלקסמענטשן. און עס איז קיין וואונדער ניט, פאַרוואָס. זיינען זיי דאָך גייסט פון זיין גייסט, און ער פאַרשטייט זיי, ער האָט פון זיי הנאה. אָבער די אָפיציעלע שריפטשטעלער, די גרויסע כינעזישע תלמידי חכמים, האָבן ניט געוואָלט וויסן ניט פון דער שאַפונג און ניט פון דער שפּראַך פון פאָלק. „די פּאָעטן און די פילאָזאָפן, דערציילט מר. לואיס ס. גאַננעט, אַן אַמעריקאַנער קריטיקער, וועלכער האָט געמאַכט אַ שטודיען־רייזע איבער כינע, — האָבן ווי פריער געשריבן

קיו ווין (ד. ה. אַלט־כינעזיש) און כאַטש דער לשון איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער געקינצלט און אַלץ מער פאַרפרעמדט פון לעבן, האָט דאָך קיינער ניט געצווייפלט אין זיין רעכט צו באַהערשן די גאַנצע (כינעזישע) בילדונג און דערציאונג־סיסטעם״...

לויט דער לאָגיק פון עקסטרעמען העבּרעאיזם אָדער אַלט־העלעניזם וואָלט די גייסטיקע און פּאָליטישע אויפלעבונג פון אַזאַ אַלטן קולטור־פאָלק, ווי די כינעזער, געדאַרפט פאַרשטאַרקן דעם אינטערעס צו דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך און צו אירע אַלטע קולטור־טראַדיציעס. אָבער די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין כינע טראָגט אַ ריין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. האָט זי ניט געקאָנט בלייבן אין די ראַמען פון דער יחוסדיקער און פאַרגליווערטער מאַנדאַרין־קולטור. זי האָט געמוזט האָבן מער לופט, מער רירעוודיקייט, מער לעבן. איר ציל איז געוואָרן די אינעווייניקסטע באַפרייאונג, די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, דער וואוקס, ניט די קאָנסערווירונג, פון דער כינעזישער קולטור. אין שפּיץ פון דער באַוועגונג שטייט די פּראָגרעסיווע יוגנט, די ראַדיקאַלע אינטעליגענציע. זי איז קעגן דער „כינעזישער וואַנט״, וואָס טיילט אָפּ די פיר הונדערט מיליאָן כינעזער פון דער וועלט, און זי איז קעגן דעם „כינעזישן צאָפּ״, וואָס האַלט צוגעבונדן איר פאָלק צו די פאַרשטיינערטקייטן פון אַמאָל און לאָזט אים ניט רירן זיך פון אָרט...

איז די רענעסאַנס־באַוועגונג אין כינע ניט קיין אומקערן זיך צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר, פאַרקערט, אַ פלאַמיקער גלויבן אין לעבן — און אין דער שפּראַך פון לעבן.

„מאַכט ניט נאָך די אַלטע, האָט געשריבן אין זיינס אַ ליטעראַרישן מאַניפעסט דר. יו שי, דער פירער פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס־באַוועגונג אין כינע, יעדער זאַץ, וואָס מיר שרייבן, מוז אויסדריקן אונדזער אינדיווידואַליטעט״. קיין טויטע שפּראַך, האָט ער אָפן געזאָגט, קאָן ניט שאַפן קיין לעבעדיקע ליטעראַטור.

אויב כינע וויל אַ לעבעדיקע ליטעראַטור, מוז די ליטעראַטור זיין אין דער לעבעדיקער שפּראַך". און אזוי האָט געזאָגט יו שי—און ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט מאַניפעסטן. זיינע אייגענע לידער און אנדערע ווערק האָט ער געשריבן אויף א היינטיקן שטייגער און אויף דער היינטיקער שפּראַך — דער שפּראַך פון טאָגטעגלעכן לעבן. ער איז געוואָרן אַ לערער און א מוסטער פאַר אנדערע...

ציַיטונגען זיינען שוין פריער אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף דער גערעדטער שפּראַך. אויך ראָמאַנען זיינען אויף איר געשריבן געוואָרן. איצט האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אויף דעם דאָזיקן לשון פּאָעזיע, וויסנשאַפט.

די פירער פון דער אַלט־כינעזישער ריכטונג גיבן זיך אָבער ניט אונטער. זיי גייען אויף זייער אַלטן וועג. אויף זייער זייט איז די געוואוינהייט, די טראַדיציע, די איינהייטלעכקייט פון דער קלאַסישער שפּראַך און דער גרויסער דרך ארץ פאַר די אַלטע הייליקע שריפטן. אין די אויגן פון די טראַדיציאָנאַליסטן זיינען די יונגע שרייבער, די ענטוזיאַסטן פון ניי־כינעזיש, הפקר־מענטשן, באַרבאַרן. דער אמת אָבער איז, אַז דר. יו שי, דער טאַלאַנטפולער פירער, שטאַמט אַליין פון אַן אַלטער משפחה געלערנטע און ער איז גוט באַהאַוונט אין דער אַלטער כינעזישער ליטעראַטור. וועגן אים וואָלט, דעריבער געווען שווער צו זאָגן, אַז זיין שטרעבונג צו רעפאָרמעס נעמט זיך פון עם־הארצות אָדער פון ניט שעצן גענוג די אַלטע אוצרות. ניין, ער ווייסט, ווי זיי צו שעצן. דער אַלטער קוואַל איז אים טייער, אָבער נאָך טייערער איז אים דאָס לעבעדיקע פאָלק, זיין לעבעדיק שאַפן און — זיין צוקונפט.

דר. יו שי האָט אין 1917, גלייך ווי ער איז געקומען צוריק אַהיים פון אַמעריקע, וואו ער האָט שטודירט, גענומען זיך פאַר דער אויספאָרשונג און דער באַנייאונג פון דער כינעזישער פאָלקס־ליטעראַטור. ער האָט אויסגעקליבן די בעסטע פון די פאָלקס־ביכער, וואָס ביז אַהער האָט מען זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט,

און ארויסגעגעבן זיי פון דאָס ניי מיט זיינע באַמערקונגען און פּאָררעדעס. ער האָט גרופּירט ארום זיך אלע פּראָגרעסיווע שרייבער, און עס איז געוואָרן א באַוועגונג ארויסצוגעבן אין דער פאָלקסשפּראַך וואָס מער און וואָס בעסערע פּעריאָדישע אויסגאַבן און ביכער, אָריגינעלע אָדער איבערגעזעצטע. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פּרובן צו פאַראייניקן די פאַרשיידנאַרטיקע דיאַ־לעקטן, צו פאַראיינפאַכן די אָרטאָגראַפּיע, אויסצואַרבעטן א לייכטן פאָנעטישן אַלפאַבעט.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע פאַרלאַגן, און איינער פון זיי האָט זיך פאַרמאָסטן ארויסצוגעבן א „פולע ביבליאָטעק" אין ניי־כינעזיש — א זאַמלונג פון צוויי טויזנט ביכער. אין דער „ביבליאָטעק" גייען אריין איבערזעצונגען פון הונדערט אלטע כינעזישע קלאַסיקער (ענלעך צו יהואשעס איבערזעצונג פון תנ"ך אָדער דר. זאַלקינדס תלמוד איבערזעצונג), הונדערט געקליבענע ווערק פון אייראָפּייאישער ליטעראַטור (האָמער, שעקספּיר, מילטאָן, סערוואַנטעס, געטע, טאָלסטאָי, הויפּטמאַן, א. א. וו.), אַכציק ביכער וועגן געשיכטע און געאָגראַפּיע, די פילאָזאָפישע ווערק פון שפּינאָזע, דעקאַרט, יום, שאָפּענהויער, ניטצשע, בערגסאָן, דיואי, א. ד. ג. און אָט די דאָזיקע „ביבליאָטעק" איז געקויפט געוואָרן סײַ פון רעגירונגס־אינסטיטוציעס פאַר פאָלקס־ביבליאָ־טעקן, סײַ פון יחידים... וואָלט אימיצער מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק געגלויבט, אַז די כינעזישע „שפחה", אָט די פאַראַכטעטע, פאַרוואָרלאָזטע, פאַרווילדעוועטע פאָלקסליטעראַטור, וועט זיך אין אַזאַ קורצער צייט אויפהייבן ביז צו אַזאַ הויכער מדרגה?

די באַוועגונג האָט זיך אין כינע, אַזוי ווי אומעטום, אָנגעהויבן אין דער ליטעראַטור, אָבער זי האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם געדרוקטן וואָרט. זי האָט געזוכט צו האָבן אַ ווירקונג אויך אויף אַנדערע קולטור־ספערן. און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער הויפּט־אָביעקט פון איר קאַמף איז געוואָרן — די שול. קיין שפּראַך,

קיין ליטעראַטור קאָן זיך ניט אַנטוויקלען ווי געהעריק איז, אויב זי ווערט ניט געלערנט מיט די קינדער אין די שולן. האָבן די יונג־כינעזער אָנגעהויבן צו פאָדערן א רעפאָרם אין דער דער־ציאונג. זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז די גערעדטע שפּראַך אינאיינעם מיט איר ליטעראַטור זאָל אריינגענומען ווערן אין דער אָפיציעלער שול־פּראָגראַם. און זייער פאַרלאַנג איז דערפילט געוואָרן. ער איז דערפילט געוואָרן שנעלער ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן. יו שי האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין כינע און אָנגעהויבן זיין פּראָפּאָגאַנדע אין יאָר 1917, — און שוין אין אַ פּאָר יאָר אַרום, אין 1920, האָט דער בילדונגס־מיניסטער געלאָזט איבעראַרבעטן די טעקסט־ביכער פון דער אָנפאנגס־שול אין פּעי יו (אין דער גערעדטער שפּראַך), און פון דעמאָלט אָן לערנט מען די ערשטע צוויי יאָר אין אלע שולן פון דער כינעזישער רעפּובליק דאָס — ביז אהער איגנאָרירטע און פאַראַכטעטע — פאָלקס־כינעזיש. אין דער דערמאָנטער פאַראָרדענונג פונעם בילדונגס־מיניסטעריום איז געשטאַנען, אַז אַלע לערער־קורסן מוזן אריינגעמען אין זייער פּראָ־גראַם דעם לימוד פון ניי־כינעזיש — און, ווי עס האָט דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו יאָרק טיימז”, — איז עס אין דער געשיכטע פון כינע געווען דער ערשטער רעגירונג־דעקרעט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף ניי־כינעזיש... „כינע”, שרייבט אָט דער קאָרעספּאָנדענט, „מאַכט איצט דורך דעמזעלביקן קאַמף וואָס אייראָפּע האָט געהאט דורכצומאַכן, ווען די פאָלקסשפּראַכן האָבן ארויסגעשטופּט דעם טויטן ליטיין, ווי די שריפט־שפּראַך פון ביל־דונג, און דאָס איינשטעלן זיך פאַר דעם אַלטן קלאַסישן סטיל איז אין כינע איצט פונקט אזוי העפּטיק, ווי עס איז געווען אין אייראָפּע דאָס אָננעמען זיך פאַר ליטיין מיט הונדערטער יאָרן צוריק („ניו יאָרק טיימז” פון 13טן אפּריל 1930). אַלט־כינע נעמט זיך אָן פאַר אַלט־כינעזיש, ניי־כינע — פאַר ניי־כינעזיש, און דער רעזול־טאַט איז, אַז מען לערנט עס אין די שולן, מען באַנוצט עס אין

צייטונגען, אין ביכער, און אינאיינעם מיט דער שפּראַך פון פאָלק ווערט דערהויבן אויך דער מענטש פון פאָלק.

פריער איז פאַר דעם פאָלקס־מענטשן ליטעראַטור געווען אַן אומפאַרשטענדלעכע און ניט צוגענגלעכע זאַך. ליטעראַטור, וויסנ־שאַפט און אַנדערע העכערע ענינים זיינען געווען א מאָנאָפּאָל פון די מיוחסים, די מאנדארינען, פאַר דער פאָלקסמאַסע איז אפילו א צייטונג געווען שווער צו לייענען. עס איז איר שווער אָנגעקומען אויסצולערנען זיך אָנצושרייבן א פשוט בריוול אויף דעם כינע־זישן לשון קודש. איצט לערנען אירע קינדער אין די שולן איר אייגענע שפּראַך, אַ שפּראַך, וואָס איז לייכט אויסצולערנען זיך, מחמת זי איז זיי באַקאַנט פון רעדן, און עס ווערט קלענער די צאָל פון עם הארצים אין כינע.

די „עם הארצישע" פאָלקס־שפּראַך איז געוואָרן אַ מיטל — אויסצוראָטן עם הארצות. דער לשון, וואָס האָט דערנידעריקט דעם פאָלק, איז געוואָרן א מיטל עס צו דערהויבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אין כינע דאָס, וואָס איז פריער שוין פאָרגעקומען ביי אַנדערע פעלקער — די פאַרפיינערונג פון דער ביז אַהער גראָבער פאָלקס־שפּראך, די דעמאָקראַטיזירונג פון דער ביז אַהער אריסטאָקראַטישער קולטור, — און עס זיינען דאָ איצט ביי די כינעזער, אזוי ווי ביי די גריכען, אַזוי ווי ביי אונדז יידן, צוויי בילדונג־ און קולטור־אינסטרומענטן, צוויי שפּראַכן.

קאַפּיטל פיר

צווייִשפּראַכיקייט ביי די ארמענער. — גראַפּאַר — ארמענישער לשון קודש. — די דערהייבונג פון דער ארמענישער פאָלקסשפּראַך. — בילינגוואַליזם אין וויילס, ענגלאַנד.—ענגלישע און וועלש.—די פאָלקס־שפּראַך קעמפט פאַר איר קיום. — א פאַרגלייך צווישן וועלש און יידיש. — אַ מוסטער פון נאַציאָ־נאַלן זעלבסטרעספּעקט.

אָבער ניט נאָר די כינעזער, די אַלטע יחסנים פון אַזיע, און ניט נאָר די גריכן, די גרעסטע אייראָפּייאישע יחסנים, לעבן זיך אויס קולטורעל אין צוויי שפּראַכן. אויך אנדערע פעלקער טוען עס. אשטייגער, — די אַרמענער. אזוי ווי מיר יידן (אזוי ווי די מאָדערנע גריכן אָדער כינעזער), האָבן אויך די ארמענער א לשון קודש, אַן אַלטע ביכער־שפּראַך, — ג ר אַ פּ א ר. גראַפּאַר איז דער טייטש די שריפטלעכע שפּראַך. דאָס איז א לשון, וואָס די ארמענישע פאָלקסמאַסן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו רעדן אויף איר און אפילו צו פאַרשטיין זי, אָבער אין משך פון הונדער־טער יאָרן איז זי געווען די ליטעראַטור שפּראַך פון די ארמענער. עד היום נאָך איז זי די שפּראַך פון די ארמענישע תפלות, פון דער ארמענישער קירך. אויף דעם לשון, וואָס די ארמענער רעדן אויף איר, איז, אזוי ווי אויף דער יידישער פאָלקס־שפּראַך, געווען נאָר פאָלקלאָר (פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־לידער א. א. וו.), בלויז

די אשוגען, די ארמענישע פאָלקס־זינגער (ענלעך צו אונדזערע בדחנים) פלעגן זי באַנוצן. ווען עס האָט זיך געמאכט אז א שרייבער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף איר ליטעראַרישע ווערק, האָט ער זיך געמוזט פאַרענטפערן — פאַר זיך אליין און פאַר דער וועלט — פונקט אזוי ווי די ערשטע יידישע פאָלקסשרייבער, א. מ. דיק, מענדעלע מוכר ספרים און אנדערע האָבן געמוזט געפינען א תירוץ אויף זייער פאַרלאָזן די העברייאישע שפּראַך און נעמען זיך פאַר דעם „אַרימען זשאַרגאָן"... דאָס פאָלק — האָט געשריבן אבאוויאַן, איינער פון די גרינדער פון דער ניי־ארמענישער ליטעראַטור — דאָס פאָלק רעדט ניט אויף יענער שפּראַך (ד. ה. אויף אַלט־ארמעניש), פאַרשטייט ניט יענעם לשון; גאָלד מעג זיך דיר שיטן פון מויל — ווער דאַרף עס?... שרייבן גראַפּאַר איז די אייגענע זאַך, וואָס שרייבן רוסיש, פראַנצויזיש, דייטש, אפשר וועלן זיך געפינען צען מענטשן, וואָס וועלן פאַרשטיין; פאַר הונדערטער טויזנטער אָבער איז שרייבן אויף גראַפאַר — אַ ווינטמיל... זאָלן די געלערנטע לייט קיין פאַריבל ניט האָבן. נישקשה, זיי האָבן גענוג וואָס צו לייענען און מיט וואָס צו דערקוויקן דאָס הארץ, אָבער דער מענטש פון פאָלק האָט קיין איין בוך ניט, איבער וועלכן ער זאָל קאָנען אַמאָל, אין א פרייער מינוט, פאַרברענגען די צייט... אויב די געלערנטע קלוגע לייט וועלן האָבן צו מיר טענות, שטיץ מיך דו, מיין געליבט פאָלק, ווארום איך האָב נאָר איין וואונטש — דינען דיך ביזן לעצטן אָטעם"...*) דאָס זיינען כמעט די אייגענע ווערטער, מיט וועלכע אונדזער מענדעלע מוכר ספרים האָט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערקלערט, פארוואָס ער איז איבערגעגאנגען פון העברעאיש צו יידיש. און אזוי ווי מענדעלען און אנדערע יידיש־שרייבער, איז אויך די גרינדער פון דער ניי־ארמענישער ליטעראַטור לייכט ניט

*) די דאָזיקע און אַנדערע ציטאַטן ווערן געבראַכט לויט דעם רוסישן „זאַמלבוך פון דער ארמענישער ליטעראַטור", רעדאַקטירט פון מ. גאָרקי, 1912.

אָנגעקומען צו טראַנספאָרמירן די געדעטע שפּראַך אין א ליטע־ראַרישן לשון.

דאָס געדעטע ארמעניש איז געווען אָנגעוויזן נאָר אויף די פאָלקסמאַסן און אויף דעם הייפּעלע אינטעליגענציע, וואָס איז פון זיי ארויסגעוואַקסן. די „העכערע" קלאַסן און זייער אינטעליגענציע האָבן פון דער פאָלקסשפּראַך און דער פאָלקסליטעראַטור ניט גע־וואָלט וויסן. „די ניי־ארמענישע ליטעראַטור, — האָט געשריבן פּ. מאַקינציאַן, איינער פון אירע גרינדערס, — איז טיף דעמאָקראַ־טיש. אַלע שרייבערס, אַחוץ עטלעכע זייער זעלטענע אויסנאַמען, שטאַמען פון דער פּויערשער סביבה (די פּויערים ביי די ארמענער זיינען דאָס אייגענע, וואָס ביי אונדז יידן די ארבעטער, בעלי מלאכות און קליינע הענדלער) און זיינען דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע צו דער ארבעטנדיקער מאַסע. און אויך דער לעזער־קרייז שאַפט זיך דערהויפּט פונעם דעמאָקראַטישן רוב מנין פון פאָלק, מחמת די בורזשואזיע און די בורזשואזע אינטעליגענציע זיינען ס'רוב דענאַציאָנאַליזירט געוואָרן, האָבן אָנגעוואָרן די שפּראַך און ממילא אויך די פאַרבינדונג מיט דער אייגענער ליטעראַטור". דעם ארמענישן פאָלק, פּונקט אזוי ווי אנדערע שוואַכע פעלקער, האָט ניט געהאָלפן די „אייגענע טעריטאָריע", וואָס עס פאַרמאָגט. ער איז ניט געווען דער אמתער בעל הבית איבער זיין טעריטאָריע; זיין שפּראַך און קולטור האָט פאַר דעם העכערן קלאַס און דער אינטעליגענץ ניט געהאַט, דעריבער, די צוציאונגס־קראַפט פון הויכע רעגירונגס־שטעלן און אנדערע פּריווילעגיעס. איז אָט דער העכערער קלאַס און די אינטעליגענציע„ וועלכע קאָנען אָן פּריווי־לעגיעס, ווי עס ווייזט, ניט אויסקומען, אוועק זוכן זייער גליק צו אַנדערע, שטאַרקערע, פעלקער און צו אַנדערע, מער צוזאָגנדיקע, קולטורן. דאָס איז געשען שוין א לאַנגע צייט צוריק. נאָך אין יאָר 1863 האָט נאַוואַריאַנץ, א פּיאָנער פון דער ארמענישער אויפלעבונגס־באַוועגונג, געשריבן, אַז „דער וויכטיקסטער נאַציאָ־

נאַלער כח איז דאָס איינפאַכע פאָלק, דער המון". אויף אים און נאָר אויף אים האָט זיך געהאַלטן די ליטעראַטור. דערפאַר איז זי, ניט געקוקט אויף דער רייכקייט פון אירע אינוועניקסטע כחות וועלכע זי האָט געשעפּט פון פאָלק, — געווען אָרעם אין אויסנ־ווייניקסטע מיטלען און פריער ווי אַלץ אין שפראַך־מיטלען. פשוט, דערפאַר, ווייל זי האָט נאָך ניט באוויזן זיי צו אנטוויקלען. זי האָט געמוזט, דעריבער, ארבעטן זייער פיל אויף דער שפּראַך, — זעען, אַז זי זאָל, וואָס ווייטער, אלץ רייכער ווערן, אלץ בויגעוו־דיקער און פייאיקער אויפצונעמען אין זיך און ארויסגעבן פון זיך נייע גייסטיקע ווערטן. און ניט נאָר פאר דער אנטוויקלונג — אויך פאר דער פאראייניקונג פון זייער שפּראַך האָבן די ארמענער געמוזט זאָרגן, אזוי ווי אנדערע פעלקער מיט יונגע ליטעראַטורן. אַ שפּראַך, וואָס געפינט זיך אַ לאנגע צייט אין דעם מצב פון בלויז אַ גערעדטער שפּראַך, האָט די טבע צעטיילט צו ווערן אויף פאַרשיידענע אָרטיקע דיאַלעקטן. אזוי איז עס ביי אַלע פעלקער, בפרט נאָך ביי אזעלכע אומות, וואָס זיינען פאַרשקלאָפט פון אנדערע און וואָס זיינען דערצו נאָך צעטיילט צווישן פארשיידענע מלוכות און האָבן אין יעדער מלוכה אנדערע שכנים און אנדערע בעלי־בתים איבער זיך. ביי זיי מוז די צעפאלונג פון דער שפּראַך אויף פאַרשיידענע דיאלעקטן זיין נאָך גרעסער און געפערלעכער. ביי זיי מוזן ווירקן אויף דער צעגלידערונג פון דער שפּראַך ניט בלויז די נאַטירלעכע, — קלימאַטישע און אנדערע, — תנאים פון יעדן געגנט, נאָר אויך די שפּראכן און קולטורן פון די פארשיידענע פעלקער און מלוכות, צווישן וועלכע זיי זיינען צעטיילט געוואָרן. האָט די שפּראַך, וואָס די ארמענער רעדן אויף איר, אזוי ווי די יידישע שפּראַך, אין יעדן טייל פונעם ארמעניישן גלות געקראָגן גאָר אַ באַזונדער אויסזען. אין יעדן אָרט זיינען צוגעמישט גע־וואָרן צו איר עלעמענטן און פאָרמען פון דער שפּראַך, וואָס הערשט ביי דעם שכנישן (רוסישן, טערקישן אדער פערסישן) פאָלק, פונקט

אזוי ווי אשטייגער, ביי אונדז, יידן, האָבן זיך אין די סלאַווישע לענדער צוגעקלעפּט צו יידיש סלאַווישע עלעמענטן, אין די אנגלאָ־זאַקסישע — ענגלישע א. א. וו. ביי די ארמענער איז די דאָזיקע צעטיילונג פון דער שפּראַך געגאנגען אזוי ווייט, אַז אפילו אין דער ליטעראַטור איז די ערשטע צייט ביי זיי פאָרגעקומען אַ שטילער קאַמף צווישן פארשיידנאַרטיקע דיאַלעקטן: כמעט יעדער פון זיי האָט זיך געפּרובט ארויפאַרבעטן ביז צו דער מדרגה פון א ליטעראַטור־שפּראַך; יעדער פון זיי האָט פארמאָגט מער אדער ווייניקער באַגאַבטע שרייבער. ביסלעכווייז איז פאָרגעקומען אַן אויסגלייך צווישן די פארשיידענע דיאַלעקטן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובילדן א שפּראַך, וואָס נעמט אויף אין זיך לעבנספּייאיקע עלעמענטן פון יעדן פון זיי און גיסט זיי אַלע צונויף און באַהעפט זיי אינאיינעם. אזוי, למשל, איז די שפּראַך פון רפאל פּאטקאַניאַן, איינעם פון די שאַפער פון דער ניי־ארמענישער ליטעראַטור, — אַ געמיש פון פאַרשיידענע דיאַ־לעקטן פון די טערקישע ארמענער, ווי אויך פון די טיפליסער און עריוואַנער דיאַלעקטן; אחוץ דעם, האָט פּאטקאַניאַן אינאיינעם מיט דעם פאָלקס־עלעמענט באַנוצט די פאָרמען פון אַלט־ארמעניש, פּונקט אזוי ווי מיר, יידן, נוצן־אויס העברעאישע פאָרמען. „פון דעם דאָזיקן בונטן געמיש — ווי עס שרייבט פ. מאַקינציאַן — איז נאָך אָבער ניט געוואָרן קיין גאַנצע איינהייטלעכע זאַך, און אין זיין (פּאטקאַניאַנס) פּראָזע און אין זיינע פּערזן שניידן דאָס אויער פון איין זייט וואולגאַריזמען און פון דער אַנדער זייט „ארכאַאיזמען”. און דאָס איז ניט קיין וואונדער. אַ ליטעראַרישע שפּראַך, וועלכע דאַרף זיין די האַרמאָנישע צענויפגיסונג פון פארשיידענע עלעמענטן, ווערט ניט באַשאַפן דורך איין מענטשן; דאָס איז אַן אַרבעט פאַר דורות. אָבער האָט זי זיך אָנגעהויבן, אָט די ארבעט, וועט זי זיך שוין ניט אָפּשטעלן אינמיטן. זי וועט פירן, סוף כל סוף, צו דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער שפּראַך. „ניט

געקוקט אויף דעם — שרייבט דער דערמאָנטער פּ. מאַקינציאַן — וואָס די אַרמענער זיינען צעטיילט דורכן גרעניץ אויף דריי טיילן (דאָס איז געשריבן געוואָרן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע) וואָס עס גיט זיך נאָך מער צו פילן מחמת דעם אונטערשייד, וואָס איז פאַראַן צווישן זייערע שפּראַכן, וואַקסט דאָך ביי היינטיקן טאָג די פאַרבינדונג צווישן די אָפּגעזונדערטע טיילן אַלץ מער און מער א דאַנק דער פּרעסע, דער ליטעראַטור, דעם טעאַטער, דער וויסנשאַפט, דער שול, און אויפן סדר היום שטעלט זיך די פראַגע וועגן דערנעענטערן צווישן זיך די שפּראַך פון די טערקישע און רוסישע אַרמענער (די פּערסישע אַרמענער שטייען צו צו די רוסישע), און די דאָזיקע דערנעענטערונג איז אין דער פּראַקטיקע שוין צום טייל דערגרייכט געוואָרן דורך לישאַנט, וועלכער שרייבט אויף א שפּראַך, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר עפּעס א מין פאַרמיטלונג צווישן די ביידע שפּראַכן, דער מערבדיקער און דער מזרח־דיקער".

אָט אַזוי איז ביי די אַרמענער ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן פון די דיאַלעקטן שבעל־פּה א שפּראַך שבכתב, א ליטעראַטור־שפּראַך. און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דער שאַפונג פון דער דאָזיקער שפּראַך נעמט אָן אַנטייל ניט בלויז אַרמעניע אַליין, נאָר אויך די אַרמענישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. „דער אַרמענישער גלות, ווי עס שרייבט מאַקינציאַן — האָט געהאַט זייער א גרויסע באַדייטונג פאַר דער קולטור־אויפלעבונג פונעם פאָטערלאַנד אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט"... ניט נאָר דאָס „אייגענע לאַנד", אויך דער „גלות" איז געווען א „צענטער" פון דער אַרמענישער קולטור־אויפוואַכונג!

דאָס מאַכט די אַרמענישע צווייישפּראַכיקייט גאָר באַזונדערס ענלעך צו אונדזערער. ווינציקער ענלעך, דאָך ענלעך צו איר איז דער בילינגוואַליזם אין וויילס, ענגלאַנד (און דאָס וועט זיין אונדזער

לעצטערביישפּיל פון צווייִשפּראַכיקייט ביי אַנדערע פעלקער). די אָפיציעלע שפּראַך אין וויילס איז, זינד די פּראָווינץ האָט זיך פאַראייניקט אין 16טן יאָרהונדערט מיט ענגלאַנד, — ענגליש, און די רייכערע קלאַסן זיינען ביסלעכווייז אנגליציזירט געוואָרן, אָבער די מאַסן, — דאָס רוב פּויערים, ארבעטער און קליינע בעל־מלאכות — אינגאנצן ביי א מיליאָן מענטשן — זיינען געבליבן טריי זייער פאָלקסשפּראַך, וועלש, וואָס איז אַן אָפּצווייג פון קעל־טיש און וואָס האָט געהאט אמאָל א רייכע ליטעראַטור. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו נוצן זייער שפּראַך אין טאָגטעגלעכן פאַרקער. זיי האָבן גערעדט אויף איר; געשריבן האָבן זיי ניט, צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס מיט א פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָבן פאָלקס־מענטשן פון וויילס ניט געקענט די מלאכה פון שרייבן און לייענען. די איינציקע, וואָס האָבן ניט אויפגעהערט צו נוצן וועלש פאר ליטעראַרישע צילן, זיינען געווען די גייסטלעכע, די גלחים. זיי האָבן געוואָלט, אז דאָס פאָלק זאָל ניט פאַרגרעבט ווערן אין רע־ליגיעזן זין, האָבן זיי איבערגעזעצט די ביבל אויף וועלש, און אָט די וועלשע ביבל איז געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער נייער וועלשער ליטעראַטור. אחוץ דעם, האָט אין אכצנטן יאָרהונדערט איינער פון די פאָלקס־דערציער, גריפּיט דזשאנס, אָנגעהויבן צו גרינדן שולן אויף דער וועלשער פאָלקסשפּראַך.

אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט איז באנייט געוואָרן דער איסטעדפאָד — א יערלעכער יום־טוב פון פאָלקס־מוזיק און פאָלקס־פּאָעזיע... וואָס פאַר אַ שיינער יום־טוב דאָס איז!

טויזנט־קעפּיקע מחנות ציען זיך פון אלע עקן לאַנד. זייער אלעמענס ציל איז דער פּלאַץ, וואו עס קומט פאָר די פּייערונג פון די וועלשער נאַציאָנאַלע כאָרן, נאַציאָנאַלע אָרקעסטערס, נאַ־ציאָנאַלע פּאָעטן. דער הויפּט־פּונקט פון דער פּראָגראַם איז א קאָנקורס צווישן פאַרשיידענע כאָרן און ארקעסטערס. די געווינער ווערן אויפגענומען מיט ליבשאַפט און ענטוזיאַזם. עס איז אבער

א יום־טוב ניט נאָר פון מוזיק און געזאנג. עס ווערן אָפּגעריכט וואונדערלעכע צערעמאָניעס אויך לכבוד די פּאָעטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט. יעדן טאָג ווערט פון צענדליקער טויזנטער מענטשן אויסגעהערט א באַריכט און אַן אָפּשאַצונג פון די לידער, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן צו דעם יערלעכן קאָנקורס פון דער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע. יעדן טאָג ווערט אויסגערופן דער נאָמען פון אַ פּאָעט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם קאָנקורס, און ער ווערט מיט גרויס פּאַראַד באַזעצט אויף אַ באַזונדער חשובן שטול, דעם שטול פון פּאָעזיע. עס ווערן באַשטימט אויסצייכנונגען און ארויסגעגעבן פּרעמיעס אויך פאר אנדערע ליטעראַרישע אויפ־טואונגען... און דאָס ווערט אַלץ געטאָן כדי אויפצומונטערן די שעפערישע פאָלקס כחות און ניט צו לאָזן דעם מעכטיקן שטראָם פון ענגליש, דער אָפיציעלער שפּראַך, פאַרפלייצן און פאַרטרינקען דעם קליינעם וועלש־אינזל. ניט לייכט איז אָנגעקו־מען — און ניט לייכט קומט־אָן — דער גייסטיקער פירערשאַפט פון די וועלשער פאָלקס־מאַסן צו קאָנקורירן מיט ענגליש. איז זי דאָך לאַנג שוין געוואָרן די שפּראַך פון דער מלוכה, די שפּראַך פון די הערשנדיקע קלאַסן, די שפּראַך פון אַלערליי פּריווילעגיעס. אויף צו קריגן א רעגירונגס־שטעל דאַרף מען קענען ענגליש. אויף צו האָבן א צוטריט צו דער מעכטיקער קולטור פון דער מדינה דאַרף מען אודאי קענען איר לשון. אויף אנטיילצונעמען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, דאַרף מען ווידער קענען גוט ענגליש... דייוויד לאָיד דזשאָרדזש, וועלכער שטאַמט פון ווילס, וואָלט ניט געקאָנט ווערן קיין פּרעמיער־מיניסטער, ווען ער זאָל זיך האָבן באנוגנט מיט זיין מאַמע־לשון. צענדליקער, הונדערטער לאַנדסלייט זיינע, וועלכע שפּילן א ראָליע אין דעם געזעלשאַפט־לעכן, ליטעראַרישן, קינסטלערישן לעבן פון ענגלאַנד, וואָלטן ניט געקאָנט געווינען זייערע הויכע פּאָזיציעס, ווען זיי זאָלן ניט האָבן איבערגענומען די שפּראַך פון לאַנד... ענגליש איז אַ גרויסער

יצר־הרע. ענגליש איז, גאָר פשוט, אַ נויטווענדיקייט פאַר יעדן ענגלישן בירגער, פון וואָס פאַר אַ פּראָווינץ ער זאָל ניט שטאַמען, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען. איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אין 1841 זיינען וועלש־רעדנדיקע געווען ניט מער ווי 67 פּראָצענט פון דער ווילסער באַפעלקערונג, אין 1891 — נאָר 60 פּראָצענט. און דער עיקר איז, וואָס אפילו די, וועלכע רעדן וועלש, אַזוי ווי די יידיש־רעדנדיקע אין אַמעריקע, קענען ענגליש, און אין דער וועלשער שפּראַך גופא האָבן זיך, אַזוי ווי אין יידיש, אַריינגעכאַפּט אָן אַ שיעור ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן... טרייב די מעכטיקע לאַנדשפּראַך דורך דער טיר, רייסט זי זיך אַריין דורכן פענצטער! עס איז שווער מיט איר מלחמה צו האַלטן. און דאָך האָט זיך וועלש ניט אונטערגעגעבן. וועלש האָט געקעמפט און הערט ניט אויף צו קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ. עס גייען אַרויס צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער אויף דעם דאָזיקן ניט־פּריווילעגירטן לשון. עס זיינען דאָ שולן, וואו די דאָזיקע שפּראַך ווערט געלערנט. עס עקזיסטירן אין עטלעכע אוניווערזיטעטן קאַטעדרעס פאַר דער געשיכטע פון דער וועלשער שפּראַך און ליטעראַטור. און ווי געזאָגט, יאָר־איין, יאָר־אויס, איז דאָ דער איסטעדפאַד, דער גרויסער פאָלקס־יום־טוב, די פייערונג פון פאָלקס־שאַפונג, די ערונג פון דיכטער און קינסטלער...

די וועלש־דיכטער שרעקן זיך ניט פאַר דער מאַכט פון זייער צווייטער שפּראַך, דער שפּראַך פון דער גאַנצער ענגלישער אימפּעריע. זיי מאַכן זיך ניט ווייסנדיק פון די געפאַרן, וועלכע לויערן אויף זיי פון אַלע זייטן. זיי הערן דעם שטורעם פון שעקספּירס כוואַליעס—און שפּילן זייער אייגענע שפּיל. זיי זינגען־מיט אינעם כאָר פון דער ענגלישער קולטור־אימפּעריע — און ווערן ניט בטל. זיי הערן די שטים פון זייער אייגענער געשיכטע און זינגען זייער אייגן ליד... זיי זינגען צווייישפּראַכיק, אַזוי ווי מיר, יידן.

אמת, זיי זיינען אין אַ בעסערער לאַגע ווי מיר, זיי האָבן פויערים — וואָרצלען אין דער ערד. זיי פאַרמאָגן, אויב ניט קיין מלוכה, איז אַ שטיק לאַנד, אַ טעריטאָריע, וואו זיי זיינען קאָנצענטרירט. דאָך זיינען זיי אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט — אַן אינדזל אינמיטן ים — אַ קליינער טייל פונעם גרויסן ענגלאַנד. די אינטערעסן פון דעם „פאַראייניקטן קיניגרייך" זיינען זייערע אייגנטערעסן. זיין שפּראַך איז זייער שפּראַך, זיין לעבן — זייער לעבן. און עס קומט זיי ניט אָן לייכט צו האָבן, ווי אַ צוגאָב צו דער אַלגעמיינער שפּראַך, דער שפּראַך פון דער מדינה, זייער אייגענעם לשון. עס פאָדערט זיך אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון ווילן צו האָבן אַן אייגן לעבן, איינטיילנעמענדיק אינעם אַלגעמיינעם לעבן פון דער ענגלישער אימפּעריע. עס איז נייטיק אַ טיף געפיל פון זעלבסטרעספּעקט, אַ גרויסע ליבשאַפט צו גייסטיקע ווערטן בכלל און צו דער אייגענער גייסטיקער ירושה בפרט — צו פירן אַזאַ שווערן און אַזאַ שיינעם קאַמף פאַר זייער קולטור־עקזיסטענץ, ווי דער העראָאישער קאַמף, וואָס עס פירן די רעשטלעך פון דער קעלטישער ראַסע אין וויילס. מען דאַרף דערצו האָבן מוט, ניט שרעקן זיך פאַר די גרויסע שטערונגען, גלויבן, אַז מען קאָן זיי בייקומען... די איינוואוינער פון וויילס האָבן אָט דעם מוט, פאַרמאָגן אָט דעם גלויבן, און זיי זיינען אַ מוסטער פון אַ פאָלק, וואָס לעבט זיך אויס קולטורעל אין צוויי שפּראַכן.

פאַר אונדז יידן איז נוצלעך צו זיין באַקאַנט מיט אָט דעם מוסטער, ווי מיט אַנדערע מוסטערן, פון ליטעראַרישן בילינגוואַליזם.

קאַפּיטל פינף

אַ ביישפּיל פון אונדזער אייגענער געשיכטע. — העברעאיש און אראַמעאיש. — היסטאָרישער איבערבליק. — קענגער פון אראַמייאיש. — די אַנטוויקלונג פון דעם אַראַמייאישן יידיש. — דער תלמוד. — די ישיבות. — אראַמייאישע תפלות. — אראַמייאיסטן און העברעאיסטן. — די פאַרהייליקונג פון תרגום. — „העברייער־אראַמייער". — די טראַדיציע פון יידישער צווייספּראַכיקייט. — „טייטש" אנשטאָט תרגום. — א ראיה פון תרגום אויף יידיש. — אליעזר שולמאַן און י. צינבערג פאַרגלייכן יידיש מיט אראַמייאיש.

וויכטיקער פון די ביישפּילן, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון אַנדערע פעלקער, איז דער ביישפּיל פון „צוויי שפּראַכן און איין ליטעראַטור", וואָס מיר אליין האָבן געגעבן דער וועלט — מיט אַ דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. כ׳מיין די שותפותדיקייט פון העברעאיש און אראַמייאיש, וואָס איך האָב דערמאָנט אין סאַמע ערשטן קאַפּיטל. עס איז כדאי זיך צו באַקענען נעענטער מיט אָט דער ערשטער צווייספּראַכיקייט אונדזערער.

דער פאַקט, וואָס אונדזער היינטיקער בילינגוואַליזם (העברעאיש־יידיש) איז אַ דערפאַרונג, וואָס עפּעס ענלעכס דערצו האָבן מיר געהאַט שוין אַמאָל אין אונדזער געשיכטע, — קאָן אונדז

עפּעס לערנען. איז, דעריבער, וויכטיק צו וויסן, אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער אמאָליקע צווייִשפּראַכיקייט (העברעאיש־אראמייאיש), ווי איז זי אויפגעקומען און אָפּגעשאַצט געוואָרן און, פריער ווי אַלץ, פון וואַנען האָט זי זיך גענומען צו אונדז.

אראמייאיש האָט אָנגעהויבן צו ווערן ביי אונדז ביסלעכווייז אַ צווייטע ליטעראַטור־שפּראַך נאָך א צייט פאַרן חורבן פון צווייטן בית המקדש. אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט לאַנג געדויערט, ביז דער אראמייאישער יידיש האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט אויבנאָן אין אונדזער קולטורוועלט לעבן העברעאיש. אין אָנהויב איז אראמייאיש באַנוצט געוואָרן מער אין טאָגטעגלעכן פאַרקער; להיפוך צו ל ש ו ן ק ו ד ש איז עס גערעכנט געוואָרן פאַר אַ ל ש ו ן ה ד י ו ט. און עס זיינען געווען פירער ביי יידן, וואָס האָבן געטענהט, אַז מיר דאַרפן טייער האַלטן אין ארץ ישראל נאָר העברעאיש אדער גריכיש, ניט אראמייאיש („בארץ ישראל, ווי מיר האָבן פריער שוין ציטירט, לשון סורסי למה? או לשון הקודש, או לשון יונית”). אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז אין בבל אפילו דאַרף מען ניט קיין אראמייאיש. און עס איז פאַקטיש אָנגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור א לאַנגער און א פאַרעקשנטער, כאָטש שטומער, קאַמף צווישן העברעאיש און אראמייאיש. אין משנה האָט דער העברעאישער עלעמענט גובר געווען; די משנה איז געשריבן אויף אַן אראמיזירטן העברעאיש, דאָך אויף העברעאיש. אין גמרא, אין א טייל מדרשים אין גאַנץ תלמוד ירושלמי און טיילווייז איז דער שפּעטערדיקער רבנישער ליטעראַטור הערשט אראמייאיש, — א העברעאיזירטער אראמייאיש, דאָך אראמייאיש. יוסף פלאוויוס האָט זיין געשיכטע פון די יידישע מלחמות מיט די רוימער געשריבן אויף אראַמייאיש. עס איז פאַרגעקומען עפּעס אַזוי ווי א מין קאָנקורענץ־קאַמף צווישן די ביידע שפּראַכן, דער אַלטער ליטע־

ראָטורשפּראַך און דער יונגער פאָלקסשפּראַך. מען האָט דער לעצטער ניט געוואָלט געבן קיין עליה, אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך גערוקט אַלץ העכער און העכער, אַלץ נעענטער צו דער בימה, צום נאַציאָנאַלן וואָרט־שאַפן, ביז זי האָט פאַרנומען אַן אָרט — אין ארון קודש, יעדנפאַלס, אין אַלמער ספרים. זי איז געוואָרן די שפּראַך פון לערנען אין די פאָלקס־שולן, אין די ישיבות. זי איז געוואָרן די שפּראַך פון אַזעלכע וויכטיקע דאָקו־מענטן, ווי כתובה און גט. אפילו תפלות האָט מען פון צייט צו צייט מסדר געווען אויף אראמייאיש (קדיש שפּעטער כל נדרי, יקום פורקן) „אל יהי לשון סורסי קל בעיניך" („קוק ניט אויף אראמייאיש מיט גרינגשעצונג") האָט מען געזאָגט. דער דרך ארץ פאַר תרגום־לשון איז געוואַקסן. אזוי, אַז עס האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן דערציילט, אַז „צום ערשטן מאָל איז די תורה געגעבן געוואָרן צום פאָלק ישראל אין העברעאישער שריפט און אויף לשון קודש. נאָך אמאָל איז זי אים געגעבן געוואָרן אין די טעג פון עזרא אין אשורישער שריפט און אין דער אראמייאישער שפּראַך" (סנהדרין כ"א) רב האָט געזאָגט, אַז „אדם הראשון האָט שוין גע־רעדט אראמייאיש" (דאָרט ל"ה). איז, מילא, אדם הראשון ווי אדם הראשון, אָבער זיינע אור־אור־איניקלעך האָבן גערעדט און געשריבן אראמייאיש, און וואָס ווייטער, אַלץ אַ מער חשובן אָרט האָט די דאָזיקע שפּראַך פאַרנומען אין דער ליטעראַטור און אין דעם גאַנצן קולטורלעבן פון יידישן פאָלק. תנ"ך איז איבערגעזעצט געוואָרן — און ניט איינמאָל, נאָר עטלעכע מאָל איבערגעזעצט געוואָרן — אויף אראמייאיש, און די אראמייאישע שפּראַך האָט דערפאַר טאַקע געקראָגן דעם נאָמען „תרגום־לשון". תרגום איז פאַרהייליקט געוואָרן. יעדע וואָך, ווען מען איז מעביר די סדרה, איז איינגעפירט געוואָרן צו זאָגן „שנים מקרא ואחד תרגום" (צוויי מאָל דעם העברעאישן אָריגינאַל, איינמאָל די אראמייאישע איבער־זעצונג).

העברעאיש און אראמייאיש האָבן זיך אזוי דערנעענטערט, אַזוי זיך צונויפגעפּאָרט, אז זיי זיינען שיעור ניט געוואָרן איינס. אַסך מחברים פון דער רבנישער ליטעראַטור זיינען אין איין־און־דעמזעלביקן ספר, אָפּט אין איין־און־דעמזעלביקן זאַץ, איבערגע־גאַנגען אומבאַמערקטערהייט פון העברעאיש צו גמרא־לשון און פון גמרא־לשון צוריק צו העברעאיש.

די משוררים האָבן באַנוצט דערהויפּט העברעאיש, די מקובלים — אראמייאיש (דער זוהר!) פאר קבלה איז תרגום־לשון געוואָרן נאָך מער לשון קודש, נאָך מער פאַרהייליקט ווי לשון קודש אליין. דערביי איז אראמייאיש ארויסגעפּירט געוואָרן פון אירע אמאָליקע געאָגראַפישע גרעניצן, אזוי ווי יידיש־דייטש איז — שפּעטער — פאַרשפּרייט געוואָרן אין לענדער, וואו דייטש האָט קיין דריסת הרגל ניט געהאַט... אין איינער פון די „תשובות הגאונים" לייענען מיר: „אלע תחנונים און בקשות, וואָס זיינען געקומען צו אונדזערע עלטערן, ז"ל, פון דער הייליקער ישיבה, זיינען געשריבן געוואָרן אויפן אראמייאישן לשון, און דאָס רוב ברכות, וואָס די גאונים האָבן פאַרפאַסט, סיי פארן יחיד, סיי פאר ציבור, זיינען געשריבן געוואָרן אויף אָט דעם (אראמייאישן) לשון". (בן ציון דינאבורג: „ישראל בגולה", 249). יידן האָבן גערעדט און געשריבן אראמיי־איש אין אזעלכע לענדער וואו פון אראמייער איז קיין זכר ניט געווען, און אין אזעלכע צייטן, ווען מען האָט שוין ווינציק געוואוסט פון אראמייער. ביי היינטיקן טאָג איז אין דער גאַנצער וועלט פאַראַן אפשר ניט מער ווי א הונדערט טויזנט אראמייאיש־רעדנדיקע מענטשן. (זע חיים שויס: „אראמיש אלס יידישע שפּראך", „אונ־דזער שול", אָקטאָבער, 1933). אָבער א דאַנק יידן לעבט די אַראַמייאישע שפּראַך — אין דעם יידישן ספר, און מען הערט נאָך עד היום אירע קלאַנגען אין שולן און בתי־מדרשים, חדרים און ישיבות. עד היום ווערן געשריבן ספרים אויפן אראמייאישן יידיש. די ניי־אויפגעלעבטע העברעאישע שפּראך ווערט באַפרוכ־

פערט פון דעם פארצייטיקן, דעם אראמייאישן, אזוי ווי פון דעם היינטיקן, אשכנזישן, יידיש.

אַראַמייאיש איז געבליבן ביי אונדז אַ ליטעראַטור־שפּראַך לאַנג נאָך דעם, ווי זי האָט אויפגעהערט צו זיין ביי אונדז א גערעדטע שפּראַך. אראמייאיש איז טיילווייז צענויפגעגאָסן געוואָרן מיט לשון־קודש, טיילווייז געוואָרן אליין א לשון־קודש. און די וואָס זאָגן אז ס׳איז אַנטי־היסטאָריש צו ווע‏לן איצט געבן יידיש אזא אָרט אין יידישן לעבן, ווי עס פארנעמט העברעאיש, זיינען די גרעסטע פאַרלייקענער פון היסטאָריע. גראָד די געשיכטע לערנט אונדז, אז אַזאַ לשון, ווי דער, וואָס מיר רופן איצט יידיש, האָט שוין אַמאָל ביי אונדז געשפּילט די ראָליע פון א צווייטער ליטעראַרישער שפּראַך,— און דאָס איז ניט קיין טענדענציעזע מיינונג פון אַ יידישיסט. מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וואָס אים וועט קיינער ניט חושד זיין אין יידישיזם, האָט געשריבן וועגן העברעאיש און אראמייאיש ווי וועגן די צוויי שפּראַכן (אָדער דער צוויישפּראַכיקייט) פון אונדזער אַלטער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור: „ואנו עברים־ארמים בלשוננו״ — מיר זיינען, לויט אונדזער שפּראַך, העברייער־אראמייער״ („בשירה ובלשון״, ז. 40). ער גייט נאָך ווייטער און זאָגט: „לא שניים מקרא לנו ואחד תרגום, בי אם שניים תרגום ואחד מקרא״ (דאָרט). ער ווייזט אָן אויף דעם פּסיכאָלאָגיש־קינסטלע־רישן אונטערשייד, וואָס איז דאָ צווישן אונדזערע אמאָליקע צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די כאַראַקטעריסטיק פּאַסט זיך ניט אינגאַנצן פאַר דעם היינטיקן העברעאיש און דעם היינטיקן יידיש. אבער אַז עס איז דאָ א פארגלייך, ווען אפילו ניט אין אלע פּרטים, צווישן דעם אמאָליקן פּאַראלעליזם פון העברעאיש און אראמייאיש און דעם שפּעטערדיקן פּאַראַלעליזם פון העברעאיש און יידיש — אין דעם קאָן קיין שום ספק ניט זיין. נאָר מענטשן, וואָס ווייסן ניט אָדער ווילן ניט וויסן פון דער יידישער געשיכטע, קאָנען זאָגן, אַז דאָס אויפקומען פון א נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף דער

פאָלקס־שפּראַך, אויף דער שפּראַך, וואָס אַמאָל האָבן יידן נאָר גערעדט אויף איר, איז אַ זאַך, וואָס האָט קיין גלייכן ניט צו זיך (און ממילא אויך ניט קיין שורש) אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט. פּונקט פאַרקערט: די יידישע קולטור־טראַדיציע, — גראָד זי, איז מסוגל און צוגעגרייט צו דעם אויסשפּראָצן און פאַנאַנדערבליען זיך פון אַ ליטעראַטור אויף דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן. די יידישע קולטור־טראַדיציע איז צווייִשפּראַכיק.

און ווען יידן האָבן אָנגעהויבן צו שאַפן אַ ליטעראַטור אויף יידיש, איז דאָס געווען פאַר זיי ניט קיין נייע, נאָך ניט קיין אויסגעפּרואווטע זאַך. ניין, זיי האָבן שוין געהאַט דערפאַרונג אין דעם ענין פון שאַפן אַ תורה שבכתב אויף אַ לשון שבעל־פה — זיי האָבן געהאַט די רייכע פיל־דורותדיקע דערפאַרונג פון אַראַמייאיש. און ניט נאָר האָבן זיי געהאַט אָט די גרויסע היסטאָרישע דערפאַרונג — זיי האָבן פון איר געוואוסט, — אויב ניט אַלע, איז אייניקע פון די, וועלכע האָבן אנטיילגענומען אין דער שאַפונג פון דער היינטיקער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור. צווישן זיי זיינען זיכער געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דין וחשבון פון דעם גרויסן היסטאָרישן פאַקט, וואָס מיר האָבן שוין געשאַפן אַמאָל אַ ליטעראַטור אויף אונדזערער אַ פאָלקס־שפּראַך, — און זיי האָבן געמאַכט דערפון אַלע נייטיקע אויספירונגען.

זיי האָבן עס געטאָן, ערשטנס, ווען עס איז נייטיק געווען צו פאַרענטפערן געוויסע פּראַקטישע פראַגן פון רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. זיי האָבן עס, צווייטנס, געטאָן, ווען מען האָט געדאַרפט געבן אַ תשובה אויף די פּרינציפּיעלע טענות, אַלמאַי מען שרייבט ספרים אויף דעם „געמיינעם" וואָכעדיקן לשון.

צו די רעליגיעזע פירונגען, וואָס איך האָב נאָר וואָס דער־מאָנט, געהערט דער פריער דערמאָנטער מנהג מעביר צו זיין יעדע וואָך די סדרה. אין דער תקופה פון אַראַמייאיש איז איינ־געפירט געוואָרן צו זאָגן „שנים מקרא ואחד תרגום" — צוויי מאָל

עברי און איינמאָל — תרגום לשון. דאַן איז עס געווען אַ נייטי־קער איינפיר. דער מנהג איז געבליבן אָבער אויך שפּעטער, ווען יידן האָבן לאַנג שוין אויפגעהערט צו רעדן אַראַמייאיש, און „תרגום־לשון" איז געוואָרן דער סינאָנים פון אַ שפּראַך, וואָס מען פאַרשטייט ניט. ווי אַסך אַנדערע רעליגיעזע איינפירונגען, איז דער מנהג צו זאָגן תרגום פאַרשטיינערט געוואָרן. קיין שום לעבעדיקן זין האָט ער שוין מער ניט געהאַט. ער איז געמאַכט געוואָרן, כדי דער עולם, וואָס קען ניט קיין לשון קודש, זאָל וויסן דעם טייטש פון די ווערטער. איז דאָס אַלץ געווען גוט, ווען יידן האָבן גערעדט צווישן זיך אַראַמייאיש. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַנוצן אַנדערע לשונות, איז אַראַמייאיש פאַר אַסך פון זיי געוואָרן פונקט אַזוי אומפאַרשטענדלעך, ווי לשון קודש, און זאָגן „שנים מקרא ואחד תרגום" האָט געהייסן אָפּט ניט פאַר־שטיין ניט דעם אָריגינאַל און ניט די איבערזעצונג. האָבן זיך געפונען רבנים, וואָס זיינען געווען ניט צופרידן מיט דער פאַר־גליווערטקייט פון אָט דעם אַלטן מנהג. זיי האָבן ניט געוואַגט אַרויסצואַווייזן אָפן זייער אומצופרידנקייט, אָבער זיי האָבן געגעבן אויף איר שטומע אָנצוהערענישן. און בשעת הדחק האָבן זיי מתיר געווען צו זאָגן, אַנשטאָט תרגום, „טייטש". אַזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר אין דער אַנאָנימער געגראַמטער פּאַראַפראַזע פון ר' יונה גירונדיס „ספר היראה", וועלכער הייסט אויף יידיש „חיי עולם" (פרייבורנג, 1583):

האָסטו ניט איין תרגום, צו איינעם מאָל טויטש זאָלסטו זיין בארייט.

און דאָס טראָפט מיט דאָס אַז דער תורה קלייט. (ציטירט לויט דר. מאַקס גרינבוימס „יידיש־טויטשע כרעסטמאַטיע" (דייטש), ז. 263).

אַ בן־דור פון ר' יונה גירונדי, ר' יהודה בן בנימן, האָט געגעבן אַ דערקלערונג דערצו און בפירוש געזאָגט „שהלע"ז

שלנו הוא במקום התרגום שלהן" (אונדזער גערעדטער לשון איז אזוי ווי זייער תרגום) (י. צינבערג: „די געשיכטע פון דער ליטע־ראַטור ביי יידן" IV, ז. 30).

אַט אַזוי איז שוין אין דרייצנטן יאַרהונדערט געמאַכט געוואָרן א פאַרגלייך צווישן אראמייאיש און „טייטש", — דער שפּראַך, וועלכע יידן האָבן דאַן באַנוצט אין זייער אינעווייניקסטן פאַרקער. דער פארגלייך האָט געפירט דערצו, אז מען זאָל מתיר זיין זאָגן „טייטש" (אָדער אַן אַנדער „לע"ז") אנשטאָט תרגום. שפּעטער איז דער ביישפּיל פון אראמייאיש נאָך מער צוניץ געקומען. ער האָט געדינט פאר א באווייז, אז מען מעג און מען דאַרף שרייבן ספרים אויף דער פאָלקס־שפּראך — און ניט דוקא „לייכטע", „וויבערשע", אויך „שווערע", „ערנסטע" חיבורים.

אַזאַ באַווייז איז זייער נייטיק געווען. אמאָליקע צייטן איז די פאָלקסשפּראך ביי יידן, ווי ביי אנדערע אומות, געווען א קנאַפּער יחוס. סוף מיטלאלטער האָט זיך שוין, אמת, אָנגעהויבן צו אנט־וויקלען אין אסך אייראָפּעאישע לענדער א ליטעראַטור אויף מאַמע־לשון, אָבער די יחסנטע, די „גבירה", איז אַלץ געווען נאָך ליטיין. ביי אונדז האָט דעם אָרט פון ליטיין, מיינט מען, פארנומען העב־רעאיש. דאָס איז ניט אינגאנצן ריכטיק. די רעליגיעז־ליטעראַ־רישע שפּראך אין מיטלאלטער איז ביי אונדז געווען ניט אזוי העב־רעאיש, ווי גמרא־לשון, העברעאיזירטער אראמייאיש. עס איז אָבער אויפגעקומען ביי אונדז א נייער אראמייאיש, א נייע פאָלקס־שפּראַך, — יידיש; אראמייאיש האָט דער ברייטער יידישער עולם, ווי געזאָגט, ווינציקער נאָך געקענט ווי לשון קודש; אָבער די רבנים האָבן אַלץ נאָך געשריבן אויף זייער רבנישן לשון. זיי האָט ניט געאַרט, וואָס דאָס פאָלק פארשטייט ניט. זיי האָבן ניט געשריבן פאַרן פאָלק. און עס זיינען געווען צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט אפילו, אז מען זאָל איבערזעצן פון העברעאיש אָדער אראמייאיש אויף דעם „געמיינעם" לשון. זיי האָבן געלאָזט די

נייע „גבירה", די געווענע „שפחה", אראמייאיש, זיצן לעבן דער אַלטער העברעאישער „גבירה", אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט צו איר צולאָזן, אפילו נאָר ווי א „דינסט", די לעבעדיקע פאָלקס־שפראַך. זיי האָבן פאַרגעסן, אז אראמייאיש איז געוואָרן ביי יידן א ליטעראַרישע שפּראַך נאָר א דאנק דעם, וואָס זי איז געווען דאַן זייער גערעדטע שפּראַך, זייער מאַמע־לשון. זיי איז ניט געקומען אויפן זינען, אז דעם נייעם אָרגאַן פון דעם פאָלקסלעבן, יידיש, קומען איצטער דיזעלביקע רעכט, וועלכע עס האָט אַמאָל פאַר זיך אויסגעקעמפט אראמייאיש. און עס איז פאָרגעקומען א מאָדנע זאַך. דער זעלביקער תרגום־לשון, וואָס האָט געדינט אמאָל פאַר אַ בריק צווישן די מאַסן און זייער גייסטיקער פירערשאפט, איז איצט, פארקערט, געוואָרן א מחיצה צווישן זיי. דיזעלביקע ארא־מייאישע פאָלקסשפראַך, וועלכע האָט אליין אין איר צייט קאָנ־קורירט מיט העברעאיש און געמוזט קעמפן פאר איר אנערקענונג, האָט זיך פאראייניקט מיט איר אמאָליקער קאָנקורענטין, דער שפראַך פון דער ביבל, קעגן דער נייער פאָלקסשפראַך, יידיש. אזוי איז עס געווען ניט נאָר אין דעם ערשטן פעריאָד פון דער ליטעראַטור אויף עברי־טייטש. אזוי איז עס געווען אויך שפּעטער. אזוי שפּעט ווי אין אַכצנטן יאָרהונדערט — שיעור ניט פיר הונדערט יאָר נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן פאנאנדערצובליען די יידי־שע פאָלקס־ליטעראַטור — האָבן זיך געפונען לומדים, וואָס האָבן געהאַלטן, אז עס איז ניט רעכט איבערצוזעצן אויף יידיש אַזאַ ספר, ווי דער „מנורת המאור". מען זעט עס פון דער הקדמה, וואָס עס האָט געשריבן דער מחבר פון דער איבערזעצונג (1722), ר' משה פראנקפורט. ער טענהט זיך אויס אין דער הקדמה מיט יענע, וועלכע מיינען, „דאָס עס ניט רעכט געטאָן ווער דאָס מען זאלכע ספרים אין לשון אשכנז שרייבט און דאס מען איטליכן מגלה איז די זאכן וואָס אין מדרשים און גמראס שטייט". פון זיין וכוחן זיך מיט די קעגנער פון „זאלכע ספרים אין לשון אשכנז",

זעט מען, אז עס זיינען געווען אזעלכע קעגנער. און ר׳ משה פראנקפורט טרעט שארף ארויס אנקעגן זיי. ער דערקלערט, „דאָס עם להיפוך איז, עס איז איין מצוה דאָס מען זאָל אין אלע לשונות ספרים מאַכן"... „וגדולה מזו, — שרייבט ער, — נאָך איין גרעסערע זאַך וויל איך זי אָנווייזן, דאָס איינסט (אמאָל) אלע אונדזערע ספרים די צום הארבסטן און שווערסטן זיין (זיינען) צו לערנען, זיין (זיינען) גאָר ווייניק אין לשון קודש געמאכט געוואָרן, נייערט אין דאָס לשון, וואָס דער געמיינער מאַן גערעדט האָט, פארערשט דער תלמוד ירושלמי איז געמאכט אין דאס לשון, וואָס מאָנען, ווייבער, קינדער אין ארץ ישראל גערעדט האבן, און ניט אין לשון קודש. אך (אויך) אונדזער גמרא, וועלכע גע־הייסן ווערט „תלמוד בבלי", איז גאָר פיל דערינען, וואָס קיין לשון הקודש איז. דער מדרש איז גאָר פיל, דאָס קיין לשון קודש איז, נייערט אין דאָס לשון, ווי דער געמיינער מאן אין די לענדער גערעדט האָט, וואו דאָס ספר געמאכט איז. דער תרגום יונתן און ירושלמי וואו פיל סודות דערינען שטייען, איז געמאכט אין געמיין לשון, דאָס איטלעכער זאָל קאָנען פארשטיין. דער זוהר איז איין ספר קדוש ונורא מאד, וועלכעס אייטעל סודות התורה איז, — איז געמאכט ניט אין לשון הקודש, נייערט אין דעם לשון, וואָס מען אין דאָס לאנד בבל גערעדט האָט און דער־גלייכן נאָך פיל מער ספרים." (דער אויסלייג איז אונדזערער).

אָט דאָ זעען מיר קלאָר, ווי אן עלטערער יידישער מחבר איז זיך סומך אויף דער טראַדיציע פון דער אראמייאישער ליטעראטור, ווי ער ווייזט אָן, אז גראָד די ספרים, וועלכע זיינען מער ווי אלע אַנדערע פארהייליקט געוואָרן ביי יידן, — דער תלמוד, דער מדרש, דער זוהר, זיינען געשריבן אויף דעם לשון פון דעם „געמיינעם מאַן", אויף דעם לשון פון פאָלק. ער טרעט, פארשטייט זיך, ניט ארויס קעגן לשון קודש, אָבער ער פאַרלאַנגט דאָס רעכט צו שרייבן אויף יידיש וועגן אלע ענינים, וועגן וועלכע מען שרייבט אויף דער

שפּראַך פון די נביאים און אויף גמרא־לשון. ער איז ניט אזא „יידישיסט", ווי זיין בן־דור אהרן בן שמואל. יענער האָט אין דער הקדמה צו זיין „ליבליכע תפלה" (1709) בפירוש דערקלערט, אז עס איז גלייכער צו דאַוונען אויף דעם „מוטער־לשון", איידער אויף לשון קודש, און אז עס איז א גרויסער פעלער, „דאָס איין קינד פון יוגנט אויף מוז לשון הקודש לערנען, וועלכעס זיין יונג לב גארנישט פארשטייט"... (ציטירט לויט מ. עריקס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור", ווארשע, 1928, ז. 215).

אהרן בן שמואל איז זיך, אגב, אויך סומך „אויף אונדזערע חכמים אין בבל און אין ארץ ישראל", וועלכע האָבן „צונויפגע־שטעלט תפלות און אויך אנדערע ביכער געשריבן אין דער אראמיי־אישער שפּראַך". דער אַמסטערדאַמער דיין, דער איבערזעצער פון „מנורת המאור", איז ניט געווען אזוי עקסטרעם, ווי אַט דער „לנטץ־מן" (לאנדסמאַן, ישובניק) אהרן בן שמואל, אבער אויך ער האָט זיך איינגעשטעלט, ווי מיר האָבן געזען, פאר דעם לשון, וואָס „מאנען, ווייבער און קינדער" רעדן אויף אים, און כדי צו ווייזן, אז ער איז גערעכט, האָט ער דערמאָנט די גרויסע און הייליקע ספרים, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אויף דער אמאָ־ליקער פאָלקסשפּראַך, אראמייאיש.

ר' משה פראנקפורט און אהרן בן שמואל זיינען ניט געווען די איינציקע, וואָס האָבן געוואוסט, אז עס איז קיין נייס ניט ביי יידן צו שרייבן ספרים אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אז יידן האָבן עס שוין לאַנג געטאָן. ר' צבי הירש כאטש, דער פארפאסער פון „נחלת צבי" (1711), דעם טייטש־זוהר, זאָגט דאָס אייגענע, וואָס ר' משה פראנקפורט, נאָך מיט מער שטארקייט.

דער איבערזעצער פון „מנורת המאור" האָט גערעדט וועגן די, „וועלכע קיין לשון הקודש קאָנען לערנען". דער מקובל ר' צבי הירש כאָטש האָט אין זינען געהאַט אויך יודעי ספר. אין זיין פאָררעדע צום „נחלת צבי" זאָגט ער בפירוש „דאָס מאנכע יודעי

ספר זאָל ניט מיינען, עס ווער אים איין חרפה צו לייענען דייטשע ספרים — און ווען גלייך עס איז בלשון אשכנז, איז שכרו הרבה מאוד, דען די תורה הקדושה האָט משה רבינו אויך מפורש געווען בשבעים לשון... ובפרט אין יענער מדינה, וואו מען רעדט לשון תרגום, איז דאָס ספר הזוהר פאַר איטלעכס, אפילו פאַר המוני עם, ווי במדינותנו איז אונדזער לשון אשכנז שוה לכל נפש אדם" (דאָרט, ז. 241). א קלאָרער און א פשוטער פאַרגלייך: דער „נחלת צבי" איז געשריבן געוואָרן אויף דעם פאָלקסלשון פון אונדזער צייט און אונדזערע מדינות, אזוי ווי דער „זוהר" איז פאַרפאַסט געוואָרן אויפן לשון פון יענער מדינה און יענער צייט, וואו און ווען די יידישע באַפעלקערונג האָט גערעדט זוהר־לשון, ד. ה. תרגום־לשון, אַראַמייאיש. (דער מקובל ר' צבי הירש כאַטש, האָט, אזוי ווי ר' משה פראַנקפורט, געגלויבט, אז דער מחבר פון „זוהר" איז געווען ר' שמעון בן יוחאי).

כ'וואָלט געקאָנט ציטירן נאָך אַנדערע אלטע מחברים, אויך באַרימטע רבנים און מקובלים, וועלכע האָבן גאָר אמאָל נאָך געהאַט דעם מוט צו פאַרגלייכן די ליטעראַטור אויף עברי־טייטש מיט די פאַרהייליקטע ספרים, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אויף דעם פאַרצייטיקן יידיש — אַראַמייאיש. אָבער איך וויל ניט פאַר־נעמען מער קיין פּלאַץ דערמיט. איך האָב בלויז געוואָלט אָנווייזן, אַז ניט נאָר האָט יידיש א גלייכן צו זיך אין דער יידישער פאַר־גאַנגענהייט, נאָר אַז אַלטע יידישע פאַרפאַסער האָבן געוואוסט דער־פון און באַוואוסטזיניק אויסגענוצט עס אין זייער איינשטעלן זיך פאַר די רעכט פון דעם „געמיינעם מאַן" און זיין לשון.

אין אונדזער צייט האָט י. צינבערג זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ענלעכקייט, וואָס איז דאָ צווישן יידיש און אַראַמייאיש. ענטפערנדיק יענע, וועלכע פּלייסן זיך צו דערווייזן, אַז דער „זשאַרגאָן" איז בלויז א פאַרבייגייענדיקער פאַקטאָר אין דער גע־

שיכטע פון אונדזער קולטורעלן לעבן", ווייזט ער אָן אויף דעם היסטאָרישן בײַשפּיל פון תרג׳ום־לשון, וועלכער „האָט דערגרייכט די מדרגה פון דער ביבל־שפּראַך: בײדע געהייליקט אינעם באַוואוסטזיין פונעם פאָלק, בײדע צוזאַמען שפּינען זיי ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער נאַציאָנאַלער קולטור אפילו אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען אויך דער אַראַמייאישער דיאַלעקט איז אָפּגעשטאָרבן אינעם מויל פונעם פאָלק". (דער קאַמף פאַר יידיש אין „פילאָלאָגישע שריפטן 1. ז. 72).

י. צינבערגן האָט מקדים געווען אליעזר שולמאַן. אָט דער אינטערעסאַנטער העברעאישער שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען נאָך אַמאָל א מיטאַרבעטער אין „השחר", האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געזאַמלט אַלטע יידישע ספרים און מאַנוסקריפּטן. שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן א גאַנץ בוך מיטן נאָמען „שפת יהודית אשכנזית וספרותה". (די ערשטע קאַפּיטלעך זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1903, אין דעם פּעטערבורגער דריימאָנאַטלעכן זשורנאַל „הזמן", אין בוכפאָרם איז עס ארויס אין 1913). זאָגט שולמאַן אינעם אַריינפיר צו אָט דעם ערשטן פּרוּאוו צו שרייבן אויף העברעאיש די געשיכטע פון דער ליטעראַטור אויף יידיש, אַז עס מאַכט ניט אויס, וואָס אין יידיש זיינען אַריין אי סעמיטישע, אי אַרישע שפּראַך־עלעמענטן: אבי זיי האָבן זיך האַרמאָניש באַהעפט. אגב, זאָגט ער, „איז עס קיין נייס ניט ביי אונדז, ווארום מיר האָבן שוין געזען אין אונדזער גמראַ־לשון, ווי גריכישע און רוימישע ווערטער האָבן אָנגענומען א סעמיטישע פאָרם"...

און אזוי ווי גמרא־לשון, דער פאַרצייטיקער יידישער מאַמע־לשון, איז עברי־טייטש, אונדזער נייער מאַמע־לשון, געוואָרן ביסלעכווייז א ליטעראַטור־שפּראַך, אונדזער צווייטע ליטעראַטור־שפּראַך. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס ניט אַלע האָבן יידיש

„אנערקענט" און וואָס די אנערקענונג איז ניט מיט אמאָל געקומען. אויך מיטן אַ מ אָ ל י ק ן יידיש איז אזוי געווען. דאָך איז, סוף כל סוף געקומען די צייט, ווען יידן האָבן אָפּגעגעבן אַראַמייאיש אַן אָרט אין מזרח־וואַנט, אין דערזעלביקער מזרח־וואַרנט, וואו עס שטייט דער בכבודיקער שטול פון העברעאיש — און דערביי איז די בכבודיקייט פונעם העברעאישן שטול אויף א האָר ניט געמינערט געוואָרן. אזוי ווערט אויך צוליב יידיש ניט געמינערט דער כבוד פון העברעאיש.ביידע זיינען זיי אונדזערע לשונות, ביידע העלפן זיי אונדז אויסלעבן זיך ליטעראריש און אלגעמיין קולטורעל, ביידע געהערן זיי צו די זיילן, אויף וועלכע עס האַלט זיך אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער בנין.

קאַפּיטל זעקס

העברעאיש און יידיש, אנשטאָט העברעאיזם און יידישיזם. — ביישפּילן פון בילינגוואַליסטישע שריפטשטעלער. — די דענקער און דיכטער פון דער גאָלדענער צייט אין שפּאַניע. — מוסטערן פון אַ שפּעטערדיקער צייט. — די זעלטנקייט פון צווייִשפּראַכיקע שרייבער. — היינע, טיוטשעוו. — איינשפּראַכיקע שרייבער, אַ צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור.

דאָס נאָר וואָס געזאָגטע איז ביז דאָ ניט לאַנג פאַר אסך פון אונדז געווען שיעור ניט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. און דעריבער איז דער עיקר פאַר אונדז ניט ה ע ב ר ע א י ז ם אָדער י י ד י־ ש י ז ם, נאָר ה ע ב ר ע א י ש און י י ד י ש. דאָס זיינען געווען צוויי שפּראַכן, וואָס האָבן באַדינט איין שרייבער־און־לעזער־משפּחה, צוויי טרעגערס פונעם יידישן געדאַנק, וואָס זיינען אזוי צו זאָגן, געזעסן ביי איין טיש.

זיי זיינען, אמת, נישט געזעסן ביידע אויבנאָן. דער אויבנאָן האָט געהערט דער העברעאישער „גבירה", אָבער דער טיש איז געווען א שותפותער, און טאָמער האָט מען זיך אמאָל צעווערטלט, איז מען באַלד צוריק געוואָרן גוט־פריינט, ס'איז געווען אַ פאַמיליע־מחלוקת.

צוויי שפּראַכן — איינאונאיינציקע ליטעראַטור", — אזוי האָט זיך אויסגעדריקט בעל מחשבות. און ס'איז כדאי א טראַכט צו טאָן

וועגן דעם אמתן מיין פון אַט דעם אויסדרוק. עס איז כדאי צו געדענקען, אַז בעל מחשבות האָט ניט געמאַכט קיין לאַזונג פון אונדזער צווייִשפּראַכיקייט, ער האָט ניט פאַרלאַנגט פון יעדן יידן, וואָס האלט א פען אין דער האַנט, אַז ער זאָל זי טונקען אמאָל אין אַ יידישן און אַמאָל אין אַ העברעאישן טינטער. אויב ער זאָל עס האָבן פאַרלאַנגט, ווייס איך ניט, צי ער וואָלט געוועזן גערעכט. שרייבן, — און גוט שרייבן — אויף צוויי שפּראַכן, אפילו אויף אַזעלכע צוויי נאָענטע שפּראַכן, ווי העברעאיש און יידיש, איז אַ זאַך, וואָס ניט יעדערער קאָן זיך פאַרגינען. אפילו ביי אַזאַ צווייִשפּראַכיקן שריפטשטעלער, ווי פּרץ הירשביין, איז געקומען אַ מאָמענט, ווען ער „האָט באַשטימט, ווי ער אליין דערציילט אין זיינע זכרונות, אז א שריפטשטעלער דאַרף שלייפן און בויען נאָר אין איין שפּראַך." און ניט נאָר הירשביין, יעדער שרייבער שעצט זיך גליקלעך, ווען אים געלינגט אויסצושפּילן דעם ניגון פון זיין נשמה אויף איין שפּראַכלעכער כלי. אויף צוויי כלים שפּילן — און שפּילן ווי געהעריק איז, — איז א צווייפאַך־שווערע קונסט...

זי געלינגט נאָר אין אויסנאַמספאַלן. אַזעלכע אויסנאַמען זיינען געווען, צום ביישפּיל, אונדזערע דיכטער און דענקער אין דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון שפּאַניע. זיי האָבן געשריבן אי העברעאיש, אי אַראַביש. און מען איז זיך אָפט טאַקע סומך אויף זיי, ווי אויף ביישפּילן פון צווייִשפּראַכיקע שריפטשטעלער, אָבער מען קען פון זיי קיין ראיה ניט ברענגען, אז ס'איז גוט פאַר אַ שרייבער צו זיין צווייִשפּראַכיק. ערשטנס, קאָן זיין, אז זיי גופא וואָלטן געווען מער פּרוכטבאַר, ווען זיי זאָלן ניט האָבן געטיילט זייערע כחות צווישן צוויי לשונות. (אינעם סטיליסטישן זינען האָט דאָס שרייבן אי העברעאיש, אי אַראַביש זיי זיכער מער שאָדן, ווי נוצן געבראַכט: איך ווייס ניט, ווי ווייט זייער אַראַביש איז געווען באַאיינפלוסט פון העברעאיש, אָבער זייער העברעאישע

פּאָעזיע און זייערע העברעאישע איבערזעצונגען האָבן אין אייניקע פאַלן זיכער געליטן דערפון, וואָס זיי זיינען געווען צו טיף איינ־געוואָרצלט אין דעם אַראַבישן שטייגער שרייבן.) צווייטנס, האָבן די ספרדישע דיכטער און דענקער קיינמאָל אין דער אמתן ניט באַנוצט קיין צוויי שפּראַך־אינסטרומענטן פאַר איין און דעמ־זעלביקן ציל. זיי האָבן ניט געשריבן קיין לידער אי אויף העב־רעאיש, אי אויף אַראַביש און אויך קיין עטיש־פילאָזאָפישע חבורים האָבן זיי ניט געשאַפן איןביידע שפּראַכן: פאַר יעדן סאָרט ווערק האָבן זיי באַנוצט א באַזונדערן לשון — אַזאַ, וואָס איז אין דעם געגעבענעם פאַל געווען מער פּאַסיק. אזוי, צום ביישפּיל, האָט ר׳ יהודה הלוי געשריבן זיינע שירים אויף לשון קודש און נאָר אויף לשון קודש; אויף אַראַביש האָט ער פאַרפאַסט דעם ספר הכוזרי. אויך ביי ר׳ שלמה אבן גבירול איז העברעאיש געווען די שפּראַך פון זיין פּאָעזיע; אויף אַראַביש האָט ער געשריבן פילאָזאָפיע און מוסר־ספרים. דאָס אייגענע זעען מיר ביים רמב״ם. איין סאָרט ווערק האָט ער געשריבן אויף לשון קודש און גאָר אַן אנדערן, — אויף אַראַביש.

די חכמי ספרד זיינען אזוי שטאַרק געווען אָפּגעהיט אין דעם זין, אז ווען, אשטייגער, דער רמב״ם האָט אויפגעשריבן אויף אַראַביש דעם פירוש אויף דער משנה און ער האָט זיכער געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אויך אויף לשון־קודש, האָט עס אַן אנדערער איבערגעזעצט, ניט ער אליין. אזוי זיינען אויך די „כוזרי׳ס״, די „מקור היים׳ס״, די „חובות הלבבות״ און אנדערע ספרים, וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געווען אויף אַראַביש, איבערגעזעצט געוואָרן ניט פון די פאַרפאַסער אליין, נאָר פון מענטשן, וועלכע האָבן זיכער געקאָנט ווינציקער העברעאיש, ווי די דערמאָנטע גרויסע מחברים. פאַרוואָס האָבן די יהודה הלויס און די מיימונס אליין ניט געשריבן יעדן פון זייערע ספרים אין ביידע לשונות? קאָנטיק, אז פאַר יעדן סאָרט שרייבן האָבן זיי אינערלעך פאַרמאָגט נאָר איין לשון, דער־

פאַר האָבן זיי אויף יעדער שפּראַך געשריבן נאָר איין באַשטימטן סאָרט ביכער.

ענלעכע זאַכן זעען מיר אויך שפּעטער, ווען אונדזער צוויי־שפּראַכיקע ליטעראַטור הערט אויף צו זיין אַ העברעאיש־אַראַבישע און ווערט אַ העברעאיש־יידישע ליטעראַטור. אייניקע מחברים שרייבן טאַקע אַליין זייערע ספרים אי אויף העברעאיש, אי אויף יידיש. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט געטאָן דער מחבר פון „קב־הישר". אַנדערע אָבער האָבן פאַרפאַסט איין סאָרט ספרים אויף העברעאיש און גאָר אַנאַנדער סאָרט — אויף יידיש. פאַרגלייכט, אַשטיינער, די כתבים, וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזן אַזעלכע צווייִשפּראַכיקע מחברים, ווי אליהו בחור אין דער עברי־טייטש תקופה, יצחק בער לעווינזאָן אָדער אליעזר צבי הכהן צווייפל אין דעם השכלה־פּעריאָד און ביאַליק אין אונדזער צייט, — פאַר־גלייכט זיי, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ גרויסער אונטערשייד עס איז דאָ צווישן די טעמעס, די מאָטיוון, די פאָרמען, וועלכע דאָמי־נירן אין זייער העברעאישן שאַפן און די, וועלכע זיי האָבן באַנוצט ווען זיי האָבן געשריבן יידיש. ביאַליקן, אשטייגער, וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו שרייבן אויף העברעאיש „מיין גאָרטן" אדער אויף יידיש — „מגלת אש". ער האָט געמוזט שרייבן „מגלת־אש" אויף דער שפּראַך פון די נביאים און די הומאָריסטישע אידיליע פון דער באַבעס איינגעמאַכטס — אויף דער פאָלקסשפּראַך.

אפילו מענדעלע מוכר ספרים, וואָס איז געווויס געווען אַ מייסטער אויף צוויי שפּראַכן, האָט יעדעס ווערק זיינס פונדעסט־וועגן געשאַפן לכתחילה אויף איין לשון און דערנאָך ערשט איבער־געזעצט עס און איבערגעאַרבעט אויף דער צווייטער שפּראַך. אפילו מענדעלע, הייסט עס, האָט זיינע בילדער פונעם יידישן לעבן בעסער ווי אַלץ געקאָנט מאָלן אויף דער אייגאונאַיינציקער שפּראַך פון דעם דאָזיקן לעבן, אויף יידיש, און אַזאַ ווערק, אַשטייגער, ווי „דאָס ווינשפינגערל" וואָלט אים זייער שווער און אפשר אוממעג־

לעך געוועז צו שרייבן לכתחילה אויף העברעאיש. ער האָט עס געקענט נאָר איבערזעצן אויף לשון־קודש. „ביז וואַנען" דערציילט ש. דובנאָוו אין זיינע זכרונות, — „ביז וואַנען מענדעלע האָט געהאַט פאַר די אויגן דעם געדרוקטן יידישן אָריגינאַל פון די ערשטע טיילן „ווינשפינגערל", האָט ער געמאַכט די העברעאישע איבער־זעצונג אָדער, גענויער, די איבעראַרבעטונג — מייטערהאפט און אָן שום שוועריקייטן, אָבער ווען עס איז געקומען צו שרייבן וויטער אָן דעם יידישן אָריגינאַל, האָט ער דערפילט, אז עס וועט ניט גיין גלאַט," — און ער האָט געמוזט פריער עס אָנשרייבן אויף יידיש און „דערנאָך אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער"...

אזוי איז עס, ווען עס רעדט זיך וועגן יידיש און העברעאיש, — צוויי שוועסטער־שפּראַכן, היינט ווי שווער וואָלט עס געוועז איבערצוטראָגן די קערנדלעך פון א ווערק אין א שפּראַך, וועלכע מען האָט זיך קוים אויסגעלערנט און אין וועלכער מען האָט ניט און מען קאָן ניט האָבן קיין טיפערע וואָרצלען! האָבן טאַקע שריי־בער געוויינלעך קיין חשק ניט צו שרייבן אויף אַן אַנדער לשון, אַחוץ זייער אייגענעם, און זיי טוען עס נאָר, ווען זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט...

אָט וואָס פאר א דערפארונג עס האָט וועגן דעם דער אונ־גאַריש־אמעריקאנער שריפטשטעלער יאָזעף רעמעניִ. ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון אַכט יאָר פיר ראָמאַנען — אַלע אויף אונגאַריש. פאַרוואָס, פרעגט ער זיך אליין, שרייבט ער אונגאַריש און ניט ענגליש? ער פילט זיך ווי אַן אמעריקאנער און רעדט גאַנץ גוט די שפּראַך פון לאַנד. ווען ער זאָל שרייבן ענגליש, וואָלט ער זיכער געהאַט מער — און בעסערע — לעזער. היינט פאַרוואָס באַנוצט ער די שפּראַך פון זיינע לאַנדסלייט, די אונגאַרישע אימיגראנטן? די פראַגע ווערט נאָך הארבער, ווען מען דערמאָנט זיך, אז „דער דורכשניטלעכער אימיגראנט איז עסטעטיש אומאנט־

ווּיקלט, אינטעלעקטועל ניט רייף״, און „דאָס איז״, ווי רעמעני אַליין דערקלערט, „אומפאַרמיידלעך, ווייל דאָס רוב איינגעוואָנדערטע זיינען פון פויערישער אָפּשטאַמונג. אונטער די דאָזיקע אומ־שטענדן איז קלאָר, אַז שרייבן אויף אונגאַריש מוז פירן צו אַ צווייפלהאַפטע גלענצנדיקער איזאָלירונג. צו וועמען קאָן מען זיך ווענדן? צו אַ באמת אנטמוטיקנדיק קליינער צאָל לעזער.״ דאָס זיינען רעמעניס אייגענע ווערטער. און פונדעסטוועגן גיט ער ניט אויף זיין אַלט־היימישן לשון. פאַרוואָס? פרעגט ער זיך אַליין. און ער ענטפערט: „כ׳האָב געשריבן דידאַזיקע ראָמאַנען אויף דער שפּראַך פון מיין אַלטער היים, ווייל פּסיכאָלאָגיש און גייסטיק איז אונגאַריש געווען פאַר מיר דער פולקאָמענסטער שאַפונגס־אינס־טרומענט — — — — — עס איז נאַטירלעך פאַר מיר צו רעדן הויך אויפן קול און צו שעפּטשען אויף אונגאַריש, מיט אַנדערע ווערטער, צו זיין פּרימיטיוו און ליריש. אויף ענגליש קאָן איך נאָר פירן אַ געשפּרעך, וואָס דאָס מיינט צו זיין ציוויליזירט, דיסציפּ־לינירט, אומפאַרמיידלעך קאָנווענציאָנעל. שעפערישע ארבעט אָבער וויל זיין פריי פון קאָנווענציאָנאַליטעט״. און דאָס איז, לויט דער דערפאַרונג פון דעם אונגאַריש־אַמעריקאַנער ראָמאַניסט, מעגלעך נאָר דאַן, ווען מען שרייבט אויף דער אייגענער שפּראַך, ניט אויף אַ שפּראַך וואָס מען האָט „זיך אויסגעלערנט״. אפילו נאָר מינדלעך באַנוצן מער ווי איין שפּראַך איז אַן אומבאַוואוסטזיניקע אָדער באַוואוסטזיניקע אנשטרענגונג, אַ פאַרברויך פון אינעווייניקסטע כחות, וואָס קאָסט זייער טייער. אַ צווייִשפּראַכיקער מענטש האָט אויף זיין בויגן, ווי איינער אַ שפּראַך־פּסיכאָלאָג, האָט זיך אויסגע־דריקט, — צוויי שטריקלעך, זיינען ביידע ניט גענוג שטאַרק אָנגעצויגן... הייסט עס, אפילו אַ געוויינטלעכער מענטש געווינט און שפּאָרט איין קרעפטן, ווען ער דאַרף ניט צופּאַסן זיינע דענק־און־רייד־אָרגאַנען צו מער ווי צו איין שפּראַך־אינסטרומענט, היינט וואָס איז שוין צו רעדן וועגן אַ שריפטשטעלער, וואָס אין זיין

גייסטיקן לעבן שפּילט די שפּראַך אַזאַ גרויסע ראָלע. ער מוז געוויס זיין עקאָנאָמיש בנוגע צו זיין שפּראַך־ענערגיע. ער מוז זי געוויס זאַמלען און היטן פאַר די אינעווייניקסטע צילן פון זיין שאַפונגס־ארבעט, פאר דעם פולן אויסדרוק פון זיין געדאַנק, פאר דער קלאָרער פאָרמירונג פון זיין געפיל, פאַר דער אנטפּלעקונג פון זיינע וויזיעס, און ניט פאר דער דרויסנדיקער צופּאַסונג. מיען זיך טאַקע שרייבער געוויינלעך צו זיין מאָנאָלינגוויסטן אין זייער שאַפן, ווען אפילו זיי קענען בשעת הדחק געברויכן מער ווי איין שפּראַך.

הייבריך היינע, וועלכער האָט א גרויסן טייל פון זיין לעבן פאַר־בראַכט אין פראנקרייך, זיין גייסטיקן פאָטערלאנד, האָט נאָר א פאָר אַרבעטן אין פראָזע, אזוינע, ווי „די ראָמאַנטישע שולע", געשריבן אויף פראנצויזיש (פאר א פראַנצויזישן זשורנאַל): לידער און דער־ציילונגען האָט ער געשריבן אויף דייטש און נאָר אויף דייטש. דער רוסישער פּאָעט טיוטשעוו, וועלכער האָט אסך יאָרן פאַר־בראַכט אין אויסלאנד און האָט זיין גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ געפירט ניט אויף רוסיש, נאָר אויף פראנצויזיש, האָט זיינע לירישע געפילן אויסגעדריקט נאָר אין רוסיש. דאָ ביי אונדז אין לאַנד האָבן מיר געהאט א נאָרוועגיש־אמעריקאנער שרייבער, א. ע. ראָל־וואאג, וועלכער האָט גוט געקענט ענגליש און געשריבן זייער אינ־טערעסאַנטע ראָמאַנען פון דעם נאָרוועגיש־אמעריקאנער לעבן, אָבער ער האָט זיי געשריבן אויף נאָרוועגיש און געלאָזט זיי אנאנדערן איבערזעצן, אונטער זיין רעדאקציע, אויף ענגליש. און ניט נאָר קינסטלערישע ווערק, אפילו עסייען, מיידן שריפטשטעלער אויס צו שרייבן אויף אַ שפּראַך, וועלכע איז ניט דער נאַטירלעכער מעדיום פון זייער שאַפן. דער פראנצויזישער שריפטשטעלער אַנדרע מאַרואַ איז איינגעלאַדן געוואָרן פונעם „טריניטי קאַלעדזש" אין קעמברידזש צו האַלטן א סעריע לעקציעס וועגן מאָדערנער ביאָגראַפיע. ער האָט די לעקציעס געלייענט אין ענגליש, אָבער אז עס איז געקומען

ארויסצוגעבן זיי אין בוך־פֿאָרם, האָט ער זיי פֿון ס׳ניי אָנגעשריבן אויף פֿראַנצויזיש און געלאָזט אַן אַנדערן מאַכן די ענגלישע איבער־זעצונג פֿון דעם פֿראַנצויזישן מאַנוסקריפּט. רעדן, הייסט עס, קאָן מען בלית ברירה רעדן אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך אויך, אָבער שרייבן — דערצו איז ניט גענוג סתּם אַזוי שפּראַך. עס מוז זיין אַ לשון, וואָס איז צונויפֿגעוואַקסן מיט דעם שרייבערס אינע־ווייניקסטן לעבן, מיט זיין דענקען, מיט זיין גאַנצער לעבנס־דערפֿאַרונג. עס מוז זיין אַ לשון, וואָס איז איינגעטונקט אין זיין נערוועןֿ־זאַפֿט, אַ לשון, וואָס עס לעבט אין אים, ווען ער אַליין שווייגט, אַ לשון, וואָס קומט ניט פֿון די ליפּן אָדער פֿון זכּרון, נאָר פֿון יעדן טראָפּן בלוט זיינעם, פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון זיין נשמה. אַזאַ לשון איז דאָ נאָר איינער ביי יעדן שריפֿטשטע־לער, — יעדנפֿאַלס, איינער פֿאַר יעדן סאָרט ווערק.

געוויס זיינען, ווי געזאָגט, דאָ אויסנאַמען אָדער אַזוינע, וואָס זעען אויס צו זיין אויסנאַמען. עס זיינען דאָ „פּאָליגאַמיסטן” אויף דעם שפּראַך־געביט. אָט שרייבט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר אי אינדיש (בענגאַליש), אי ענגליש. קאַליל גיבראַן האָט אַראַבישע און ענגלישע ווערק. אַפֿילו לירישע פּאָעטן קאָנען זיין אַמאָל צוויי־שפּראַכיק. פּושקין האָט זיך געשפּילט מיט פֿראַנצויזישע פֿערזן. ריינער מאַריאַ רילקע, דער דייטשער פּאָעט, האָט געשאַפֿן אויך פֿראַנצויזישע לידער. מיסטראַל האָט געשריבן פּראָוואַנסאַליש און פֿראַנצויזיש. (דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז דידאַזיקעביידע שפּראַכן זיינען זייער נאָענט איינע צו דער אַנדערער). ביי אונדז יידן זיינען געווען און זיינען פֿאַראַן אַ היפּש ביסל שרייבער, וואָס איר באַגעגנט זיי דאָ אין דער רוסישער, דאָ אין דער יידישער, דאָ אין דער דייטשער אָדער סקאַנדינאַווישער ליטע־ראַטור.. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דר. עהרענ־פּרייז, וועלכער איז געווען אַמאָל אַ העברעאישער (און אַ יידישער) שריפֿטשטעלער און איצט זאָגט מען אויף אים, אַז ער איז איינער

פון די בעסטע סטיליסטן אין דער שוועדישער ליטעראַטור. אָבער אַט די אויסנאַמען, אַז מען זאָל זיך צו זיי גוט צוקוקן, וועלן זיי נאָר באַשטעטיקן דעם כּלל, אַז אַן אמתער שריפטשטע־לער קאָן, אחוץ אין אויסנאַמספאַלן, זײַן שעפעריש נאָר אין איין שפּראַך. די ליטעראַרישע פּאָליגלאָטן זײַנען דאָס רובֿ אָדער פון דעם מין, וואָס שרײַבן אין דער אמתן נאָר אויף איין שפּראַך און פון איר זעצן זיי איבער זייערע ווערק (אויפן פּאַפּיר אדער אין די געדאנקען) אויף אנדערע לשונות, און ד. ה. זיי זײַנען פּיל־שפּראַכיקע איבערזעצער, ניט קיין פּילשפּראַכיקע שריפטשטעלער, אָדער זיי שרײַבן אין דער אמתן אויף איין שפּראַך אויך ניט, ד. ה. זיי האָבן ערגעץ ניט קיין טיפערע ווארצלען, זיי באַנוצן נאָר עפּעס אַ מין אויבנאויפיקן עספּעראַנטאָ, אַן אומפּערזענלעכן מעכאַנישן לשון, א ווערטער־בוך־לשון, וועלכער האָט ניט קיין טעם און קיין ריח און וועלכער איז גאָר ניט קיין לעבעדיקער שפּראַכלעכער אָרגאַניזם, נאָר עפּעס אַ גולם, אַ ראָבאָט, אַ בינטל ווערטער, וואָס קאָן זיך צעפאַלן פּונקט אַזוי לײַכט, ווי לײַכט עס איז אויפגעקליבן געוואָרן... אַן אמתער שרײַבער האָט נאָר איין אמתע שפּראַך, אַזוי ווי ער האָט נאָר איין איך. (זע מײַן ארטיקל „ליטעראַטור און שפּראַך", „דער טאָג" פון 6טן אַפּריל, 1930.)

אָבער דאָ רעדט זיך ניט וועגן די שרײַבער. יעדער פון זיי איז געוויינטלעך איינשפּראַכיק. דאָ רעדט זיך וועגן דער ליטע־ראַטור אינגאַנצן גענומען. און אומקערנדיק זיך צוריק צו אונדזער טעמע חזר איך איבער, אַז ווען בעל מחשבֿות האָט געזאָגט וועגן אונדזער ליטעראַטור, אַז זי איז צווייִשפּראַכיק, האָט ער ניט געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז יעדער יידישער שרײַבער נוצט אָדער דאַרף נוצן בײַדע אונדזערע שפּראַך־מעדיומס. ער האָט נאָר פעסט־געשטעלט אַ פאַקט, אַז סײַ יידישע שרײַבער, סײַ יידישע לעזער „לעבן און אָטעמען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, צווישן צוויי

שפראַכן, ווי א חתן צווישן צוויי מחותנים אונטערפירער". און מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק איז עס זיכער געווען אזוי, — אויב ניט אין אמעריקע, איז אין מזרח־אייראפּע.

יע, מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, פאַרן ערשטן וועלטקריג, איז לעבעדיק געווען ביי אונדז די טראַדיציע פון צווישפּראַכי־קייט, די טראַדיציע, וואָס איז פארקערפּערט געווען פארצייטן אין דער העברעאיש־אראמייאישער — און שפּעטער אין דער העברע־איש־יידישער ליטעראַטור.

קאַפּיטל זיבן

העברעאיש־יידיש. — די יידישע רעליגיע — און יידיש־וועלטלעכע ליטעראַטור אויף יידיש. — יידיש איז ארויסגעוואקסן פון העברעאיש, ווי אַ יונגער צווייג פון אַן אַלטן בוים. — אַ ליטעראטור — אַ „זאַגערקע״. — ביישפּילן. — ביידע ליטע־ראַטורן ענדערן זיך, ווען דאָס יידישע לעבן ענדערט זיך. — אויספירן.

ווענן העברעאיש־אַראַמייאיש האָבן מיר גערעדט אין אפריער־דיקן קאפיטל. איצט וועלן מיר זיך אויספירלעכער באַקענען מיט דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט געפירט צו העברעאיש־יידיש.

יידיש איז שווערער נאָך ווי אראמייאיש אָנגעקומען צו ווערן אונדזער צווייטע ליטעראַטור־שפּראַך. אָבער אזוי ווי אַמאָל אַראַ־מייאיש, האָט יידיש גלייך אין אָנהויב אנגעהייבן צו שפּילן אַ ראָליע אין דעם רעליגיעזן יידישן לעבן און שאַפן. ניט נאָר וועלטלעכע לידער האָט מען געזונגען און ניט נאָר „גויאישע״ מעשיות האָט מען דערציילט אויף יידיש־טייטש; מען האָט אָנגע־הויבן צו זינגען אויף דער דאָזיקער שפּראַך אויך פרומע לידער און שרייבן רעליגיעזע ספרים. האָבן עס אייניקע רבנים ניט געוואָלט ליידן. דערהויפּט זיינען זיי ניט צופרידן געווען, ווען מען האָט געפּרוווט דערקלערן אויף פּראָסט יידיש דינים פון

„שלחן ערוך”. די דאָזיקע רבנים האָבן מורא געהאַט, אַז אויב פּראָסטע מענטשן און ווייבער וועלן ווערן גאַנצע לומדים, וועלן זיי מיינען, אַז זיי ווייסן שוין אַלץ און וועלן אויפהערן גיין פרעגן שאלות צום רב. האָט מען אַזוי שפּעט ווי אין דער צווייטער העלפט אכצנטן יאָרהונדערט געאַסרט דעם מוסר־ספר „שמחת הנפש”. מען האָט אים געאַסרט דערפאַר, ווייל צום סוף ספר האָט דער מחבר צוגעגעבן אַ יידישע איבערזעצונג פון אַ טייל „שלחן ערוך”. אַזוי דערציילט י. צינבערג אין זיין „געשיכטע פון ליטע־ראַטור ביי יידן” (ב. 6. ז. 246). לויט אליעזר שולמאַן, וועלכער האָט, אגב, געשריבן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף העברעאיש („שפת יהודית אשכנזית וספרותה”), זאָל מען דעם דערמאָנטן ספר האָבן עפנטלעך פאַרברענט אין ווילנע. און ניט נאָר דינים, אויך תפילות אויף יידיש האָט מען ניט געוואָלט ליידן, סיידן דאָס זיינען געווען „ווייבערשע תחינות”. ווען אהרן בן שמואל, וועלכער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט אין אָנהייב 18טן יאָרהונדערט געמאַכט אַ סידור אויף יידיש („ליבלעכע תפלה אדער קרעפטיקע אַרצניי פאַר גוף און נשמה”, פיורדא, 1709), האָט ער געהאַט אַ ביטערן פסק. אייניקע רבנים האָבן איינגעזען אין דעם יידישן סידור און דערהויפּט אין דער פאָר־רעדע, וואו דער מחבר שטעלט זיך איין פאַר דאַווענען אויף מאַמע־לשון, — עפּעס אַ שטיק אפּיקורסות, און זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן ספר אַ חרם.*)

*) דער אמת איז, אַז אהרן בן שמואל איז ניט געווען דער לעצטער און אויך ניט דער ערשטער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער צו דאַווענען אויף מאַמע־לשון, איידער אויף לשון קודש, אויב מען איז ניט מבין בלשון. נאָך אהרן בן שמואלן האָבן די דאָזיקע מיינונג אויסגעדריקט חסידישע רביים (דער בעש״ט, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ דוד בער פון ליאַדי, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער) און פאַר אים — ניט קיין קלענערער ווי דער פאַרפאַסער פון ספר חסידים: „ווען עס קומט צו דיר אַ ייד, האָט ער געזאָגט, וואָס פאַרשטייט ניט קיין לשון קודש, נאָר ער איז אַ ירא שמים און וויל דאַווענען מיט כוונה, אָדער אַז עס וועט קומען אַ יידענע, וואָס פאַרשטייט אודאי ניט קיין לשון קודש,

עס האָבן זיך געפונען פאַרביסענע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן ניט געוואָלט אפילו קיין מוסר־ספרים אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך פון פאָלק. אזוי, אַז משה פראנקפורט, וועלכער האָט איבערגעזעצט דעם „מנורת המאור" אויף יידיש (1722), האָט זיך געמוזט אויס־טענהן אין דער פאָררעדע, וואָס איז פריער ציטירט געוואָרן, מיט יענע לומדים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז עס איז ניט רעכט „דאָס מען אזעלכע ספרים אין לשון אשכנז שרייבן און דאָס מען איט־לעכן מגלה איז די זאַכן וואָס אין מדרשים און גמרא שטייט" (איבערגעגעבן לויט אונדזער אויסלייג). ער האָט זיי אָנגעוויזן „דאָס עס להיפוך איז — עס איז איין מצוה, דאָס מען זאָל אין אלע לשונות ספרים מאַכן... דער קיין לשון הקודש קען לערנען, זאָל אין זיין לשון לערנען". און משה פראנקפורט האָט אויסגע־פירט. זיין „מנורת המאור" אויף עברי־טייטש איז געוואָרן א באַליבטער פאָלקס־ספר. פונקט אזוי זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן און האָבן געהאַט א גרויסע השפעה אַנדערע מוסר־ספרים, וועלכע זיינען געשריבן אדער איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש. זייערע פאַרפאַסערס אָדער איבערזעצערס האָבן זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן פון די קעגנערישע טענות. זיי האָבן זייער גוט געוואוסט, אַז די אלע ארויסטרעטונגען קעגן דעם פאָלקס־לשון האָבן ניט קיין יסוד אין דער יידישער געשיכטע. די גאַנצע קולטור־טראַדי־ציע פון דעם יידישן פאָלק זינט דער צייט פון דעם צווייטן בית־המקדש איז א טראַדיציע (האָבן זיי געוואוסט) פון צווייִשפּראַכיקייט: אָדער מען האָט איבערגעזעצט פון לשון קודש אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אָדער מען האָט לכתחילה געשריבן אויף זיין אומגאַנגס־

זאָלסטו זיי זאָגן, זיי זאָלן דאַוונען אויף דעם לשון וואָס זיי פאַרשטייען, ווארום די תפילה דאָס איז דאָס געבעט פון האַרצן, און וויבאַלד דאָס הארץ ווייסט ניט וואָס די לעפצן זאָגן, — וואָס קאָן העלפן אַזאַ תפילה? לכן איז בעסער, אַז יעדער נפש זאָל מתפלל זיין אויף דעם לשון, וואָס ער פארשטייט". (לויט י. צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן," באַנד 6. ז. 31).

שפראַך. ניט נאָר מוסר־ספרים און תחינות זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אויף יידיש, א גאַנצע רעליגיעזע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן אויף דער פאָלקסשפּראַך. בלויז ה ל כ ה איז, מיט קליינע אויסנאַמען, געבליבן דער מאָנאָפּאָל פון העברעאיש.*)

אויך הלכה איז צווישפּראַכיק, אָבער דאָס איז די צוויי־שפּראַכיקייט פון דער פריערדיקער, העברעאיש־אַראַמייאישער, תקופה. דער פּרואוו צו געבן אונדז אַ העברעאיש־יידישן תלמוד אָדער צו שאַפן אַ טייטש־גמרא, ענלעך צום טייטש־חומש און צום טייטש־זוהר (נחלת צבי) — געהערט שוין צו אונדזערע טעג. משניות און גמרא (הלכה בכלל) האָט מען זיך ניט געאיילט איבערצוזעצן אויף יידיש. אָבער אַלע אַנדערע צווייגן פון דעם העברעאיש־אַראַמייאישן וואָרט־שאַפן זיינען, זינט דעם צוועלפטן־דרייצנטן יאָרהונדערט, צווישפּראַכיק אין דעם נייעם זין, ד. ה. אין דעם זין פון לשון־קודש־יידיש.

עס איז דאָ חומש און עס איז דאָ „טייטש־חומש". חומש (און גאַנץ תנ"ך) האָט אַן אַ שיעור פּירושים: איז אויך אויף יידיש די תורה (ווי אויך נביאים און כתובים) קאָמענטירט און פאַרפּוצט געוואָרן מיט דער הילף פון „פּשט, רמז, דרוש און סוד" (פּרדס). אָט ווי א שטייגער, דער „צאינה וראינה", וואָס איז ניט קיין געוויינלעכער חומש, נאָר חומש מיט פּירושים, מיט צוגאָבן פון אַלערליי אגדתאָס, דרשות א. ד. ג. און דער „צאינה וראינה" איז ניט דער איינציקער ספר פון דעם מין. עס איז דאָ א גאַנצע ביבלישע ליטעראַטור אויף יידיש. עס זיינען דאָ ביבלישע פּאָעמעס, ווי אשטייגער, „שמואל־בוך", „מלכים־בוך". זיי זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף יידיש, אָבער זייערע מקורות זיינען דאָס רוב העברעאישע: תנ"ך, תלמוד, מדרש), כאָטש זייער פאָרם איז גע־באָרגט פון דייטש. כמעט אַלץ, וואָס איז געזאָגט און געדרשנט גע־

---

*) זע מיין ארבעט: „די יידישע ליטעראַטור און די לעזערין", ווילנע, 1919).

וואָרן וועגן תנ״ך אויף העברעאיש, איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין די צענדליקער ביבלישע ספרים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אויף יידיש.

גאַנץ תנ״ך האָבן מיר אויף יידיש—און שיעור ניט גאַנץ אגדה. דאָס אייגענע איז מיט דער מוסר־ליטעראַטור. בלויז געציילטע מוסר־ספרים זיינען אָדער נאָר אויף העברעאיש, אָדער נאָר אויף יידיש. אחוץ די עטלעכע אויסנאמען, איז אונדזער גאנצע מוסר־ליטעראטור צווייִשפּראַכיק.

דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן דער וועלטלעכער ליטע־ראַטור ביז דער השכלה־צייט. א היפּשער טייל פון די אַלטע דער־ציילונגען, כראָניקעס, מעמוארן, רייזע־באשרייבונגען א. ד. ג. געהערט גלייכצייטיק אי צו דער העברעאישער, אי צו דער יידי־שער ליטעראטור. די זאכן, וואָס זיינען ניט איבערגעגאָסן געוואָרן פון איין יידישער כלי אין דער צווייטער, די זאכן, וואָס זיינען פאַראַן נאָר אין יידיש אליין, זיינען אָפט שאפונגען, אין וועלכע עס פילט זיך די ו ו י ר ק ו נ ג פון אונדזערעביידע שפּראַך־ספערן, דערביי איז, פאַרשטייט זיך, יידיש, די יינגערע שוועסטער, מער באַאיינפלוסט געוואָרן פון העברעאיש, דער עלטערער שוועס־טער, ווי פאַרקערט.

די יידישע ליטעראַטור איז ארויסגעוואקסן פון דער העברע־איש־אַראַמייאישער, ווי א יונגער צווייג פון אן אַלטן בוים.

ווען איך זאָג עס, מיין איך ניט אלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש. כ׳האָב אין זינען דערהויפּט יענע יידישע וואָרט־קונסט, וועלכע איז געקניפּט און געבונדן געוועזן מיטן יידישן לעבן, יענע ווערק אויף יידיש, וועלכע זיינען געקומען פון אינעווייניק. די „דרויסנדיקע״ שאַפונגען, די „וועלט־ביכער״, די ווערק, וואָס זייער שטאָף איז גענומען געוואָרן פון דייטש אָדער איטאליעניש, — אזוינע מעשיות, „ווי קיניג ארטוס האָף״, „דיטריך פון בערן״, „די „בבא־מעשה״ א. ד. ג. — זיינען פרעמד געוועזן

דעם יידישן לעבנס־שטייגער, דער יידישער קולטור־טראַדיציע... זיי זיינען געיידישט געוואָרן; זיי זיינען דאָך נישט יידיש. און זיי האָבן דעם ליטעראַרישן שאַפן אויף דער פאָלקסשפּראַך ניט גע־האַלפן זיך איינוואָרצלען און חשוב ווערן אין דער יידישער סביבה. זיי האָבן געשאַפן יידישע לעזער (אָדער צוהערער); זיי האָבן ניט געשאַפן קיין יידישע ליטעראַטור. זיי זיינען זייער באַליבט געווען ביי דער פרוי, ביי דעם פאָלקסמענטשן; אָבער ניט יעדעס בוך, וואָס איז פּאָפּולער, איז א פאָלקסבוך... די פרעמדע „בבא מעשה" איז פּאָפּולער געווען; א פאָלקסבוך איז געווען דאָס היימישע „מעשה־בוך"... איז ווען איך זאָג, אז די יידישע ליטעראַטור איז ארויסגעוואקסן פון דער העברעאישער, מיין איך דערהויפּט טאָקע אזוינע פאָלקסביכער, ווי „דאָס מעשה־בוך" (ערשטע, אונדז באַ־קאַנטע, אויסגאַבע — באַזעל, 1602)...

„מעשה־בוך" איז א ריזיקע זאמלונג (ארום דריי הונדערט) מעשיות, וועלכע זיינען גענומען פון דער גמרא, פון מדרש, פון אנדערע, ס׳רוב יידישע, קוואַלן. דער ארויסגעבער האָט זיך פאַר־גונען — און ער האָט זיך געמעגט פאַרגינען — צו זאָגן אין זיין פאָררעדע צו „מעשה־בוך", אז ס׳איז א „טייטש־גמרא". ער האָט געמעגט מודיע זיין דעם עולם, אז דאָס דאָזיקע בוך איז ניט גלייך צו אזוינע מעשה־ביכלעך, ווי „דיטריך פון בערן" און „מיינסטער הילדעבראַנד". ער איז געווען א פרומער ייד, האָט ער וועגן יענע מעשה־ביכלעך געזאָגט, אז זיי זיינען „אייטל שמוץ — זיי גיבן אייך ניט ווארים, נאָר היץ". זיי זיינען „ניט געטלעך", און שבת איז גאָר א זינד זיי צו לייענען. אנדערש איז דאָס „מעשה־בוך"; דאָס איז אַ שטיק עונג שבת — „א טייטש־גמרא", ענלעך צום „טייטש־חומש", צום „טייטש־זוהר"...

אַזוינע ספרים, ווי „מעשה־בוך" און ניט אַזעלכע, ווי „מיינס־טער הילדעבראַנט" אָדער „הערצאָג ערנסט", האָבן געהאָלפן דער ליטעראַטור אויף דער פאָלקסשפּראַך ווערן אַ פאָלקס־ליטעראַטור,

אן אויסדרוק פונעם יידיש־גייסטיקן לעבן, אן אָרגאַן פון דער יידישער קולטור. זיי זיינען געווען מער ווי א מיטל צו פאַרברענגען גוט די צייט. פאַרוואָס? ווייל דער הויפּט־קוואַל פון די אַלע ספרים איז געווען דאָס יידישע וואָרט־שאַפן אויף העברעאיש־אַראַמייאיש.

די אַלט־יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אירע אייגענע קוואַלן; דאָס זיינען געווען די קוואַלן פון פאָלקסשאַפן. ניט אַלץ האָט זי גענומען פון העברעאיש־אַראַמייאיש. ווי ווייט מעגלעך האָט זי זיך אָבער געהאַלטן נאָענט צו דער עלטערער שוועסטער, געטוליעט זיך צו איר... דאָס האָט גוט פאַרשטאַנען י. צינבערג, דער היסטאָריקער פון ליטעראַטור ביי יידן. ער האָט באַטראַכט די עלטערע ליטעראַטור אויף יידיש ניט סתם אַזוי ווי אַ טייל פון דער „ליטעראַטור ביי יידן", נאָר ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז גע־קניפּט און געבונדן מיט דער העברעאיש־אַראַמייאישער ליטעראַטור. ער ווייס, אַז דער עצם תוך פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, ניט נאָר איר לשון, איז עברי־טייטש, ד. ה. א סינטעז פון העב־ברעאיש און יידיש, אַ האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון ירושהדיקייט און לעבן. ער פאַרלייקנט ניט דעם איינפלוס פון אַנדערע ליטע־ראַטורן, אַחוץ דער העברעאיש־אַראַמייאישער; די נאָענטסטע שכנות פון יידיש זיינען ביי אים דאָך העברעאיש און אַראַמייאיש. זייער ווירקונג אויף מאַמע־לשון און זייער אַלעמענס בשותפותדיקע קולטור־סביבה פאַרנעמט ביי אים אַן אָרט אויבנאָן, און מיר פילן, ווען מיר לייענען די קאַפּיטלעך פון זיין „געשיכטע", אין וועלכע ער שרייבט וועגן יידיש, אַז מיר האָבן געהאַט און האָבן ניט צוויי גאָר באַזונדערע ליטעראַטורן, איינע אויף העברעאיש־אַראַמייאיש און די אַנדערע — אויב עברי־טייטש, נאָר — איין צוויי (אָדער פינקטלעכער, דריי־) שפּראַכיקע ליטעראַטור. מיר ווערן געוואָר, אַז די ראַליע פון דער יידיש־ליטעראַטור איז, ווי איך האָב אַמאָל געשריבן, באמת טאַקע געווען ענלעך צו דער ראַליע פון דער פאַרצייטיקער „זאָגערקע". אין וואָס איז באַשטאַנען איר ראָליע?

אין ארויסהעלפן די ניט־וואוילקענעוודיקע יידענעס, אין פ י ר ־ ז אָ ג ן זיי די תפלות, די תחינות, דעם טייטש־חומש. עפעס ענלעכס דערצו האָט געטאָן די ליטעראַטור אויף עברי־טייטש: זי איז צו הילף געקומען יענע, וועלכע האָבן ניט געקאָנט ל ע ר נ ע ן, אַזוי ווי די אַלטע זאָגערקע האָט געהאָלפן די, וועלכע האָבן ניט געקאָנט ד א ו ו נ ע ן. זי איז געווען אַ ליטעראַטור — אַ זאָגערקע. אזוי האָט זי, על כל פנים, אויסגעזען. אין דער אמתן האָט זי געזאָגט איר אייגן וואָרט און אַ היבש ביסל זאַכן מחדש געווען. זי האָט זיך אָבער פאַרט געטוליעט צו דער אַלטער, העברעאיש־אראמייאישער, ליטעראַטור. זי האָט זיך געטוליעט צו איר אפילו דאַן, ווען זי איז געווען אַנדערש פון יענער. און מען האָט באמת געקאָנט מיינען, אַז מער איז זי מיט איר עברי־טייטש גאָרנישט ניט אויסן געווען ווי נאָר פירצולייענען, פאַר־טייטשן און אויסטייטשן — אינעם גוסט פון דער יידישער פרוי — אַלץ אָדער כמעט אַלץ, וואָס זי האָט געפונען אין די הייליקע (און אין די ניט גאָר הייליקע) ספרים אויף לשון־קודש און אויף תרגום־לשון.

אָט זיינען עטלעכע ביישפילן.

צו די ערשטע זאַכן, וואָס זיינען (אַנגעהויבן פון דרייצנטן יאָרהונדערט) געשריבן און (אַנגעהויבן פון זעכצנטן יאָרהונדערט) געדרוקט געוואָרן אויף אַלט־יידיש, געהערן די „גלאָסאַרן", ד. ה. די פאַרטייטשונגען פון האַרבע ווערטער אין תנ"ך. פון אָט די פאַרטייטשונגען זיינען ארויסגעוואַקסן די ערשטע יידישע חומש־איבערזעצונגען (אויגסבורג און קאָנסטאַנץ, 1544). אָבער איידער נאָך די איבערזעצונגען פון חומש זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן, איז אין קראָקע, אין יאָר 1534, אָפּגעדרוקט געוואָרן דער ספר של ר' אנשל („מרכבת המשנה") א מין קאָנקאָרדאַנציע, וואָס פאַר־טייטשט לויטן אלף־בית־סדר אַלע ווערטער פון תנ"ך, — און עס איז אינטערעסאַנט, וואָס אָט דאָס בוך, איינס פון די ביכער, מיט

וועלכע עס הייבט זיך אָן די געדרוקטע יידישע ליטעראַטור, איז, ווי עס שטייט געשריבן אויפֿן שער־בלאַט, „מורכב משתי לשונות, לשון הקודש ולשון אשכנזי" — „באַשטייט, הייסט עס, פֿון צוויי שפּראַכן." עס סימבאַליזירט מיט זיך די אינטימע נאָענטקייט, וואָס איז פֿון אָנהויב אָן געווען צווישן דער העברעאישער און דער יידיש־טייטשער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך דאָן ערשט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן.

די ערשטע געדרוקטע מוסר־ספרים אויף עברי־טייטש („מוסר און הנהגה", 1535, „ספר מדות", 1542) געהערן צו אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. וועגן „ספר מדות" האָבן אייניקע פֿאָרשער געהאַט באַמערקט, אַז ער איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש און איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש; דער אמת איז, אַז ער איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן (נאָך אין פֿופֿצנטן יאָרהונדערט) אויף לשון־קודש, און דער יידישער נוסח איז אַ פֿרייע איבערזעצונג פֿון העברעאיש. אָבער ניט דאָס אינטערעסירט אונדז אין דעם פֿאַל. וויכטיק איז, וואָס די ספרים, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן די געדרוקטע יידישע מוסר־ליטעראַטור — ציען זייער יניקה פֿון העברעאיש... זיי וואָלטן, אגב, געשעפּט פֿונעם העברעאישן קוואַל, אויך ווען זיי זאָלן האָבן פֿאַרפֿאַסט געוואָרן לכתחילה אויף יידיש... פֿון וואָס פֿאַר אַן אנדערע קוואַלן וואָלטן זיי דען געקאָנט שעפּן? דאָס יידישע לעבן און די יידישע קולטור איז, אַזוי ווי דאָס לעבן און די קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער אין מיטלאַלטער, געווען אָנגעזאָפּט מיט רעליגיע — און וואו איז דער מקור פֿון אונדזער רעליגיעזן געדאַנק, פֿון אונדזער רעליגיעזן לעבנשטייגער, אויב ניט אין תלמוד, אויב ניט אין דער העברעאיש־אַראַמייאישער ליטעראַטור? ממילא איז קיין חידוש ניט, וואָס תנ"ך, גמרא, מדרש א. א. וו. זיינען דער וויכטיקסטער אויסגאַנגס־פּונקט פֿון אונדזער ליטעראַרישן שאַפֿן אין דער פֿאָלקסשפּראַך.

דער איינציקער שורש פון דער העברעאישער ליטעראַטור, צו וועלכן די ליטעראַטור אויף יידיש האָט געהאַט אַ קנאַפּע שייכות, איז, ווי געזאָגט, געווען — הלכה. דאָס איז געווען אַ צו־האַרבער ענין פאַר די פאָלקס מענטשן, וועלכע זיינען ניט געווען קיין לומדים; דאָס איז געווען אַ ניט קיין שטאַרק נייטיקער ענין פאַר די פרויען. דערפאַר אָבער האָבן סיי די „געמיינע לייט", סיי די פרויען זיך געקוויקט, געהיותט זיך מיט אגדתא, — מיט די שיינע מעשיות, די משלים, די וואונדערלעכע בילדער און גע־שטאַלטן פון אונדזערע אַלטע ספרים. מיט דער הילף פון דער פאָלקסשפּראַך האָבן די פאָלקסמענטשן און די פרויען אויסגעלייזט, קאָן מען זאָגן, די אגדה, ד. ה. אַלץ וואָס איז בילדלעך, דערציי־לעריש, פּאָעטיש אין די אַלטע ספרים, — פון דעם גלות, אין וועלכן זי איז געווען ביי דער האַרבער הלכה. די אגדה איז באַפרייט געוואָרן פון דער גרינגשעצונג, מיט וועלכער די לומדים האָבן זיך פאַרהאַלטן צו איר, — און דערפילנדיק אַרום זיך די פאָלקס־לופט, אַ לופט פון ליבשאַפט, איז זי אָפּגעפרישט געוואָרן און האָט אויפגעלעבט. די ליטעראַטור אויף עברי־טייטש איז געוואָרן פאַר איר עפּעס אַ מין צווייטער — און אַ גליקלעכער — גלגול... אין איר ערשטן גלגול אָבער איז זי געווען פאַרבונדן מיט העברעאיש־אַראַמייאיש.

אפילו אַזאַ אייגנאַרטיקע פלאַנצונג פון דער רעליגיעזער ליטע־ראַטור אויף יידיש, ווי די „ווייבערשע תחינות", האָט אירע וואָרצ־לען אין העברעאיש. אין יידיש איז זיך די תחינה צעוואַקסן און געגעבן פרוכט, ווערנדיק אַ שיינער אויסדרוק פונעם יידישן פרויען־געמיט און אַ טיפער קוואַל פון רעליגיעזע (און ניט נאָר רעלי־גיעזע) איבערלעבונגען. אירע קערנדלעך אָבער זיינען פאַרזייט געוואָרן שוין פריער — אין די לשון־קודשדיקע תפילות. אין אַזאַ זאַמלונג תחינות אויף העברעאיש, ווי ר' נתן נאָטע האַנאָווערס „שערי ציון", ווי אויך אין די העברעאישע און אַראַמייאישע תפילות

פון די צפתער און אַנדערע מקובלים, האָבן די קערנדלעך פון די תחינות שוין געווען אָנגעהויבן ארויסצושפּראָצן (זע י. צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באנד 6, ז. 283). אין „שערי ציון" „געפינען זיך א סך תפילות, וועלכע האָבן בלי ספק געהאט א געוויסע השפעה אויף דער תחינה־ליטעראַטור" (דאָרט). נתן נאָטע האַנאָווער, דער מחבר פון „שערי ציון", איז געווען א מקובל, — און עס איז בכלל געווען א נאָענטקייט צווישן די מקובלים און דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, דערהויפּט דער תחינות־ליטעראַטור. די מקובלים, „וואָס ביי זיי איז די תפילה געווען די טיפסטע מיסטעריע, האָבן זיך ניט געקאָנט באנוגענען מיטן קאַנאַניזירטן סידור; זיי האָבן אליין פּאַטעטישע הימנען און האַרציקע תפילות פארפאַסט, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעגאָסן זייער פּאַטאָס, זייער הייסע ליבע צו גאָט. פיל פון די דאָזיקע תפילות צייכנען זיך אויס מיט זייער פשוטן פאָלקסטימלעכן נוסח. זיי זיינען ניט נאָר טיילווייז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, נייערט האָבן אויך געדינט אַלס מוסטער און פאָרבילד פאַר דער תחינה־ליטעראַטור מיט איר אייגנאַרטיקן מאניר און סטיל" (דאָרט.*) אַן איבעריקער באַווייז, ווי נאָענט עס זיינען געווען צווישן זיך אונדזערע ביידע ליטעראַטורן.

די דאָזיקע נאָענטקייט ווערט אין צינבערגס ווערק היבשע עטלעכע מאָל אילוסטרירט. מען פילט זי ניט נאָר, ווען מען לייענט, וואָס ער שרייבט וועגן די רעליגיעזע ספרים אויף יידיש. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. בנוגע צו די רעליגיעזע מוסר־ספרים האָט אפילו אַזאַ „מארקסיסט", ווי מאַקס עריק צוגעגעבן, אַז צווישן דער יידישער און דער העברעאישער מוסר־ליטעראַטור איז דאָ אַ נאָענטע קרובהשאפט. אָבער י. צינבערג גייט ווייטער. אויך

*) צו דעם זעלביקן אויספיר איז, אגב, געקומען אויך שלמה פריהאָף אין אַן ענגלישער שטודיע וועגן די תחינות (זע דר. י. שאַצקי אין „אַמעריקאַנער פנקס", ז. 171, 1928).

דאָ, ווען ער באשרייבט די וועלטלעכע יידיש־דיכטונג, — אשטייגער, די שפּילמאַן־דיכטונג, — ווייזט ער אָן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט געצויגן יניקה פון קוואַלן, וואָס האָבן זיך געפונען אינעווייניק אין דעם ליטעראַרישן שאַפן פונעם יידישן פאָלק, ניט נאָר פון גערמאַנישע און ענלעכע דרויסנדיקע קוואַלן. לויט מאַקס עריקן האָט די שפּילמאַן ליטעראַטור „זיך ביי אונדז אַנטוויקלט דערהויפּט אונטער דער השפעה פון די דייטשע וואנדערנדיקע פאָלקס־זינגער אין די לעצטע יאָרהונדערטער פון דעם מיטלאַלטער" (זע זיין „געשיכטע" ז. 75). עריק הערט ניט אויף צו דערמאָנען „די גוואַלדיקע אָפּהענגיקייט פון דער יידישער מיטלאַלטער ליטעראַטור פון דעם דעמאָלסדיקן דייטשן ליטעראַרישן לעבן" (דאָרט ז. 8). צינבערג ווייס פון דער דאָזיקער אָפּגעהאַנגענקייט. ער ווייס אָבער פון אַ צווייטער אָפּגעהאַנגענקייט אויך,—דער אָפּגעהאַנגענקייט פון העברעאיש. ער ווייס, אַז עס איז געווען אַ שייכות צווישן דער יידישער ליטעראַטור און דער העברעאישער אפילו אין דעם פּרט פון „די העלדישע עפּאָסן און לידער, אין וועלכע יידישע שפּילמאַנס האָבן באַאַרבעט יידישע און אויך פרעמדע שטאָפן". דער ערשטער מוסטער פון די יידישע וואַנדערנדיקע זינגער איז, לויט י. צינבערגן, געווען ניט די דייטשע שפּילמאַן־דיכטונג, נאָר דער העברעאישער „ספר הישר" (אויף יידיש: „תם וישר"). דאָס איז „אַ מין יידישער „גבורים־עפּאָס", וואָס נעמט־ארום די עלטסטע תקופה פון בריאת העולם ביז יציאת מצרים". (באנד 1, ז. 266). עס איז „לייכט צו באַמערקן (אין דעם דאָזיקן העברעאישן העלדן־עפּאָס) די השפעה פון די אלטע ראָמאַנישע באַלאַדן און לידער וועגן די גלענצנדיקע גבורות פון די בארימטע ריטער" (דאָרט ז. 268): דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּעאישער עפּאָס האָט געווירקט אויך אויף דער העברעאישער ליטעראַטור,—און דורך העברעאיש, ניט דוקא דורך גערמאַנישע אדער ראָמאַנישע קאַנאַלן, איז אַט דער עפּאָס אריין צום ערשטן מאָל אין יידיש: „לויט דעם מוסטער פונעם „ספר

הישר״ זיינען אויך אויף דער אויסגאַנגס־שפּראַך, שרייבט צינבערג, געשאַפן געוואָרן כל־ערליי העלדישע עפּאָסן א. א. וו.״

ריידנדיק וועגן דער העברעאיש־יידישער לידער־זאַמלונג פון מנחם אלדענדארף, ווייזט צינבערג ווידער אָן אויף דעם פאַקט, וואָס ניט נאָר יידישע, אויך העברעאישע דיכטער „פלעגן גאַנץ אָפט שאַפן זייערע לידער (אפילו מיט רעליגיעזן אינהאלט) לויט דער מעטריק און מעלאָדיע פון פרעמדע פאָלקס־לידער״ (דאָרט, ז. 48). אזוי, אַז אויך אין דעם פּרט איז דאָ אַ נאָענטקייט צווישן דער ליטעראַטור אויף דער פאָלקסשפּראַך און דער העברעאישער ליטעראַטור. אָבער ניט נאָר אין דעם ענין פון מעטריק און מעלאָדיע, אויך בנוגע צו די סיוזשעטן און די מאָטיוון האָט די העברעאישע ליטעראַטור, פּונקט אזוי ווי די יידישע, ניט מורא געהאַט פאר פרעמדע ווירקונגען. „מיר וויסן... אויסער דער העברעאישער ליטעראַטור, ווי פּאָפּולער עס זיינען געווען ביי יידן פרעמדע ליטערארישע מאָטיוון, ווי באַליבט עס זיינען געווען ביים יידישן לייענער די איבערזעצונגען פון אזוינע — אויס דעם ווייטן מזרח אימפּאָרטירטע — ווערק, ווי „כלילה ודמנה״, „משלי מנדבר״, „בן המלך והנזיר״ וכדומה (דאָרט, ז. 64). און ווייטער: „אָבער ניט בלויז מזרח־מאָטיוון האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, נאָר אויך מערב־אייראָפּעאישע. מיר האָבן שוין געזען, ווי דער בעל „ספר הישר״ האָט אויסגענוצט פיל אגדות און לעגענדעס פון די אייראָפּעאישע פעלקער. בערך אויס יענער צייט (פון 1297) איז אויפגעהיט געוואָרן אַ העברעאישע איבערזעצונג פון דעם ארטור־ראָמאַן „לאנסעלאט דעל לאק״. עס דאַרף אונדז דערפאַר, זאָגט דר. צינבערג, בכלל ניט חידושן, וואָס אויך אין יידיש־דייטש זיינען באַארבעט געוואָרן פיל ווערק פון דער דייטשער שפּילמאַן־דיכטונג״ (דאָרט, ז. 65).

די פאַרשפּרייטקייט פון די אַלט־יידישע פאַבלען אָדער משלים האָט אויך אַ שייכות צו דער פּאָפּולאַריטעט פון דער פאַבעל

אין העברעאיש. (באנד 6, ז. 295), כאָטש עס זיינען פאַראַן אויך אָריגינעל־יידישע משלים...

די פעדים, וואָס ציען זיך פון דער העברעאישער ליטעראַטור צו די „וועלט־ביכער" אויף יידיש, זיינען, אמת, ניט אזוי שטאַרק, ווי יענע פעדים, וועלכע פאַרבינדן העברעאיש און יידיש אויפן געביט פון רעליגיעזן וואָרט־שאַפן. אָבער עס זיינען דאָ, ווי מיר האָבן געזעען, השפעות פון העברעאיש אויך אין דער וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור פון אַמאָל. און ניט נאָר די איבערגעזעצטע אָדער איבערגעאַרבעטע וועלטלעכע יידישע ביכער, אויך די, וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף יידיש האָבן אָפט א שייכות צו דער העברעאישער ליטעראַטור. אשטייגער, דאָס פריער שוין דערמאָנטע „שמואל־בוך". דאָס איז א מינדלעך רעציטירטער (שפּעטער פארשריבענער און געדרוקטער) פאָלקס־עפּאָס אדער „שפּילמאַן־דיכטונג". (פארעפנטלעכט געוואָרן אין אויגסבורג, 1544, אָבער פאַרפאַסט געוואָרן איז עס אין א סך אַ פריערדיקער צייט.) איז אמת, אז אַט דאָס „שמואל־בוך" איז באַאיינפלוסט אין זיין פאָרם און צום טייל אויך אין זיין אינהאַלט פון דעם דייטשן ניבעלונגען־ליד און פון דער דייטשער מיטלאַלטערלעכער קולטור בכלל; אין תוך אָבער איז עס אַ שטיק תנ"ך (שמואל א' און שמואל ב') מיט אַ צוגאָב פון שטיקער מדרש און פיוט, איבערגעזאָגט אדער, ריכטיקער, איבערגעזונגען אויף א נייעם שטייגער.

דאָס „שמואל־בוך" איז געווען דאָס באַרימטסטע, אָבער ניט דאָס איינציקע שטיק תנ"ך, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון אַ העלדן־עפּאָס אויף אַלט־יידיש: „כמעט אַלע דערציילנדיקע טיילן פון דער ביבל (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, יונה) זיינען אין העלדן־עפּאָס איבערגעדיכט און איינגעפאַסט (געוואָרן) אין דער קלאַסישער פאָרם פון דעם באַדייטנדסטן אַלט־דייטשן פאָלק־עפּאָס — אין דער ניבעלונגען־סטראָפע". (י. צינבערג; „די גע־

שיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, ב, 6, ז. 125.) דאָס זיינען ריין־וועלטלעכע שאַפונגען; קיין שום דירעקטע שייכות צום רע־ליגיעזן לעבנסשטייגער האָבן זיי ניט. אָבער אינדירעקט זיינען זיי פאַרבונדן מיט דעם פאַרצייטיקן נוסח פון „עקדת יצחק״, פון דער „הגדה של שבועות״, פון די אסתר־פּאָעמעס, וואָס עס איז אַ סברה, אַז מען פלעגט זיי פירלייענען פאַרן פאָלק אין זיין אומ־גאַנגס־שפּראַך בעתן יום־טובדיקן דאַוונען (דאָרט, ז. 124.)

אויף אַזאַ אופן האָט דער וועלטלעכער העלדן־עפּאָס אויף אַלט־יידיש אַ קרובהשאפט מיטן לשון־קודש, וואָס מען האָט געניצט אין יענע צייטן ביים דאַוונען, ניט נאָר מיטן אַלטן תנ״ך־ און מדרש־העברעאיש. דער אַלט־יידישער העלדן־עפּאָס איז אָבער פאַרבונדן, ווי מיר האָבן געזעען, ניט בלויז מיטן רעליגיעזן פּיוט; ער האָט אַ שייכות צו דער מער וועלטלעכער דיכטונג אויף העב־ברעאיש, דערהויפּט צום ספר הישר (שפּעטער איבערגעאַרבעט אויף יידיש אונטערן נאָמען „תם וישר״).

עס וואָלט צוגענומען צופיל אָרט אויסצורעכענען די אַלע פונקטן, אין וועלכע די יידישע ליטעראַטור פון מיטלאַלטער איז גע־קומען אין באַרירונג מיט דער העברעאישער ליטעראַטור פון דער־זעלביקער (אָדער אַ פריערדיקער) תקופה. כ׳וועל זיך באַנוגענען נאָר דערמיט, וואָס איך וועל נאָך אָנווייזן אויף אייניקע וויכטיקע איבערזעצונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַלט־יידיש פון וועלטלעכע אָדער כמעט וועלטלעכע העברעאישע ווערק. דאָס זיינען די איבערזעצונגען פון אברהם בן חסדאיס „בן המלך והנזיר״ (די האַנטשריפטלעכע יידישע איבערזעצונג שטאַמט פון 14טן יאָר־הונדערט), די איבערזעצונגען, וועלכע געפינען זיך אין דער האַנט־שריפטלעכער לידער־זאַמלונג פון מנחם אלדענדאָרף (15־ער יאָר־הונדערט), דער יידישער נוסח פון „אלדד הדני״, „גיהנום וגן־עדן־ביכל״ (פון עמנואל הרומיס „מחברת העדן והתופת״), פאַרשיידענע

זאַמלונגען פון משלים, וועלכע זיינען גענומען געוואָרן פון העב־רעאיש...

פון העברעאיש אויף יידיש איז ניט אין ערך מער איבער־געזעצט געוואָרן, ווי פון יידיש אויף העברעאיש. יידיש איז געווען אַ קנאַפּער יחוס. עס זיינען געווען א היבש ביסל העברעאישע מחברים, וואָס האָבן געקוקט אויף דער פאַלקסשפּראַך, ווי מיר ווייסן, פון אויבן־אַראָפּ. פון דער אַנדער זייט זיינען געווען יידישע פאַרפאַ־סערס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מיט דער גאוה פון יענע לומדים, וואָס האָבן געשריבן נאָר פאַר לומדים אויף דער שפּראַך פון לומדים. בכלל אָבער איז אין משך פון די פינף הונדערט יאָר, וואָס זיינען אוועק זינט דעם אָנהויב פון דער ליטעראַטור אויף יידיש ביז דער השכלה־עפּאָכע, געווען א גרויסע נאָענטקייט צווישן אונדזערעביידע לשונות. בריוו פלעגן אָפט געשריבן ווערן אויף א שפּראַך, וואָס איז געווען אַ געמיש פון לשון־קודש און יידיש. אויף אַזאַ געמישטער שפּראַך זיינען פאַר־פאַסט געוואָרן אויך א סך פון די כרוזים און תקנות, וואָס איינציקע חברות און גאַנצע קהלות פלעגן פאַרעפנטלעכן. רעשטלעך פון אָט דעם העברעאיש־יידיש אָדער יידיש־העברעאיש קאָן מען געפינען אין די מעמוארן פון גליקל פאַן האמעלן, אין די כתבים פון חסידישע רביים, אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ר׳ נחמן בראַסלאַ־ווערס ספורי מעשיות...

און ניט נאָר אונדזערע ביידע שפּראַכן, — אונדזערע ביידע ליטעראַטורן האָבן, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע פונקציעס, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט, געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט צווישן זיך, און יעדעס מאָל, ווען אין אונדזער גייסטיקן לעבן האָט זיך געוויזן עפּעס א נייע שטרעמונג, א נייע שיטה, האָט זיך עס געפילט סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער יידישער ליטע־ראַטור. פאַרוואָס ? ווייל אונדזער קרעאַטיוויטעט אין ביידע שפּראַכן

האָט געאָטעמט מיט איין גייסטיקער לופט, דער לופט פונעם יידישן לעבן; ממילא, האָט יעדע ענדערונג, וואָס איז אין איר פאַרגעקו־מען, געווירקט סיי אויף דער העברעאישער, סיי אויף דער יידישער ליטעראַטור.

עטלעכע ביישפּילן פון אַזוינע ענדערונגען וועלן מיר ברענגען אינעם קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל אַכט

שטרעמונגען אינעם יידישן לעבן. — קבלה און מוסר. — זיי האָבן באַאיינפלוסט אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן. — „נחלת צבי" — דער טייטש־זוהר. — „מנורת המאור". — העברעאישער „ראשית חכמה" — יידישער „בראַנט־שפּיגל". — העברעאישער „ספר המוסר"—יידישער „לב טוב". — די צווייִשפּראַכיקע מוסר־ליטעראַטור. — חסידות. — שבחי בעל שם טוב און ר' נחמנס מעשיות. — תפלות אויף יידיש. — „פּוקח עורים".

וואָס זיינען געווען די וויכטיקערע ענדערונגען פון אונדזער גייסטיקער לופט אין יענע צייטן, ווען די ליטעראַטור אויף יידיש האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן? וואָס פאַר אַ נייע שטראָמען האָבן זיך געוויזן אין אונדזער גייסטיקן לעבן? דאָס זיינען געווען:

א) קבלה און מוסר (דערהויפּט אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט);

ב) חסידות און השכלה (אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט).

וועלן מיר זיך אָפּשטעלן פריער אויף קבלה און מוסר.

קבלה האָט געווירקט סיי אויף דער העברעאישער, סיי אויף דער יידישער ליטעראַטור. „די קבלה האָט באַפרייט די פאַנטאַזיע און באַפליגלט דעם גייסט". (פ. לחובר: תולדות הספרות העברית החדשה 1. ז. 13). די משוררים, וועלכע זיינען געווען די פאַר־

גייערס פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, אזוינע, ווי ר׳ שלמה אלקוביץ און ר׳ ישראל נאגרא, זיינען געווען מקובלים. עס איז באַשאַפן געוואָרן א גאַנצע ליטעראַטור אויף לשון־קודש ווי אויך אויף תרגום־לשון, וועלכע איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון יידישן מיסטיציזם — אַ ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט איר אייגענע ביבל — דעם זוהר... און אַ גרויסער טייל פון אַט דער ברייט־פאַרצווייגטער קבלה־ליטעראַטור און, פריער ווי אלץ, איר ספר הספרים — דער זוהר — איז פאַרטייטשט געוואָרן פאַרן פאָלק אויף זיין אומגאַנגס־שפּראַך, אויף יידיש.

דער ערשטער יידישער פאַרטייטשער פון זוהר איז געווען א רב אין פוילן, אַ מקובל, מיטן נאָמען ר׳ זעליג. ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זיין ספר. ערשט נאָך זיין טויט האָט איינער פון זיינע זין געקראָגן הסכמהס פון רבנים און צוגעגרייט דעם ט י י ט ש ־ ז ו ה ר צום דרוק. אָבער אויך דאָס מאָל איז דעם זוהר אויף יידיש ניט באַשערט געווען צו באַוויזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין. עס זיינען אָנגעשטאַנען די צרהס פון כמעלניצקים ציטן, גזרת ת״ח — און די הסכמהס זיינען אין דער בהלה ערגעץ־וואו פארלאָרן געגאַנגען. נאָך גוט וואָס דער עצם מאַנוסקריפּט איז אויפגעהיט געוואָרן. האָט שפּעטער ר׳ צבי הירש כאַטש, ר׳ זעליגס אַן אייניקל, איבערגעזוכט און פאררעכט דעם כתב־יד און אים אָפּגעדרוקט אינאיינעם מיט א העברעאישער און א יידישער הקדמה אונטערן נאָמען „נחלת צבי״ (פראַנקפורט אַם מאין, 1711). אין זיין הקדמה דערקלערט ר׳ צבי הירש כאַטש, אז „די גאולה קאָן ניט אנדערש קומען אז (ווי) דורך די קבלה״, און אזוי ווי דער זוהר איז דער הויפּט מקור פון קבלה, איז נייטיק צו האָבן א „טייטש־זוהר״. אגב, ווייזט ער אָן, איז דאָך דער זוהר גופא געשריבן געוואָרן אויף אַן אַמאָליקן יידיש, אויף אראמייאיש, — און „אין יענער מדינה, וואו מען רעדט לשון תרגום, איז דאָס ספר הזוהר פאַר איטלעכס, אפילו פאַר המוני עם, ווי במדינתנו

איז אונדזער לשון אשכנז שוה לכל נפש אדם". תרגום־לשון איז „אין יענער מדינה", ווי ר' צבי הירש האָט געגלויבט, די שפּראַך פון פאָלק, — און אַזוי ווי דער מחבר פון זוהר האָט ניט מורא געהאַט צו נוצן דעם אמאָליקן פאָלקס־לשון, אַראַמייאיש, דאַרפן אויך היינטיקע לומדים „ניט מיינען עס ווער (עס איז) איין חרפה צו לייענען טייטש ספרים" (ציטירט לויט מאַקס עריק: געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור, ז. 242).

מקובלים האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו תרגום־לשון, אונדזער ערשטן יידיש — און זיי האָבן אַרויסגעוויזן גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס צום היינטיקן יידיש, אונדזער צווייטן אַראַמייאיש. צווישן די מקובלים זיינען געווען אַזוינע, וואָס ניט בלויז האָבן זיי אַליין געשריבן ספרים אויף דער פאָלקסשפּראַך, — זיי האָבן זיך אויך אויסגעטענהט מיט אירע קעגנער. כמעט אין דערזעלבער צייט, ווען ר' צבי הירש כאַטש האָט אין זיין הקדמה צום „נחלת־צבי", געמוסרט די לומדים פאַרוואָס זיי מיינען, אַז עס איז אַ „חרפה צו לייענען טייטשע ספרים", האָט עס געטאָן אויך ר' משה פראַנקפורט. ער האָט איבערגעזעצט דעם „מנורת המאור" (1722), וואָס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, און אין דער הקדמה צו זיין איבערזעצונג האָט ער געפירט נאָך אַ שאַרפערן וויכוח מיט די לומדים, וועלכע זיינען געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל מאַכן צוגענגלעך צום פאָלק אַזעלכע ספרים ווי דער „מנורת המאור". ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, האָט ר' משה פראַנקפורט אָנגעוויזן די גרויסע יחסנים, די לומדים, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט זיינען גראָד די האַרבסטע ספרים, אַזוינע, ווי תלמוד ירושלמי א. ד. ג., געשריבן געוואָרן ניט אויף לשון־קודש, „נייערט אויף דאָס לשון, וואָס דער געמיינער מאַן גערעדט האָט."

ר' משה פראַנקפורט און ר' צבי הירש כאַטש זיינען ניט געווען די איינציקע אַנהענגער פון קבלה, וועלכע האָבן גענוצט דעם לשון

פון דעם „געמיינעם מאַן". אויך אַנדערע מקובלים זיינען געווען צוגעבונדן צו דער אמאָליקער און היינטיקער שפּראַך פון פאָלק, — צו אראמייאיש און יידיש. „מיט קבלה", האָט געזאָגט דער רמ"א, „גיבן זיך אָפּ אפילו בעלי בתים, וואָס ווייסן ניט פון רעכטס ביז לינקס, וואָס גייען ארום אין דער פינצטערניש, ווייסן ניט איינצוטייטשן א סדרה אָדער א פרשה חומש מיט רש"י (ציטירט לויט ש. דובנאָווס „געשיכטע פון חסידיזם", 1. ב. ז. 28); איז קיין וואונדער ניט וואָס צווישן די קאבאליסטן זיינען געווען א סך אזוינע, וועלכע האָבן זיך ניט באנוגנט מיט לשון־קודש אליין; קיין וואונדער ניט, וואָס כמעט אלע ספרים, אויף וועלכע עס שוועבט דער גייסט פון נסתר, זיינען אויף אַזאַ אדער אן אנדער אופן איבערגעזאָגן געוואָרן פון העברעאיש־אראמייאיש אין יידיש־טייטש. קיין חידוש ניט וואָס דער העברעאישער „ראשית חכמה" איז געוואָרן דער יסוד פון „בראנטשפיגל", דער העברעאישער „ספר המוסר" — „פון לב טוב" אויף עברי־טייטש.

ביידע ספרים, — „בראנטשפיגל" און „לב טוב" — זיינען אויף יידיש אנדערש, ווי אין די העברעאישע מקורות, אָבער דער תוך זייערער איז איינאונדערזעלביקער — דער תוך פון קבלה מעשית, פון דער לערע, וועלכע האָט געהערשט דאָן איבער די יידישע מוחות און אין די יידישע הערצער; פון דער לערע, וועלכע האָט געהייסן פייניקן דעם גוף, זוכן אַ תיקון פאַר דער נשמה, ארייננדרינגען אין די הייליקע סודות פון דער תורה און אויסלייזן די שכינה פון גלות...

אָט אַזוי זעען מיר, אז ווען די קבלה האָט זיך ביי יידן פאַרשטאַרקט, האָט זי זיך פאַרשטאַרקט אין ביידע ליטעראַטורן. דער אונטערשייד איז געווען נאָר אין דעם עולם, צו וועלכן זי האָט זיך געווענדט. אין העברעאיש האָט זי געהאַט פאַר זיך לומדים אויך, ניט נאָר איינפאכע „בעלי בתים", האָט זי זיך געקאָנט אויסשפּרייטן, פאַרטיפן זיך און אַוועק אין

ווייטע דרכים. אין יידיש זיינען אירע חסידים געוועזן פּראָסטע מענטשן, האָט זי זיך געמוזט באַנוגענען דערמיט, וואָס זי האָט געוועקט זייער האַרץ מיט מוסר און זייער פאַנטאַזיע מיט סודות, וואונדער־געשטאַלטן און וואונדער־געשיכטעס. און אויב ניט די גאַנצע סתרי תורה, זיינען אַלע נסים ונפלאות, וואָס זיינען דער־ציילט געוואָרן אויף לשון־קודש, איבערדערציילט געוואָרן אויף יידיש. אַלץ איינס וועגן וועמען די מעשיות זיינען דערציילט געווע. — וועגן ר׳ יהודה חסיד און יוסף דילה רינה אָדער וועגן ארי הקודש און ר׳ חיים וויטאל, — אַלץ איינס זיינען זיי דערציילט געוואָרן איןביידע שפּראַכן.

וועגן דער מוסר־ליטעראַטור, וועלכע איז צום גרעסטן טייל געוועזן באַאיינפלוסט פון קבלה, ווייסן מיר שוין פון פריערדיקן קאַפּיטל, אַז זי איז כמעט אינגאַנצן געוועזן צווייששפּראַכיק. א סך מוסר־ספרים זיינען איבערגעזעצט געוואָרן פון לשון־קודש אויף עברי־טייטש. צו זיי געהערן אזוינע מוסר־ספרים, ווי „ספר מדות״, „ספר היראה״, „מנורת המאור״, „חובת הלבבות״. עס זיינען פאַראַן אָבער אויך מוסר־ספרים, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אויף יידיש, כאָטש זיי זיינען באַאיינפלוסט געוועזן פון העברעאישע ספרים, — אַזוינע, ווי די דערמאָנטע „בראַנטשפּיגל״ און „לב טוב״, אדער אזוינע, ווי די ניט־דערמאָנטע „פרויען־ביכליין״, „שמחת הנפש״.

„קב הישר״, „שבט מוסר״, „סם חיים״ און צענדליקער אנדערע מוסר־ספרים זיינען געדרוקט געוואָרן מיט צווייַ טעקסטן — אַ העברעאישן און אַ יידישן. אַז איר עפנט אויף אַזאַ ספר און דערזעט אויבן לשון קודש און אונטן עברי־טייטש, האָט איר פאַר זיך אַ לעבעדיק בילד פון אונדזער ליטעראַרישער צווייששפּראַ־כיקייט אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט.

דאָס בילד פאַסט זיך אָבער אויך פארן 18טן און 19טן יאָר־הונדערט, ווען דעם אָרט פון קבלה הייבט אָן צו פאַרנעמען חסידות און דעם אָרט פון מוסר — השכלה.

קבלה און מוסר האָבן געשטיצט איינס דאָס אַנדערע און זיינען געווען אָפּט איינס. חסידות און השכלה, די נייע צוויי שיטות אין דעם יידישן גייסטיקן לעבן, האָבן פאַרלייקנט איינס דאָס אַנדערע, — פאַרלייקנט און באַקעמפט. זיינען עס ניט קיין צוויי גלייכע פאַרלעך. אָבער אין פּרט פון שפּראַך איז צווישן דעם מקובל און זיין נאָכפאָלגער — דעם חסיד, פון איין זייט, און דעם מוסר־שרייבער און זיין יורש — דעם אויפקלערער, פון דער אַנדערער זייט, — געווען אַן ענלעכקייט: — סיי די חסידים, סיי די משכילים האָבן, אַזוי ווי די מחברים פון די קבלה־ און מוסר־ספרים, באַנוצטביידע שפּראַכן.

די האַרבערע סוגיות, די טיפערע חקירות פון חסידות אָדער השכלה זיינען, אַזוי ווי דער פּלפּול פון גמרא און די מעטאַפּי־זישע פילאָזאָפיע פון די מקובלים, געשריבן געוואָרן דערהויפּט אויף לשון־קודש. פאַר יידיש זיינען געבליבן די לייכטערע זאַכן: די אגדתות, די שיינע מעשיות, די משלים, די פּאַמפלעטן. די חסידישע און די משכילישע ליטעראַטור אויף יידיש איז אַ ליטע־ראַטור פון אגדה. דערמאָנט מען זיך אָן דער גרויסער ראָליע, וואָס די „אגדה" (אָדער די בעלעטריסטיק, די פּאָעזיע, די פּאָלעמיק) האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון ביידע באַוועגונגען, קאָן מען זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען באַוועגונגען, וועלכע האָבן גענוצט פאַר זייערע צילן סיי העברעאיש, סיי יידיש.

אַזעלכע חסידישע ספרים, ווי „תולדות יעקב יוסף" אָדער „תניא" זיינען געשריבן געוואָרן אויף לשון־קודש: דאָס זיינען טעאָרעטישע אָדער לומדישע ספרים פון חסידות. אָבער „שבחי בעל שם טוב", די מעשיות פון ר' נחמן בראַסלאָווער זיינען גלייכ־צייטיק געדרוקט געוואָרן אי אויף לשון־קודש, אי אויף יידיש (1815). דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן „קהל חסידים" און אַנדערע חסידישע ספורי נפלאות. דאָס זיינען וואונדער־געשיכטעס, וועלכע האָבן געדאַרפט ווירקן אויפן געפיל און אויף דער פאַנטאַזיע פון

פאָלק, ניט נאָר אויף זיין געדאנק אליין, און וויבאלד אז עס האָט זיך געגערעדט וועגן דעם געמיט פון פאָלק, האָט מען געמוזט קומען צו דער שפּראַך פון זיין געמיט, יידיש. אזוי האָט מען געמוזט אָנקומען צו איר, ווען מען האָט געוואָלט, אז דאָס דאַווענען זאָל זיין האַרציקער און מיט מער כונה. האָבן חסידישע רביים — אַזוינע, ווי ר' נחמן בראסלאָווער, — געעצהט דעם חסיד, ער זאָל זיך דורכרעדן מיטן רבונו של עולם „אויף דעם לשון, וואָס מיר רעדן אויף אים, ד. ה. אויף לשון אשכנז, וואָרים אויף לשון־קודש וועט אים שווער זיין צו זאָגן אלץ, וואָס ער וויל, אויך וועט ער ניט קאָנען זיין אזוי האַרציק מחמת ער איז ניט געוואוינט צו דעם דאָזיקן לשון, וואָרים מיר רעדן דאָך ניט אויף לשון־קודש, אָבער אויף לשון אשכנז, וואָס מיר נוצן שטענדיק, וועט אים גרינג זיין זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן, וואָרים דאָס הארץ ציט צו לשון אשכנז, צו וועלכן ער איז געוואוינט א. א. וו." ר' נחמן בראסלאָווער האָט אַזאַ עצה געגעבן זיינע חסידים, און ער אליין, ווי עס שטייט אין „שבחי הר"ן", פלעגט זיך אויך „אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר השם יתברך אויף טייטש מיט אלערליי טענות". און אויב מיט גאָט איז גוט זיך דורכצושמועסן אויף יידיש, איז דאָך מיט מענטשן אודאי. האָט איינער פון די חסידישע רביים, ר' דוב בער פון ליאדי, געשריבן א ספרל אויף יידיש „פוקח עורים,"*) און אין דער הקדמה זאָגט ער, אַז — „אגב, איז דאָס א פעולה אפילו פאַר דעם למדן, ווייל עס איז געזאָגט אויף מוטער־שפּראַך, דארום דערוועקט זיך דאָס הארץ פון מענטשן א. א. וו." די מוטערשפּראַך האָט ביי די חסידים געשפּילט נאָך א גרעסערע ראָלע, ווי ביי זייערע זיידעס — די מקובלים. חסידות איז געווען א פאָלקס־

*) דאָס דאָזיקע ספרל איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרק, 1940, מיט דעם צוגאָב פון א צווייטן טייל, וואָס האָט זיך ביז איצט געפונען אין מאַנוסקריפּט, מיט א העברעאישער איבערזעצונג און אן אריינפיר פון דעם ליובאוויטשער רבין.

באַוועגונג, ניט נאָר אַן ענין פאַר יחידים און קליינע גרופּעס. ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג, האָט חסידות געמוזט אָנקומען צו דער פאָלקשפּראַך. און ניט נאָר דערפאַר אַליין. דאָס גרונט־געפיל פון חסידות איז דאָס געפיל פון דבקות און טיפן גלויבן, — גלויבן אין גאָט און אין גאָטס וואונדער. פאַר אַזאַ געפיל, פאַר אַזאַ גלויבן און אַזאַ צעפלאַמטער פאַנטאַזיע דאַרף מען האָבן אַ לעבעדיקע שפּראַך, אַ שפּראַך, וואָס מען רעדט, ניט נאָר מען שרייבט, אויף איר. איז פאַרשטענדלעך, וואָס פון חסידות איז אונדז געבליבן, פון איין זייט, תורה נאָר אויף העברעאיש און פון דער צווייטער זייט, תפלות, לידער, משלים און מעשיות אויך אויף יידיש. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די רייכסטע קינסטלערישע ירושה פון דער חסידישער וועלט — די ספורי מעשיות פון ר' נחמן בראַסלאַווער — איז אויפגעהיט געוואָרן אין ביידע שפּראַכן.

קאַפּיטל ניין

דייטשע משכילים. — יצחק אייכל. — אהרן וואָלפֿ־סאָן. — דער אונטערגאַנג פֿון יידיש אין דייטשלאַנד איז געווען אויך די גסיסה פֿון העברעאיש. — די השכלה אין מזרח־אייראָפּע. — איר צווייִשפּראַ־כיקייט. — מענדל לעפֿין. — יוסף פּערל. — י. ש. ביק. — דער ערשטער מאַניפֿעסט פֿון יידישיזם — אויף העברעאיש. — דר. משה מארקוזי. — דר. שלמה עטינגער און ישראל אקסענפֿעלד. — ח. ח. הורוויץ. — ר׳ מנשה איליער. — יצחק בער לע־ווינזאָן. — העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן גע־שריבן אויך יידיש; יידישע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן אויך העברעאיש. — „קול מבשר״ — אַ ביילאַגע צו „המליץ.״

די קעגנער פֿון חסידות — די משכילים — האָבן ניט גע־מאַכט קיין וועזן פֿון יידיש. ביי זיי איז געווען אַ קולט פֿון העברעאיש. אַסך פֿון זיי האָבן, אחוץ דעם, געשריבן אויך אויף דער שפּראַך פֿון לאַנד (אויף דייטש, שפּעטער אויף רוסיש, אויף פּויליש). פֿון יידיש האָבן זיי ניט געהאַלטן. געווען צווישן זיי אויך אַזוינע, וואָס האָבן חוזק געמאַכט פֿון דעם „פֿאַרדאָרבענעם דייטשן דיאַלעקט״, אַזוינע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז „זשאַרגאָן״ ווי זיי האָבן גערופֿן יידיש, וועט „אָפּזונדערן״ יידן פֿון דער אַרו־

מיקער באַפעלקערונג. אויב יידן, האָבן זיי געזאָגט, איז שוין יע באַשערט צו האָבן צוויי שפּראַכן, זאָלן די דאָזיקע צוויי שפּראַכן זיין — העברעאיש און די שפּראַך פון לאַנד.

ניט אַלע משכילים האָבן געטראַכט אַזוי. עס זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון דער פאָלקסשפּראַך, אַזעלכע, וואָס האָבן געשטרעבט זי אויפצוהייבן און קולטיווירן ווי אַן אינסטרומענט פון ליטעראַרישן שאַפן. אָבער אַפילו יענע אויפקלערער, וואָס אידעאָלאָגיש זיינען זיי געווען קעגן „זשאַרגאָן", האָבן פּאַקטיש אים געהאָלפן אַנטוויקלען זיך און ווערן די צווייטע שפּראַך פון אונדזער אויפקלערונגס־ליטעראַטור.

יצחק אייכל, איינער פון די גרינדער פון דער העברעאישער השכלה־ליטעראַטור און איר אָרגאַן „המאסף" אין דייטשלאַנד, איז זיכער ניט געווען קיין פריינט פון יידיש, דאָך האָט ער געשריבן יידיש אויך, ניט נאָר העברעאיש (און דייטש). אויף יידיש האָט ער פאַרפאַסט זיין שאַרפסטע סאַטירע, די קאָמעדיע „ר' הענאָך, אָדער וואָס טוט מען דאַמיט" (אַרום 1793), — די ערשטע יידישע קאָמעדיע, אויב מען זאָל ניט רעכענען די פּורים־שפּילן. לויט דער מיינונג פון אייניקע היסטאָריקער, זאָל ער האָבן אויסן געווען מיט זיין סאַטירע אויסצולאַכן די עצם יידישע שפּראַך, ניט נאָר די, וואָס האָבן גערעדט אויף איר, — די קהלשע רעדל־פירער פון אַלטן דור, און ניט נאָר די „פאַלשע בילדונג". דאָס איז ניט ריכטיק. אָבער ס'איז ניט קיין גרויסע נפקא מינה, וואָס אייכלס כוונה איז געווען, — פּאַקטיש האָט ער געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער מאָדערנער יידישער טעאַטער־ליטעראַטור.

א צווייטער פּיאָנער פון דער יידישער דראַמע, אהרן וואָלפסאָן־האַלע, איז אויך געווען א העברעאישער שריפטשטעלער, א וויכטיקער מיטאַרבעטער פון „המאסף", א פריינט פון מאָזעס מענדעלסאָן. ער האָט (אין יאָר 1796) אָנגעשריבן די קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעמעליי" („לייכטזיניקייט און צביעות"). אויך זיין ציל

איז ניט געווען צו העלפן שאַפן אַ ליטעראַטור אָדער אַ טעאַטער אויף יידיש. גיכער האָט ער, פאַרקערט, געוואָלט, אַז יידן זאָלן פּטור ווערן — און וואָס גיכער פּטור ווערן — פון די עברי־טייטש־ספרים, וועלכע זאָלן אונדז האָבן „פאַרוויסט און דאָס הויז יעקב געבראַכט צו שאַנד" (י. צינבערג: „די געשיכטע פון דער ליטע־ראַטור ביי יידן", ב. 7, ערשט בוך, ז. 129). די פאַרשווינען פון יונגן דור רעדן ביי אים, אַזוי ווי ביי יצחק אייכלען, ניט יידיש, נאָר דייטש. אָבער קעגן זיין ווילן האָט ער, אַזוי ווי זיין פריינט אייכל, געשאַפן אַ ווערק, וואָס האָט געווירקט אויף דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער דראַמע.

עס איז צו גלייכער צייט אַ ווערק, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין דייטשלאַנד לאָזט זיך מיט אים אויס. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס די דייטשע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט איין ליטעראַטור־שפּראַך — העברעאיש. ניין, העברעאיש כאַפּט פון דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין דייטשלאַנד פּונקט אַזאַ פּסק, ווי יידיש. ניט קיין אַנדערער, ווי דער נאָר־וואָס דערמאָנ־טער יצחק אייכל, דער גרינדער פון „חברת דורשי לשון עבר", קלאָגט זיך אויף די פאַרשטייער, פון דעם זעלביקן יונגן דור, וועלכער רעדט דייטש, אַנשטאָט יידיש, אַז „זיי זיינען אַנטלאָפן (פון דער העברעאישער ליטעראַטור און שפּראַך) און זיינען ניטאָ... ווי, זיי וועלן שוין אויך מער ניט צוריקקומען... זיי איז מיאוס געוואָרן די שפּראַך פון זייערע אבות א. א. וו." (דאָרט, ז. 171).

העברעאיש האָט ניט פאַרנומען דעם אָרט פון יידיש. זייער ביידנס אָרט האָט פאַרנומען דייטש. ווען יידיש האָט אָנגעהויבן אויסצוגיין, האָט אויך די העברעאישע ליטעראַטור געגוססט: „אַנ־שטאָט דעם העברעאישן „המאסף", שרייבט דער היסטאָריקער פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור, פ. לחובר, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין נייע זאַמלביכער, דייטשע" („תולדות הספרות העברית החדשה", ז. 125).

די השכלה־ליטעראַטור ווערט אַריבערגעטראָגן פון מערב — קיין מזרח־אייראָפּע, — און דאָרט איז זי ווידעראַמאָל צווייִשפּראַכיק. אומעטום, וואו זי גיסט זיך נ י ט אריין שפּראַכלעך אין דעם אַלגעמיינעם ליטעראַרישן שטראָם פון לאַנד, אומעטום, וואו זי בלייבט שפּראַכלעך — ניט נאָר אינהאַלטלעך — יידיש, וואַקסט זי און בליט זיך פאַנאַנדער אין אונדזערעביידע לשונות.

איינע פון אירע הויפּט־טעמעס (און איר הויפּט־שונא) אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער איז חסידות, און אַזוי ווי חסידות האָט איר שיטה פאַרשפּרייט מיט דער הילף פון ביידע שפּראַכן, האָבן אויך די השכלה־פּריידיקער, די קעגנער פון חסידים, געמוזט נוצן ביידע לשונות. און טאַקע באַלד נאָכדעם, ווי עס ווערן פאַרעפנטלעכט אויף העברעאיש און אויף יידיש „שבחי בעל שם־טוב", ר' נחמן בראַסלאַווערס „ספורי מעשיות" און אַנדערע חסידישע ספורי נפלאות, שרייבט מענדל לעפין, איינער פון די וויכטיקסטע השכלה־פירער, אַנטי־חסידישע פּאַמפלעטן סיי אויף יידיש, סיי אויף העברעאיש („מחכימת פתי"). די דאָזיקע פּאַמפלעטן זיינען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן, אַזוי ווי א סך אַנדערע השכלה־שריפטן, אין מאַנוסקריפּט.

און ניט נאָר מענדל לעפין, אויך יוסף פּערל, פּונקט אַזאַ וויכטיקער פירער פון דער השכלה־באַוועגונג, ווי לעפין, האָט זיין „מגלה טמירין", א פּאַראָדיע אויף חסידישע ספרים און חסידישע פירונגען, — געשריבן אויף לשון־קודש און אויף יידיש (דער יידישער טעקסט פון „מגלה טמירין" איז, אינאיינעם מיט אַנדערע יידישע כתבים פון יוסף פּערל, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער ביבליאָטעק פון ייוו"א, ווילנע, 1937, מיט אריינפירן פון ישראל ווינלעז און ז. קאַלמאַנאָוויטש).

דער העברעאישער „מגלה טמירין" איז, אגב, פול מיט יידישיזמען, אַזוי ווי דער יידישער — האָט אין זיך אַן א שיעור

העברעאיזמען... אין דער וועלט פון חסידות (און אנטי־חסידות) זיינען העברעאיש און יידיש געוואָרן שיעור ניט איין שפּראַך, אַזוי ווי אַמאָל לשון־קודש און תרגום־לשון.

אָבער ניט נאָר אין איר קאַמף קעגן דעם בעש״טס תלמידים, אויך אויף אַנדערע געביטן פון איר טעטיקייט נוצט די השכלה־באַוועגונג ביידע שפּראַכן. מיט העברעאיש אַליין באַנוגנט זי זיך נאָר דאַן, ווען זי רעדט צו די לומדים (צו זיי האָט אויך קבלה און חסידות געווענדט זיך, ווי מיר ווייסן, נאָר אויף לשון־קודש). אויף העברעאיש אַליין ווערן געשריבן אַזעלכע האַרבע חקירה־ספרים, ווי קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן״, אָדער לעווינזאָנס „תעודה בישראל״. ווי נאָר אָבער עס קומט צו אַזוינע ווערק, מיט וועלכע די משכילים ווילן ווירקן אויפן גאַנצן פאָלק, ניט נאָר אויף זייערע חברים, די וואויל־לערנער, ווערט קלאָר די נייטיקייט פון יידיש אָדער פון יידיש אויך. די נאָר וואָס דערמאָנטע זיילן פון דער השכלה־באַוועגונג, מענדל לעפין און יוסף פערל, האָבן ניט בלויז אַנטי־חסידישע סאַטירעס געשריבן אויף יידיש. זיי האָבן געניצט די פאָלקסשפּראַך אויך פאַר אַנדערע אויפקלער־רונגס־צילן. מענדל לעפין האָט, אגב, געשריבן אַ ספּעציעלן אַרטיקל אין דייטש „פאַן דער וויכטיקייט דער פאָלקסשריפטן אין יידישער שפּראַכע צור קולטור אונד אויפקלערונג יידישער איינ־וואהנער אין פאלען״. און בעת זיין רבי און פריינט מאָזעס מענ־דעלסאָן האָט געהאַלטן פאַר נייטיק איבערצוזעצן פאַר יידן תנ״ך אויף דייטש, האָט זיך מענדל לעפין געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צושאַפן אַ נייע י י ד י ש ע איבערזעצונג פון תנ״ך. אָנגע־הויבן האָט ער מיט „משלי״. ווי נאָר ער האָט עס פאַרעפנטלעכט, האָט איינער פון די העברעאיסטישע משכילים, טוביה פעדער, אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט, וואו ער האָט אים אויסגעלאַכט. ער האָט חוזק געמאַכט פון מענדל לעפינען דערפאַר, וואָס ער זאָל האָבן געוואָלט „נושא חן זיין ביי קעפּסווייבער און מיידלעך״. אָבער

אין דער העברעאישער פּרעסע גופא קריגט פעדער אַן ענטפער, וואָס האָט געמעגט געשריבן ווערן פון אַ היינטיקן יידישיסט. דער פּאַרפאָסער פון דעם ענטפער איז געווען אַ באַוואוסטער משכיל מיטן נאָמען יעקב שמואל ביק. יענער האָט באַוויזן, אַז יידיש איז ניט אַנדערש פון אַנדערע שפּראַכן, וועלכע זיינען אויך געווען „שטאַלפעריג אין אָנפאַנג", נאָר „דורך דעם, וואָס די חכמים אין יעדן דור האָבן זיך מי געגעבן... פון זיי לייט צו מאַכן, זיינען זיי געוואָרן אויסגעפיינט". (לויט אַ יידישער איבערזעצונג, וואָס איז געדרוקט געווען אַמאָל אין „קול מבשר".) מיט די דאָזיקע און אַנדערע דערקלערונגען האָט י. ש. ביק געמאַכט דעם אָנהייב פון אַ יידישיסטישער טעאָריע, — און געשריבן האָט ער עס דווקא אויף העברעאיש.

א העברעאישער שרייבער (פּאַרצייכנט עס!) איז געווען דער ערשטער באַגרינדער פון אידישיזם.*)

אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ ניט דער יידישיזם, נאָר די יידישע ליטעראַטור און איר שייכות צו העברעאיש. קערן מיר זיך אום צו דער ליטעראַטור פון דער השכלה. אייניקע פון אירע ערשטע ווערק — אשטייגער, „ספר רפואות" פון דר. משה מאַר־קוזי, אָדער די מעמוארן פון אהרן איזאַקס, — זיינען געשריבן געוואָרן פון מענטשן, וועלכע זיינען ניט געווען קיין העברעאישע, נאָר אויסשליסלעך יידישע שרייבער. דאָס איז אמת. ס'איז אויך אמת אַז די וויכטיקסטע צוויי פאָרשטייערס פון דער יידישער אויפקלערונגס־ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָר־הונדערט, — דר. שלמה עטינגער און ישראל אַקסענפעלד, — האָבן

---

*) ער איז געווען דער ערשטער יידישיסט, וואָס האָט געשריבן העברעאיש, אָבער ניט דער לעצטער. אַלכסנדר האַרקאַווי האָט זיך אויף העברעאיש איינגעשטעלט פאַר יידיש, — מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. דער שרייבער פון די שורות האָט זיינע ערשטע יידישיסטישע אַרטיקלען אויך פאַרעפנטלעכט אין דער העברעאישער פּרעסע.

געשריבן נאָר יידיש, ניט קיין העברעאיש. פון דער אנדערער זייט, קאָן מען אָנווייזן אויף באַרימטע פּאָעטן און דערציילער־משכילים, וועלכע האָבן געשריבן נאָר העברעאיש, ניט קיין יידיש. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון די לעבנסאַנס, דעם פּאָטער און דעם זון, יצחק ערטער, אברהם מאפו אדער פּרץ סמאָ־לענסקין. נאָך קען מען באַהויפּטן, אַז אין זייער גרעסטער מער־הייט האָבן די יידיש־שרייבער פון דער השכלה־עפּאָכע געשריבן אויך העברעאיש, און אַז אַ גרויסער, אויב ניט דער גרעסטער, טייל פון די העברעאישע שרייבער־משכילים האָט געשריבן אויך יידיש.

אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן פון דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט.

חיים חייקל הורוויץ, דער פאַרפאַסער פון „צפנת פענח״, דעם ערשטן בוך וועגן דער אנטדעקונג פון אמעריקע אויף יידיש, האָט געשריבן אויך העברעאיש. עס איז ניט נייטיק צו זאָגן וועגן מנשה איליער, דעם פאַרפאַסער פון „לעבנסמיטל״ („סמי דחיי״), אַז ער איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע ספרים אויף לשון־קודש. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן אַזעלכע זיילן פון דער העברעאישער השכלה־ליטעראַטור, ווי יצחק בער לעווינסאָן, וועלכער האָט גע־שריבן אויף יידיש „הפקר־וועלט״, אָדער מרדכי אהרן גינזבורג, וועלכער האָט איבערגעזעצט קאַמפּעס „די אנטדעקונג פון אמעריקע״ פריער אויף העברעאיש און דערנאָך אויף יידיש. מענדל לעפין און יוסף פּערל, וועלכע פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געשיכטע פון אונדזערעביידע ליטעראַטורן, זיינען שוין דערמאָנט געוואָרן. וועגן יצחק ערטער האָב איך נאָר וואָס געזאָגט, אַז ער האָט געשריבן בלויז העברעאיש. דאָס איז ריכטיק; אָבער דער וויכ־טיקסטער טייל פון זיין „הצופה לבית ישראל״ — „גלגולי נפש״ — איז איבערגעאַרבעט געוואָרן — פריער פון א. מ. דיק און דערנאָך פון א. ב. גאָטלאָבער — אויף יידיש.

די ליטעראַרישע טעטיקייט פון די נאָר וואָס דערמאָנטע צוויי־שריפטשטעלער פאַלט אויס שוין דערהויפּט אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט. אויך דאָן הערן אונדזערע שרייבער ניט אויף צו זיין צווייִשפּראַכיק. אייניקע, ווי, אשטייגער, דער דערמאָנטער א. מ. דיק, זיינען געווען יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אויך געשריבן העברעאיש; אנדערע, ווי, אשטייגער, גאָט־לאבער, זיינען געווען העברעאישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געשריבן אויף יידיש...

וועלוול זבארזשער דרוקט (און זינגט) זיינע לידער מיט צוויי טעקסטן, — איינעם א העברעאישן און איינעם א יידישן.

מענדעלע מוכר ספרים באַווייזט צו שאַפן א נייע עפּאָכע און צו פאַרנעמען אַן אָרט אויבנאָן אין דער געשיכטע פון אונדזערעביידע ליטעראַטורן און ביידע שפּראַכן...

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט צו געבן א פולן איבערבליק איבערן גאַנצן פעלד פון אונדזער ליטעראַרישער צווייִשפּראַכיקייט אין 19טן יאָרהונדערט. כ׳וועל זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס איך וועל זאָגן, אַז אין קיינעם פון אירע דריי וויכטיקסטע פּעריאָדן: 1) דעם פּעריאָד פון האַלב־פאַרצייטיקן מוסר, 2) דעם פּעריאָד פון סאָציאַלע אָדער סאָציאַליסטישע אידייען, און 3) דעם פּעריאָד פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, האָט אונדזער השכלה־ליטעראַטור ניט באַנוגנט זיך מיט העברעאיש אליין אָדער מיט יידיש אליין. אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט האָט זי געשפּילט אויף ביידע כלים, דער העברעאישער און דער יידישער...

דער ערשטער איינפלוסרייכער אויפקלערונגס־אָרגאַן אויף יידיש — דער „קול מבשר" — איז געווען א ביילאַגע צום „המליץ"...

אנטיילנעמער פון דער העברעאישער פּרעסע—אזוינע, ווי יעקב שמואל ביק, א. ב. גאָטלאבער, מענדעלע מוכר ספרים, אלעקסאנדער צעדערבוים, אלכסנדר הארקאווי און אנדערע — האָבן אין דער

העברעאישער פרעסע גופא אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון יידיש. די יידישע פרעסע האָט, פון איר זייט, ארויסגעוויזן דעם גרעסטן דרך ארץ פאר דער העברעאישער ליטעראַטור...

יהושע ליפשיצס אָדער י. י. לינעצקיס שאַרפע ארויסטרע־טונגען קעגן העברעאישע שרייבער האָבן געהאַט צו טאָן ניט אַזוי מיט זייער שפּראַך, ווי מיט זייערע אידייען.

אהרן ליבערמאַן, דער גרינדער פון דער סאָציאַליסטישער פרעסע אויף העברעאיש, האָט געהאַט געפּלאַנט אַ זשורנאַל, וואָס האָט געזאָלט ארויסגעגעבן ווערן אי אויף העברעאיש אי אויף יידיש. (ק. מרמר אין „האַמער״, ניו יאָרק, מערץ 1937)... די תקנות פונעם יידישן סאָציאַליסטישן פאראיין, וואָס ער האָט אין 1876 געגרינדעט אין לאָנדאָן, האָבן געהאַט צוויי נוסחאות — אַ העברעאישן און יידישן. (פאַרעפנטלעכט אין „היסטאָרישע שריפטן״ פון ייווא, 1. זז. 542־544). מאָריס ווינטשעווסקי האָט רעדאַקטירט פריער הע־ברעאישע און דערנאָך יידישע אָרגאַנען פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג...

קאַפּיטל צען

די סאָציאַליסטישע השכלה־ליטעראַטור אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע. — „ישראל דער אַלטע" פון י. צ. סאָבעל. — צבי גרשוני, אלכסנדר הארקאווי, געצל זעליקאָוויטש און אַנדערע. — צווייִשפּראַ־כיקע צייטונגען. — העברעאישע מאַטאָם פון יידישע צייטשריפטן. — די צייטווייליקע ירידה פון העברעאיש אין אַמעריקע.

די סאָציאַליסטישע (און אַנאַרכיסטישע) השכלה־ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט ניט אין מזרח־אייראָפּע, נאָר פריער אין ענגלאַנד און דערנאָך אין אמעריקע, אין א סביבה פון אימיגראַנטן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען וויבציק לומדים און העברעאיש־קענער. האָט דער הויפּטאינסטרומענט פונעם יידישן ראַדיקאַליזם אין די דערמאָנטע לענדער געמוזט ווערן יידיש; די ראָליע פון העברע־איש איז געוואָרן אלץ קלענער און קלענער. דאָך איז די אלט־היימישע טראַדיציע פון צווייִשפּראַכיקייט ניט אזוי שנעל אויסגע־וועפּט געוואָרן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די בילינגוואַליסטישע פירער פון דער ראַדיקאַלער יידישער עמיגראַציע — ליבערמאַן אוןווינטשעווסקי. אָבער זיי זיינען ניט געווען די איינציקע פאָרשטייערס פון אונדזער צווייִשפּראַכיקייט אין די אַנגלאָזאַקסישע לענדער. אנדערע זיינען אויך געבליבן טריי אונדזער בילינגוואַ־ליזם. „ישראל דער אלטע" אָדער (ווי דער העברעאישער נאָמען

איז „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן" פון יעקב צבי סאָבעל — די לידער־זאַמלונג, מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן (אין 1877) די יידישע ליטעראַטור אין אמעריקע — איז געשריבן געוואָרן אין אונדזערע ביידע שפּראַכן. י. צ. סאבעל האָט די „גאָלדענע לידער", וואָס ער האָט געשריבן אויף לשון־קודש, איבערגעזעצט אויף יידיש־טייטשמעריש מיטן ציל צו ווייזן, ווי ער אליין זאָגט, —

„דאָס די הייליגע שפּראַכע
איזט די איינציגע זאַכע,
וועלכע מיט אונז וואונדער טוט,
דען ווען דיזע שפּראַכע בליט
דאַן ווייזט דער איזראעליט —
ער האָט קוראזז, שטאָלץ און מוט (מיט)

דער פּאַרפאַסער פונעם ערשטן יידישן בוך אין אמעריקע איז געווען אַ העברעאיסט, און דאָס עצם בוך איז טיילווייז געווען אַ הימן „דער הייליגער שפּראַכע"", „גאָטס שפּראַכע", „דער פירסטין דער שפּראַכען". דאָך האָט סאָבעל גענוצט אויך יידיש, כאָטש אַ שטאַרק פאַרטייטשמערישן יידיש.

סאבעל איז געווען דער ערשטער, אָבער ניט דער איינציקער אַמעריקאנער יידישער שרייבער, וואָס האָט געשריבן אי העברע־איש, אי יידיש (אמת טאקע, א טייטשמערישן יידיש). צבי גרשוני, מרדכי יהלומשטיין, ש. ל. מארקוס, אלכסנדר הארקאווי, געצל זעליקאָוויטש, י. י. דאליצקי, יצחק ראַבינאָוויטש, הלל מלאכובסקי, שפּעטער ראובן ברײנין און א סך אנדערע זיינען אויך געווען צוויי־שפּראַכיק.

עס זיינען געווען אפילו צווייִשפּראַכיקע צייטונגען, ד. ה. יידישע צייטונגען מיט העברעאישע ביילאַגעס. אשטייגער: „איזראַ־עליטישע פרעסע" (שיקאגא, 1877), „יידישעס טאַגעבלאַט" (ניו־יאָרק, 1885). פון צייט צו צייט פלעגן זיך דרוקן העברעאישע ארטיקלען אין „יידישן וואָכנבלאַט" (1887). העברעאישע מאָטאָס

האָבן געהאַט כמעט אַלע לאָנדאָנער און אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין די 70ער און 80ער פון פאָריקן יאָר־הונדערט. און ניט נאָר אַזוינע נאַציאָנאַליסטישע אויסגאַבן, ווי גאָלדפאַדנס „ניו יאָרקער יידישע אילוסטרירטע צייטונג" (1887) האָבן אונטערן נאָמען, ווי עפּעס אַ מין שמירה, געהאַט אַ פסוק אָדער פסוקים פון תנ"ך (גאָלדפאַדנס פסוקים זיינען געווען: „אם אשכחך, ירושלים, תשכח ימיני" און „ד' אלהי יגיה חשכי"), אפילו סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פּעריאָדישע אויסגאַבן האָבן אָפּגעהיט דעם מנהג פון העברעאישע מאָטאָס.*)

אין טעקסט גופא פלעגט מען גאַנץ אָפט אַריינבראָקן העברעאישע פסוקים און מאמרים פון תלמוד. מען פלעגט שרייבן סאָציאַליס־טישע אָדער אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקלען אין פאַרבינ־דונג מיט דער סדרה אָדער דער הפטרה פון וואָך (אַב. קאַהאַן—דער פּראָלעטאַרישקער מגיד אין „אַרבעטער־צייטונג", נחבי בן ופסי אין „פרייע אַרבעטער שטימע"), מען פלעגט פּאַראָדירן הגדה, תפלה זכה, תיקון שבועות א. ד. ג....

אפּנים, אַז עס איז ניט אַזוי לייכט געווען צו פאַרגעסן העברעאיש און דעם העברעאישן ספר אפילו אין אַמעריקע, וואו יידן זיינען געוואָרן אַזוינע גרויסע פאַרגעסערס. מען איז געווען טריי דער טראַדיציע פון צווייִשפּראַכיקייט. מען איז איר טריי געווען אפילו דאָן, ווען מען האָט חוזק געמאַכט פון טראַדיציעס.

דאָך זיינען די לעזער און די שרייבער אין דער נייער היים אַלץ מער און מער, ווי געזאָגט, אָפּגעריסן געוואָרן פון העברעאיש, און עס איז געווען אַ צייט, ווען עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז

*) „יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך" איז געווען דער מאָטאָ פון ווינטשעווסקיס „פוילישן יידל", לאָנדאָן; „אם אין אני לי, מי לי, וכשאני לעצמי מה אני" — פון „אַרבעטער פריינד", לאָנדאָן; „שפת אמת תכון לעד, ועד ארגיע לשון שקר" — פון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט" אין ניו יאָרק.

יידיש ווערט אין אמעריקע די איינציקע שפּראַך פון די יידן, וואָס זיינען שפּראַכלעך ניט אמעריקאַניזירט געוואָרן.

אַזוי האָט עס אויסגעזעען צו זיין אין סוף 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט אין אמעריקע. אין א בריוו פון 1892 האָט הלל בן זאב מלאכובסקי פון פּיטסבורג געשריבן צו זיין שווער י. י. ווייסבערג, קיעוו, אז „אפילו איין „המליץ" אָדער „הצפירה" איז האַי־יאָר ניט אבאָנירט געוואָרן אין פּיטסבורג — אזוי גרויס איז די ירידה פון העברעאיש אין אמעריקע בכלל און אין פּיטס־בורג בפּרט" (כתבי הלל בן זאב מלאכובסקי, 2. ב. זז. 65־66, ברוקלין, 1940. זע אויך מ. ז. רייזינס „דפים מפנקסו של ראביי", ברוקלין, 1941, ז. 384.) — און מלאכובסקי אליין איז געוואָרן א יידיש־שרייבער.

קאַפּיטל עלף

אין אַמעריקע — און אין דער אַלטער היים. — סאָציאַליזם און ציוניזם. — אָנהייב 20סטן יאָרהונ־דערט. — דר. נ. סירקינס דער „המון" און „השחר". — „אחיאסף" גיט ארויס „השלח" און „דער יוד". — פּרק הירשבײנס ליטעראַרישע זכרונות. — צווײ שפּראַכן — אײן אַדרעס. — יידישיסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע אויף העברעאיש, העברעאיסטישע פּראָ־פּאַגאַנדע אויף יידיש. — די צווײשפּראַכיקײט פון די הויפּטאַנטײלנעמערס פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. — ניט ד י, נאָר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. — די פּראַקטיצירונג פון צווײשפּראַכי־קײט. — די שותפותע באַלעבאַטישקײט. — „דער גײסט, וואָס פאַרבינדט."

אין אמעריקע האָט העברעאיש געהאט אויפגעהערט צו שפּילן א ראָליע סוף 19טן יאָרהונדערט. אבער בלויז דאָ אין לאנד איז יידיש אויף אַ צײט געוואָרן כמעט די אײנציקע שפּראַך פון יידישע שרײבער און יידישע לעזער. בלויז דאָ, ניט אין דער אַלטער היים. אין דער אַלטער היים האָט די צווײשפּראַכיקײט פון אַ גרויסן טײל לעזער און דעם גרעסטן טײל שרײבער אָנגעהאַלטן ביזן סאַמע וועלט־קריג.

ניט נאָר חסידות און השכלה, די וויכטיקסטע צווײ גײסטיקע יידישע באַוועגונגען אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט,

האָבן באַפרוכפּערט אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן. אויך די צוויי געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט — די סאָציאַליסטישע שטרעמונג און די ציוניסטישע — האָבן סטימולירט און באַרייכערט אונדזער ליטעראַריש שאַפן סיי אין העברעאיש, סיי אין יידיש. יעדע פון די דאָזיקע צוויי ריכטונגען האָט שפּעטער אָנגעהויבן ארויסצואווייזן אַ טענדענץ צו קולטיווירן נאָר איינעם פון אונדזערע צוויי ליטעראַרישע מעדיומס: דער סאָציאַליזם האָט פּרעפערירט יידיש, דער ציוניזם — העברעאיש. אָבער דאָס איז געווען שפּעטער. אין אָנהויב האָט אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן געוואונען פון יעדער פון די צוויי נייע יידישע באַוועגונגען און מיט דער הילף פון אונדזערע ביידע שפּראַכן האָט זי, פון איר זייט, יעדער פון די צוויי דערמאָנטע שטרעמונגען געהאָלפן זיך אַנטוויקלען און פאַרשפּרייט ווערן. אזוי, אַז נאָך אין אָנהויב 20טן יאָרהונדערט איז, אשטייגער, מעגלעך געווען, אז דר. נ. סירקינס ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּע „חירות" זאָל האָבן אי אַ העברעאישן אָרגאַן („השחר"), אי אַ יידישן („דער המון") און אז איינאונדערזעלביקער פאַרלאַג („אחיאסף") זאָל ארויסגעבן אי „השלח", וואָס איז געווען אזוי וויכטיק פאַר העברעאיש, אי „דער יוד", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור.

די גרינדערס און די פירערס פון „אחיאסף" זיינען געווען ציוניסטן, דאָך איז זיי ניט איינגעפאַלן צו באַגנוגענען זיך נאָר מיט העברעאיש אליין. און ווען, אשטייגער, פּרץ הירשביין, דאַן נאָך גאָר אַ יונג בחורל, האָט דערפילט, אז ער האָט מיט וואָס זיך צו ווייזן פאַרן עולם, האָט ער, ווי ער אליין דערציילט אין זיינע זכרונות, געשיקט „אַ יידישע דערציילונג צום יידישן „יוד" און א העברעאישן שיר צום „הדור". ביידע פאַרקלעפּט אין איין קאָנ־

ווערט. איין אדרעס: „אחיאסף, ווארשע" („דער טאָג", 7טן יולי, 1940).

אונדזערע צוויי ליטעראַטורן זיינען געווען איין ליטעראַטור און האָבן געהאט „איין אדרעס"...„קומענדיק", דערציילט הירשביין אין א ווייטערדיקן קאַפּיטל זכרונות — „קומענדיק פון ווארשע צוריק קיין ווילנע... האָב איך געזוכט די מחיצה צווישן יידיש און העברעאיש, און ניט געפונען. י. ל. פּרץ שרייבט איןביידע שפּראַכן. שלום אַש — אויך דאָס אייגענע. אפילו אברהם רייזען באווייזט אונדז, אז ער איז מיט דער גבירטע א שני־שבשלישי. אַלע־אַלע. ביאליק טוט עס אויך... נאָר איין טשערניכאָווסקי איז א שטרענגער העברעער... כאָטש דאָ און דאָרטן הערט מען אָנרופןביים נאָמען די שפחה און די גבירטע, אָבער אין לעבן זיצן זיי ביידע ביי איין טיש, פארבייטן זיך צומאָל מיט די קליידער און עסן פון איין טעלער."

יע, אפילו דעם קאַמף פאר יידיש האָבן אייניקע פון אונדז געפירט אין ביידע שפּראַכן, פונקט אזוי ווי העברעאיסטן האָבן באַנוצט ביידע לשונות פאַר דער פּראָפּאגאנדע פון העברעאיזם. דער שרייבער פון די שורות אליין האָט זיין פּאָלעמיק מיט די קעגנער פון יידיש נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908 — געדרוקט אין „העולם" און אין „הבוקר". מיין שטאַנדפּונקט איז דאָן שוין, אין רעכטן מיטן ברען פונעם קאַמף פאַר יידישיזם, — אויסגעדריקט געוואָרן אין אַזאַ זאַץ, ווי: — „העברעאיש מוזן מיר געדענקען, פאַרגעסן מיר העברעאיש, — פאַרלירן מיר דעם שליסל צום סוד פון אונדזער עבר... יידיש איז אָבער דער שליסל פון דער קעגנוואַרט, דער שליסל פון לעבן" („דער טאָג", ווילנע, נומ. 1, 1908), און איך בין שוין דאַן ארויס ק ע ג ן יענע, וואָס האַלטן, אַז „העברעאיש און יידיש קאָנקורירן איינס מיט דאָס אנדערע און אַז איינס קאָן נאָר אויפגעבויט ווערן פון דעם אנדערנס חורבן". („העולם", נומער 24, 1908).

אין דער עצם טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ האָבן אייג־טייל גענומען ווינציק עקסטרעמע יידישיסטן, און מער אזוינע, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון צווייִשפּראַכיקייט. אשטייגער, י. ל. פרץ, ה. ד. נאָמבערג, דר. נתן בירנבוים, שלום אַש. „איך זאָג אויפריכטיק, האָט דערקלערט פּרץ בעת די דעבאַטן: „אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז העברעאיש, אונדזער פאָלקס־שפּראַך — יידיש" („די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ", ביבליאָטעק פון ייווא, ווילנע, 1931, ז. 65). „מיר דאַרפן אָננעמען אין דער דאָזיקער פראַגע א קלאָרע רעזאָלוציע (איז געווען ה. ד. נאָמבערגס פאָרשלאַג), און זי וועט, לויט מיין טיפסטער איבער־צייגונג, זאָגן: מיר דריקן אויס אונדזער אמתדיקע סימפּאַטיע צו דער העברעאישער שפּראַך". (דאָרט).

„העברעאיש ווי א קעגנשטאַנד פון שול־אונטעררעכט, האָט געזאָגט דר. נ. בירנבוים, ווערט פון אונדז אלעמען אנערקענט, ווייל אונדז איז גוט באוואוסט זיין קולטורווערט; אָבער קיינער פון אונדז ספקט ניט, אז אין דער פרייער יידישער שול דאַרף דער אונ־טעררעכט פאָרקומען אויף יידיש, אויף דער פאָלקסשפּראַך פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג" (דאָרט ז. 66). שלום אַש האָט זיין פאָרטראַג „וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור־גיטער אין דער יידישער שפּראַך" אָנגעהויבן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „די קעגנער פון יידיש זאָגן, אז די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן ערשט מיט מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז ניט ריכטיק. די יידישע ליטעראַטור, ווי די יידישע קולטור, איז פיל עלטער: זי שטאַמט פון תנ"ך (דאָרט, ז. 81). נאָך אַשס פאָרטראַג האָט פּרץ דערקלערט, אז אויב מען דאַרף איבערזעצן תנ"ך אויף יידיש, איז עס ניט כדי אָפּצורייסן זיך פונעם העברעאישן מקור, נאָר ווייל — „עס שטייט אויף א דור פון שרייבער עם הארצים, וועלכע מוזן געפינען זייערע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגנהייט (דאָרט, ז. 83). דאָס אייגענע האָט איבערגעחזרט ה. ד. נאָמבערג. דאָס

איבערזעצן תנ״ך אויף יידיש, „וועט כלל ניט הייסן, האָט ער געזאָגט, אז מיר ווילן אויסראָטן העברעאיש. ער וואָלט עס געהאַלטן פאר א נאַציאָנאַלן אומגליק, ווען יידן זאָלן פארגעסן העברעאיש" (דאָרט) דאָס איז געווען די מיינונג פון דער מערהייט דעלעגאַטן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. און „לעמבערגער טאָגעבלאַט" האָט ריכטיק באמערקט דאן, אז, „ס'איז ניטאָ קיין פאַרנינפטיקער גרונט, פאַרוואָס ביידע טיילן פון אונדזער ליטעראטור האָבן ניט געקאָנט געמיינזאַם אַרבעטן איבער דער לייזונג פון די דאָזיקע פראַגן, בפרט אז אַ טייל פון די שרייבער — און דאָס די בעסטע — שרייבן צו גלייכער צייט אי יידיש, אי העברעאיש, און אפילו די ריינע „העברעער" זיינען לחלוטין ניט קיין קעגנער פון יידיש, חוץ אפשר צוויי־דריי, פונקט ווי צוויי־דריי „זשארגאָניסטן" זיינען אבסאָלוטע קעגנער פון העברעאיש" (דאָרט, ז. 20). די, וואָס האָבן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ געפאָדערט, אז יידיש זאָל דערקלערט ווערן פאַר דער איינאונאיינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק, אזוינע, ווי אסתר, די פאַרשטייערין פון „בונד", און אנדערע, זיינען געבליבן אין דער מינדערהייט. די דעקלאַראַציע, וואָס איז פאַקטיש אָנגענומען געוואָרן, האָט אנער־קענט יידיש ניט ווי די, נאָר ווי „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק" (דאָרט, ז. 108). און דאָס מיינט, אז זי האָט אנער־קענט יידיש ווי אַ צווייטע שפּראַך צו העברעאיש.

וויכטיקער פון דער טעאָרעטישער אנערקענונג פון ביידע שפּראַכן, איז געווען די פּראַקטיצירונג פון ליטערארישער צוויי־שפּראַכיקייט. עס איז געווען זעלטן אן אינטעליגענטער יידישער לעזער, וואָס זאָל לייענען נאָר יידיש אָדער נאָר העברעאיש; נאָך זעלטענער איז געווען ביי אונדז א איינשפּראַכיקער שרייבער. אַזוי, אַז בעל־מחשבות האָט געהאט די פולע מעגלעכקייט אָנצו־ווייזן אויף דעם פאַקט (און דאָס איז געווען שוין האַרט פארן ערשטן וועלטקריג), אַז א יידישער שרייבער מוז „לכל הפחות קענען

צווײ שפּראַכן", העבּרעאיש און יידיש, — וואָרים — „אויב איינער אַ פאַרלעגער מאַכט צו היינט זיין „זשאַרגאָניש" קרעמל, עפנט זיך באַלד אַ העברעאיש קרעמל מיט דער אייגענער סחורה אויף העברעאיש". האָט אייך ציטלין געגעבן אויף יידיש אין „היינט" זיינע פייערדיקע מוסר־אַרטיקלען, גיט ער מאָרגן דאָס אייגענע אין דער נביאים־שפּראַך אין „רשפים". י. ח. ברענערס מאמרים אין „רביבים" געפינט איר אין „היינט" אונטער דעם נייעם טיטל „שטילע ווערטער" א. א. וו."

און אַלץ וואָס דער פאַרשטאָרבענער קריטיקער האָט געזאָגט וועגן פּובליציסטיק, האָט ער געקאָנט זאָגן אויך וועגן פּאָעזיע, וועגן דערציילונגען און ראָמאַנען . . . אַש און נאָמבערג, יעקב פיכמאַן און פרץ הירשביין, י. ד. בערקאָוויטש און ז. שניאור, זיינען פּונקט אזוי ווי די עלטערע מענדעלע און פרץ, סאָקאָלאָוו און פרישמאַן, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי און יהודה שטיינבערג געווען אָנגעלייגטע געסט סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער יידישער פּרעסע, סיי אין דער העברעאישער, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור.

די דערמאָנטע (און אסך ניט־דערמאָנטע) שרייבער זיינען געווען צווייִשפּראַכיק ניט נאָר אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן געשריבן אין אונדזערע ביידע לשונות, נאָר אויך אין א טיפערן און אַ מער אינעווייניקסטן זינען: די ירושה פון ביידע שפּראַך־ספערן האָט זיך געפילט אין אַ ל ץ, וואָס זיי האָבן געשאַפן, — אַלצאיינס, צי עס איז געשריבן געוואָרן אויף יידיש אָדער אויף העברעאיש. זייער יידיש גופא האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון העברעאיש — און ניט נאָר שפּראַכלעך אליין; זייער העברעאיש גופא האָט אין זיך איינגעזאַפּט געוויסע יידיש־עלעמענטן — און (ווידער אַמאָל) ניט בלויז לינגוויסטישע יידיש־עלעמענטן...

די ביידע לשונות האָבן ניט נאָר געלעבט בשכנות; זיי האָבן געפירט אין אַ געוויסער מאָס אַ שותפות באַלעבאַטישקייט...

יידיש האָט מענדעלען געהאָלפן שאַפן זיין נייעם, מער עלאַסטישן און מער פינקטלעכן, העברעאישן נוסח; העברעאיש בלוט פליסט אָפט אין די אָדערן פון מענדעלעס יידיש. דער „זיידע" האָב איך אַמאָל געשריבן, האָט זיך אויסגעלערנט צו געבן אין העברעאיש א ווידערקלאַנג פון יידיש". („מענדעלע מוכר ספרים, שיקאגא, 1936, ז. 90) און זיין יידיש איז, פון דער אַנדער זייט, „באַשטראַלט געוואָרן מיט דער בכבודיקייט, מיט דעם יחוס פון לשון־קודש, פון דעם זעלביקן אַלט־העברעאיש, וואָס ער האָט אָפּגעפרישט מיט די חיות־טראָפּנס פון יידיש". (דאָרט, ז. 293). אַן ענלעכע קעגנזייטיקע באַפרוכפערונג פון ביידע שפּראַכן־ספערן איז צו זעען אויך ביי י. ל. פרצן און אזעלכע „אייניקלעך" מענדעלעס, ווי ח. נ. ביאליק, אָדער (אין א קלענערער מאָס) מ. י. בערדיטשעווסקי, הלל צייטלין, ז.שניאור, י. ד. בערקאָוויטש, וועלכער האָט באוויזן די קונסט צו פאַרהעברעאישן שלום עליכמען, י. ח. ברענער, פרץ הירשביין, אליעזר שטיינבאַרג און נאָך און נאָך... אהרן צייטלין, אליין א פרוכטבאַרער און פילזייטיקער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער, האָט ריכטיק באַמערקט, אז „דער גייסט, וואָס פּ אַ ר ־ ב י נ ד ט יידיש און העברעאיש, איז אַ סך שטאַרקער, ווי דער גייסט, וואָס צעשיידט זיי" („דערנעענטערונג און נאָענטקייט צווישן יידיש און העברעאיש", אין „די צוקונפט", סעפטעמבער, 1940, ז. 537).*)

---

*) נאָך וועגן דער ווירקונג פון העברעאיש אויף יידיש זע יודל מארק: „די ווירקונג פון העברעאיש אויפן יידישן סינטאקסיס" אין „יידישע דערציאונג", יוני, 1938. וועגן דער ווירקונג פון יידיש אויף העברעאיש — „אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", „יידן", באנד 2, ז. 76.

קאַפּיטל צוועלף

די ליטעראַטור — און די געזעלשאַפטלעכקייט. — דאָס העברעאיסטישע קערנדל פון ציוניזם, דאָס יידישיסטישע קערנדל פון „בונד". — די שרייבער און די טוער. — עס צעברענט זיך אַ קאַמף. — די פּאָליטישע פאָרמען פונעם קולטור־קאַמף. — דער וואוקס פון יידיש. — די מורא פאַר קאָנקורענץ. — די נייע געזעלשאפטלעכע כחות.

דער פאַרבינדנדיקער גייסט האָט ביז נאָכן ערשטן וועלט־קריג געהערשט כמעט אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, — דערהויפּט אויף יענער זייט ים.*) אין דער ליטעראַטור, ניט אין דער געזעלשאפטלעכקייט.

---

*) אזוי שפּעט ווי אין 1917, האָט דער אלטער העברעאיסט י. ח. ראַבניצקי פאַרעפנטלעכט אינעם ליטעראַרישן זאמלבוך „אונטערוועגנס", וואָס ער אליין האָט רעדאקטירט, אַן ארטיקל אונטערן קעפּל „צי בין איך א יידישיסט?" — און אין אָט דעם ארטיקל איז ער ארויס סיי קעגן יענע איינזייטיקע יידי־שיסטן, וואָס „ווייסן ניט ווי צו שעצן העברעאיש און ווילן, אז די יידישע שפּראַך זאָל מיט ברייטקייט פאַרנעמען דעם גאַנצן אויבנאָן אויפן פּלאַץ פון העברעאיש," סיי קעגן יענע העברעאיסטישע „חובבים", וואָס מיינען, אז די עכטע „חבה און כבוד צו העברעאיש פאָדערט ניט אנדערש נאָר צו פילן אין הארצן און נאָך מער צו באווייזן פארן גאנצן עולם א שנאה מיט פאַר־אַכטונג צום „זשאַרגאָן" מיט זיין ליטעראַטור"... „אויב, האָט ער דערקלערט, א יידישיסט הייסט אַזעלכער, וואָס האָט ליב אונדזער פאָלקסשפּראַך און האָט אָפּשיי פאַר אונדזער פאָלקסליטעראַטור, אזעלכער, וואָס האָט דעם אמתן פאַר־געניגן, אז ער זעט ווי יידיש וואַקסט א. א. וו., א. א. וו. — אויב דאָס הייסט ביי דיר א יידישיסט, בין איך געוויס אַ יידישיסט . . . און איך הייב זיך גאָר ניט אָן מיט דעם צו שעמען (ז. 172).

אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט האָבן זיך נאָך פאַר 1914, ד. ה. פאַרן וועלטקריג אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון צעריסנ־קייט צווישן העברעאיש און יידיש. זיי, אָט די סימנים, האָבן אָנגע־הויבן ארויסצושפּראָצן שוין סוף 19טן יאָרהונדערט. אין דעם ציוניזם, וואָס זיין פּראָגראַם איז פאָרמולירט געוואָרן אויפן ערשטן באַזעלער קאָנגרעס אין 1897, זיינען געלעגן באַהאַלטן די קערנדלעך פונעם שפּעטערדיקן עקסטרעמען העברעאיזם. דער „בונד", וואָס זיין גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם זעלביקן יאָר 1897, האָט געבראַכט מיט זיך, פון דער אַנדער זייט, די זריעה פונעם הונדערטפּראָצענטיקן יידישיזם.

אין דעם זעלביקן יאָר 1897 האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן ש. דובנאָווס (רוסישע) „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום", און אָט די „בריוו" זיינען געוואָרן דער אויסגאַנגס־פּונקט פונעם פּאָלי־טישן פאָלקיזם, וועלכער איז, פּונקט אַזוי ווי שלום עליכם אדער י. ח. ראַבניצקיס ק ו ל ט ו ר ־ פ אָ ל ק י ז ם פון די 80ער יאָרן, געשטאַנען נאָענט צו דער טעאָריע און דער פּראַקטיק פון צווייִשפּראַכיקייט. אָבער די גרעסטע ראָליע אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון סוף 19טן יאָרהונדערט האָט געשפּילט ניט דער דובנאָוויסטישער פאָלקיזם, נאָר דער ציוניזם און דער „בונד" — און ז י י ע ר ע אידעאָלאָגיעס האָבן, ווי געזאָגט, פּאָטענציעל אין זיך איינגעשלאָסן, פון איין זייט, די עקסטרעם־העברעאיסטישע און פון דער אנדער זייט, די עקסטרעם־יידישיס־טישע טענדענץ.

צווישן די ציוניסטישע ש ר י י ב ע ר זיינען גראָד געווען אַזוינע, וואָס האָבן פּראַקטיצירט און צום טייל אויך געפּרייִדיקט אַ געוויסן סאָרט צווייִשפּראַכיקייט, — אַזוינע, ווי דער דערמאָנטער י. ח. ראַבניצקי, דר. יוסף לוריע, דר. איזידאָר עליאשעוו (בעל־מחשבות) און אנדערע. אָבער די ציוניסטישע טוער, און דערהויפּט די, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, זיינען, וואָס ווייטער,

אלץ מער און מער גענייגט געוואָרן צו מינימיזירן דעם ווערט פון יידיש (כאָטש אין זיין קעגנווארטס־פּראָגראַם האָט דער ציוניזם — שפּעטער — אריינגענומען די פאָדערונג פון רעכט פאר יידיש) — צו מינימיזירן די ראָליע פון יידיש און צו קולטיווירן אן עקסטרע־מען העברעאיזם. דער פאַרלאַג „אחיאסף״, וואָס האָט געהאט ארויסגעגעבן „דער יוד״, איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ ריין העברע־אישער פאַרלאַג. אין די חדרים מתוקנים און די בתי ספר, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון דער ציוי־ניסטישער באַוועגונג, איז איינגעפירט געוואָרן העברעאיש; יידיש איז איגנאָרירט געוואָרן.

אַן ענלעכע איינזייטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן — און נאָך אויף אַ בולטערן אופן — אין דעם לאַגער פון די יידישע סאָציאַליסטן, דערהויפּט די בונדיסטן.

און ווידער אַמאָל — צווישן די פאָרשטייער פון דער ל י ־ ט ע ר אַ ט ו ר, וואָס איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט, האָט זיך די טראַדיציאָנעלע צווייַשפּראַכיקייט־טענדענץ ניט אינגאַנצן אויסגעוועפּט: י. ל. פּרץ האָט אין דער זעלביקער צייט, ווען ער האָט ארויסגעגעבן די האַלב־סאָציאַליסטישע „יום־טוב־בלעטלעך״, גע־מאַכט אַ פּרוב אויך פון אַן ענלעכער אויסגאַבע אויף העברעאיש („החץ״); י. גוידא (ב. גאָרין), איידער ער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע, האָט געשריבן אי העברעאיש, אי יידיש; מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען און געבליבן צווייַשפּראַכיק, כאָטש ער האָט סימפּאַטיזירט מיטן „בונד״; אויך דר. נחמן סירקין, דער פאָטער פונעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז (פאַקטיש, אויב ניט טעאָרע־טיש) געווען צ ו ו י י ש פּ ר אַ כ י ק, און די דאָזיקע צוויי־שפּראַכיקייט איז — שפּעטער אביסל — איבערגענומען געוואָרן — און ניט נאָר פּראַקטיש, אויך טעאָרעטיש — פון די אמעריי־קאַנער פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זי איינגעפירט אין די נאַציאָנאַל־

ראַדיקאַלע שולן (שפּעטער „פֿאָלקסשולן פון יידיש נאַציאָנאַלן אַר־בעטער פאַרבאַנד”.*)

די טראַדיציע פון צווייִשפּראַכיקייט איז ניט אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. אָבער געווירקט האָט זי דערהויפּט אין יענע געזעל־שאַפטלעכע און ליטעראַרישע קרייזן, וועלכע האָבן פאַרנו־מען אַ מער אָדער ווינציקער צענטראַלע פּאָזיציע, שטרעבנדיק אויסצומיידן עקסטרעמען. די, וואָס האָבן געזוכט הונדערטפּראָצענטיקע אויסגעהאַלטנקייט — אַלץ אייגנס, וואו זיי האָבן זי געזוכט — אין דעם אַנטי־גלותיסטישן ציוניזם אָדער, פאַר־קערט, אין דעם גלותיסטישן סאָציאַליזם, זיינען ביסלעכווייז פאַר־כאַפּט געוואָרן אָדער פונעם אַנטי־יידישן העברעאיזם, אָדער פונעם אַנטי־העברעאישן יידישיזם.

דער שפּראַכנקאַמף, וואָס האָט זיך צעברענט אין דער יידישער קולטור־וועלט בעת און נאָך דער — פריער שוין דערמאָנטער — טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ אין 1908, איז ניט געווען קיין פּלוצלונגדיקער אויסברוך. ער איז געווען דער רעזולטאַט און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער שפּראַכלעך־מאָניסטישער טענדענץ, וועלכע האָט זיך געוויזן נאָך פריער. אירע אָנהענגער איןביידע לאַגערן האָבן אויסגענוצט די קאָנפערענץ פאַר זייערע צילן, און דער קאַמף צווישן די צדדים האָט זיך ערשט איצט צעפלאַקערט.

ווי מיר האָבן פריער געזען, איז די מערהייט דעלעגאַטן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ געווען ווייט פון עקסטרעמיזם, דאָך האָבן זיך אויף און נאָך דער קאָנפערענץ געהערט מיינונגען,

---

*) עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגע־נומען געוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַכן־קאָנפערענץ, — די רעזאָלוציע, וואָס האָט דערקלערט, אַז „יידיש איז — אַ (ניט די) נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק” — איז אריינגעטראָגן געוואָרן פון ל. כאַזאַנאָוויטשן, אַ פאַר־שטייער און אַ פירער פון די פּועלי ציון.

אין וועלכע עס איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די עקסטרעם־יידישיסטישע טענדענץ פון די בונדיסטן און זייערע מיטלויפער, פון איין זייט, און די עקסטרעם־העברעאיסטישע שטעלונג פון א טייל ציוניסטן, פון דער אנדער זייט. אסתר, די פאָרשטייערין פון „בונד", האָט אריינגעטראָגן א רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז געשטאַנען: „מיר אָנערקענען די יידישע שפּראַך פאַר דער איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון די יידן" („די ערשטע יידישע שפּראַכ־קאָנפערענץ", פ. 99.*)

די מערהיים דעלעגאַטן איז געווען קעגן אָט דעם אַנטי־העברעאישן פאָרשלאָג. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די העברע־איסטן צו אַטאַקירן די קאָנפערענץ און צו זוכן אויף אלע אופנים צו דיסקרעדיטירן אירע באַשלוסן און — אירע איינטיילנעמערס.

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן די פאָרשטייערס פון ביידע עקסטרעמען, די עקסטרעם־רעכטע העברעאיסטן און די עקסטרעם־לינקע יידישיסטן, — זיך אריינגעלאָזן אין א ביטערער און אָפט קרענקלעך היסטערישער פּאָלעמיק, פון וועלכער עס איז ניט צוגעקומען קיין געזונט ניט העברעאיש, ניט יידיש. אין „העולם" (נומער 36, סעפּטעמבער 11, 1908) האָט א העברעאיסט א. חרמוני פארגונען זיך צו שרייבן: „ביז איצט האָט דער זשאַרגאָן

*) אין דעם פאַרלויף פון דער דיסקוסיע האָט אסתר ניט איינמאָל באַטאָנט, אַז דער אונטערשייד צווישן איר שטאַנדפּונקט און דעם שטאַנדפּונקט פון אירע קעגנער איז דער אונטערשייד צווישן דעם פּראָלעטארישן קלאַסנשטאַנדפּונקט און דעם שטאַנדפּונקט פון די, וואָס שטייען אויפן נאַציאָנאַלן אָדער, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. „עס זיינען געווען, האָט זי געזאָגט, פיל הייסע רעדנער פאַר העברעאיש. איבערלאָזנדיק דעם פּונקט (וועגן יידיש) אזוי ווי ער איז, וועט זיך באקומען אן איינדרוק, אז די קאָנ־פערענץ וויל אונטערשטיצן די ציוניסטישע אוטאָפּיע. איך קאָן ניט מיטהעלפן דער אוטאָפּיע". („די ערשטע שפּראַכקאָנפערענץ", ז. 110). דר. נ. בירנבוים, דער איניציאטאָר פון דער קאָנפערענץ, האָט, פון דער אַנדער זייט, דערקלערט, אַז — „מיר דארפן קיינעם ניט אָפּשטויסן, ניט די ציוניסטן, ניט דעם בונד" (דאָרט, ז. 111).

געהאט איין מעלה אנטקעגן העברעאיש: דער ייד האָט ניט גע־דאַרפט לערנען דעם זשארגאָן. ווען מען וועט ארויפטאָן אויף אים דעם יאָך פון „גראַמאַטיק", וועט דער ייד זאָגן: „לערנען זשארגאָן? ניין, איך בין נאָך ניט משוגע! מ׳לערנט העברעאיש, מ׳לערנט רוסיש, מ׳לערנט חשבון, אָבער זשאַרגאָן, א זשאַרגאָנישע גראַמאַ־טיק? טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, איך בין נאָך ביים זינען, גאָט צו דאַנקען" (לויט דער איבערזעצונג פון „די ערשטע שפּראַכקאָנ־פערענץ", ז. 210). נאָך מער שנאה און פאַראַכטונג צו דער „נייער תורה, וואָס וויל כלומרשט, אז „משה בן עמרם זאָל נעמען דעם געטלעכן שטעקן אין האַנט און קומען קיין כתרילעווקע ווערן א חדר־יינגל ביי אברהם רייזען און זיין חברה" — האָט ארויסגעוויזן זלמן עפּשטיין אין אן ארטיקל „הסכנה הזרגונית ומהותה" (השלח, כרך כ״ב, חוברת ו׳). און עס פאַרשטייט זיך, אַז די עקסטרעמע יידישיסטן זיינען די חרמונים און די זלמן עפּשטיינס ניט שולדיק געבליבן קיין קללות און קיין חרמות. אין דעם אָרגאַן פון „בונד" („די נייע צייט", 4, 1908) האָט א ס ת ר געשריבן: „איז דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ יאָ עפּעס באַשערט צו שאַפן, קאָן דאָס זיין נאָר צום שאָדן פון די העברעאיסטן, קאָן דאָס זיין נאָר א נייער באַרג ערד איבער דעם העברעאיש" („די ערשטע שפּראַכ־קאָנפערענץ", ז. 201).

די עקסטרעמע יידישיסטן האָבן הנאה געהאט פון „באגראָבן און באַשיטן" העברעאיש, פּונקט אזוי ווי די הונדערטפּראָצענטיקע העברעאיסטן האָבן ליב געהאַט נביאות צו זאָגן, אז אָט־אָט עפּנט זיך אַ גרוב פאַר יידיש.

אנשטאָט צו בויען די יידישע קולטור, — יעדער אויף זיין אופן און אין זיין ספערע; — אנשטאָט צו שיצן זיך מיט פאַראייניקטע כחות קעגן די דרויסנדיקע און די אינעווייניקסטע געפאַרן, האָט מען איינע די אנדערע געלייגט צען איילן אין דער ערד. דער שפּראַכן קאַמף האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון א פאַרביטערטן

און א פאַרביסענעם פּאַרטיי־קאַמף. אין דער פּרעסע, אויף פאַר־זאַמלונגען פון דער חברה מפיצי השכלה, אויף שול־באַראַטונגען, — אומעטום, וואו יידישיסטן און העברעאיסטן האָבן זיך באַגעגנט, איז די לופט געווען פול מיט אויפרייס־שטאָף.

פאַרוואָס האָט אָט דער קולטור־קאַמף אָנגענומען אַזאַ אומ־קולטורעלן כאַראַקטער? א געוויסע ראָליע האָט געשפּילט דאָס, וואָס עס איז געווען באַלד נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, און דאָס ביסל סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס איז געבליבן טריי דער בונדיסטישער אָדער דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָט זיך באַפעסטיקט אין די קולטור־פאַראיינען, אין די דראַמאַטישע אָדער ליטעראַרישע געזעלשאַפטן. די ציוניסטישע יוגנט, פון איר זייט, האָט זיך אויך אָפּגעגעבן דאָן מער מיט קולטור, ווי מיט פּאָליטיק: איז דער אימפּעט און די פאַרביטערטקייט פונעם פריערדיקן פּאָליטישן קאַמף אריין, ווי אַ דיבוק, אינעם קולטור־ און שפּראַכן־קאַמף.

אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציקע אורזאַך, פאַרוואָס דער קאַמף צווישן העברעאיש און יידיש איז אינעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן אויף יענער זייט ים אזוי פאַרשאַרפט געוואָרן. עס איז געווען נאָך אַן אורזאַך, — א מער אָביעקטיווע. יידיש האָט באמת אָנגעהויבן צו קאָנקורירן מיט העברעאיש — און ניט נאָר טעאָרעטיש, אויך פּראַקטיש.*) אויף דער ארענע פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זיינען ארויסגעטראָטן נייע כחות: די יידישע אַרבעטער־מאַסן געפירט פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן, די אר־בעטער זיינען געווען קנאַפּע לומדים: זיי האָבן גערעדט און גע־

*) אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ געפערלעכע קאָנקורענטין פון דער העב־רעאישער האָבן אייניקע העברעאיסטן געטענהט נאָך אין די 70ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט (ז. א. י. שאַפּיראָס קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע אין „המגיד" פון 3טן מאַי, 1876, איבערגעזעצט פון א. ר. מלאַכי אין „הונדערט יאָר גאָלדפאַדן", רעדאַקטירט פון דר. י. שאַצקי, ארויסגעגעבן פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1919, ז. 66), אָבער דאַן איז עס געווען אַן אומזיסטע מורא.

לייענט נאָר יידיש. די שפּראַך פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטע־ליגענץ איז אין אָנהייב געווען רוסיש; האָט זי תחילת טאַקע גע־פּרואווט איינקנעלן רוסיש מיט די יידישע ארבעטער, ווילנדיק זיי „אויפהייבן" צו זיך און צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג. אָבער דאָס איז געווען מעגלעך נאָר כל זמן די רעוואָלו־ציאָנערן האָבן געפירט א פּראָפּאַגאַנדיסטישע ארבעט אין קליינע קרייזלעך. איבערגעגאַנגען פון פּראָפּאַגאַנדע צו אַגיטאַציע און פון די ענגע קרייזלעך צו ברייטערע שיכטן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע, — האָט די סאָציאַליסטישע פירערשאַפט געמוזט איבערגיין צו יידיש און אפילו אליין זיך אָנהויבן לערנען יידיש. ווענלדיק אנטוויקלען די יידישע ארבעטער האָבן זיי געמוזט שטרעבן צו אַנטוויקלען זייער שפּראַך. און ווייטער, איינשטעלנדיק זיך פאַר די רעכט און דער חשיבות פון דעם יידישן ארבעטער־קלאַס, האָבן זיי געמוזט זיך איינשטעלן פאַר די רעכט און דער ווערדע פון זיין שפּראַך. בפרט נאָך, אז פון דעם קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבארעכטיקונג איז באַלד געוואָרן אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פולבארעכטיקונג, אַ קאַמף פאַר יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע. יידיש האָט געזאָלט ווערן די שפּראַך פון אָט דער יידישער קולטור־אויטאָנאָמיע; יידיש איז געווען די שפּראַך פון אָט דער קולטור. נאָך איידער זי האָט אויסגעקעמפט פאַר זיך דאָס רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַל־טונג, — ממילא איז די יידישע פאָלקסשפּראַך נאָך וויכטיקער און נאָך חשובער געוואָרן. און ניט נאָר אידעאָלאָגיש, אויך פאַקטיש האָט די וויכטיקייט און די חשיבות פון יידיש געהאָלטן אין איין וואַקסן; פון יידיש — און פון דער יידישער פּרעסע, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דעם יידישן טעאַטער; פון יידיש — און פון די יידישע פאָלקסמאַסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן דער יידיש־קולטור און די יידישע פאָלקסמאַסן. וואָס באַוואוסטזיניקער און וואָס אקטיווער

זיי זיינען געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די ראָליע און אַלץ פעסטער די פּאָזיציע פון דער יידישער קולטור, דעם אינסטרומענט און דעם אויסדרוק פון זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג און פון זייערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. און פאַרקערט, וואָס רייכער עס איז געוואָרן די קולטור אין יידיש, אַלץ גרעסער איז געוואָרן איר ווירקונג אויפן לעבן פון די מאַסן...

דערביי איז נייטיק צו האָבן אין זינען, אַז די סאָציאַליסטן זיינען ניט געווען די איינציקע, וואָס האָבן איינטייל גענומען אין דער קולטורעלער אויפוועקונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן און אין דער אויפלעבונג פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטער. אין דער זעלביקער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט די יידישע אַרבעטער געמאַכט שטאָלץ, קעמפעריש און וויסן־דורשטיק אינעם אַלגעמיין מענטשלעכן זינען, האָט די נאַציאָנאַלע און דערהויפּט די ציוניסטישע באַוועגונג געוועקט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פונעם יידישן פאָלקסמענטשן. אין דער זעלביקער צייט, ווען די סאָציאַליסטן האָבן מיט דער הילף פון יידיש געזוכט אויפצוקלערן די יידישע אַרבעטער אינעם סאָציאַליסטישן גייסט, האָבן די ציוניסטן באַנוצט יידיש ווי אַ מיטל פאַר ציוניסטישער אויפקלערונג. די ציוניסטן זיינען געווען די, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן „דער יוד", „דאָס אידישע פאָלק" און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן. ווי אַ רעזולטאַט דערפון, ווי אויך פון די נייע, א י נ ע ו ו י י נ י ק ס ט ע כחות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אינעם יידישן פאָלקסלעבן, איז געוואַקסן ניט בלויז די יידישע אַרבעטער־פּרעסע און די יידישע אַרבעטער־ליטעראַטור, — עס איז געוואַקסן די פּרעסע און די ליטעראַטור אויף יידיש בכלל. עס האָט זיך אָנגעהויבן, קאָן מען זאָגן, אַ נייע עפּאָכע, אַן אמתע אויפלעבונגס עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם יידישן וואָרט...

האָט דאָס, פון איין זייט, געפירט דערצו, אז די יידישיסטן זאָלן, וואָס ווייטער, ווערן ביי זיך אַלץ תקיפער, האפערדיקער, אגרעסיוועד, און פון דער אַנדער זייט האָט עס ביי אַ טייל העברעאיסטן ארויסגערופן אַ געפיל פון מורא פאַר דער קאָנ־קורענץ פון יידיש, אָט דער נייער „גבירה". די אייפערזיכטיקע העברעאיסטן האָבן געזעען, אַז הינטער דעם יידישיזם, ווי א נייע אידעאָלאָגיע, שטייט יידיש, ווי א נייער, ריין אָביעקטיווער כח, יידיש, ווי אַ שפּראַך, וואָס שפּרייט זיך אויס אַלץ מער און מער איבער דער יידישער גאַס און פאַרנעמט אַלץ אַ גרעסערן און אַ גרעסערן אָרט אינעם מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן.

אָט די אַלע, סוביעקטיווע און אָביעקטיווע, אומשטאנדן האָבן געפירט דערצו, אז דער קאַמף צווישן העברעאיזם און יידישיזם זאָל פאַרשאַרפט ווערן און זאָל, שליסלעך, גורם זיין אַ ריס צווישן העברעאיש און יידיש.

קאַפּיטל דרייצן

נאָכן וועלטקריג.—דער ריס צווישן יידיש און העב־רעאיש ווערט גרעסער.—אַ דור אָן דערציאונג.— די גרויסע וואַנדערונגען. — די נייע היימען. — די ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. — צוויי יידישע קיבוצים פון אַ נייעם טיפּ. — דאָס יידישע היים־לאַנד אין ארץ ישראל. — סאָוועט רוסלאַנד. — אָדער נאָר העברעאיש, אָדער בלויז יידיש. — די סכנה פון צוויי אָפּגעזונדערטע ליטעראַטורן. — די געפאַר פון אויפהערן קריגן זיך אפילו. — אָפּגע־ריסנקייט און עם־הארצות. — די דריטע שפּראַך.

אָט דער ריס צווישן די צוויי שפּראַכן און צוויי שטראָמען פון אונדזער קולטור־לעבן האָט ארויסגעוויזן אַ טענדענץ צו ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, און אָט די טענדענץ, וואָס האָט זיך שטארק געפילט, ווי מיר האָבן געזען אין פאַריגן קאַפּיטל, נאָך פאַר 1914, איז נאָכן קריג שאַרפער געוואָרן. פאַרוואָס ? דערפאַר, וואָס אין די קריגסיאָרן, אין די יאָרן פון גזרות, גירושים, פאָגראָמען און היימלאָזיקייט, זיינען הונדערטער טויזנטער יידן אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון דעם באָדן, אויף וועלכן זיי זיינען געזעסן דור איין, דור אויס, — און א סך פון זיי זיינען אויסגעוואָרצלט און אויסגע־ליידיקט געוואָרן אויך גייסטיק, ניט נאָר פיזיש. די קינדער, וואָס, מחמת די תנאים פונעם קריגסלעבן, זיינען זיי ניט געגאַנגען אין

קיין חדר און אין קיין שול, שוין ניט גערעדט וועגן ישיבות אדער אוניווערזיטעטן, האָבן ניט באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך דעם גייסט פון א קולטור־המשך, און זיי זיינען ניט מסוגל געווען צו נעמען אויף זיך דעם שווערן יאָך פון א צווייִשפּראַכיקער און פיל־דורות־דיקער קולטור. פאַר אַ סך פון זיי איז איין שפּראַך און איין ליטעראַטור אויך געווען א לאַסט, בפרט נאָך די ירושה פון צוויי־שפּראַכן און צוויי ליטעראַטורן. דערצו נאָך זיינען געקומען די גרויסע יידישע וואַנדערונגען פון דער נאָך־מלחמה־צייט. וואָס עס איז געבליבן פונעם קריגס־חורבן, איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין וועג. ביז מען האָט זיך דערשלאָגן ערגעץ צו א נייער היים, איז מען געווען נע ונד, מען האָט געלעבט ווי אין הינערפלעט און, אז מען האָט זיך דערנאָך שוין באַזעצט ערגעץ וואו אין א נייער מדינה, האָט מען אלע כחות געדאַרפט אָפּגעבן אויף צוצופּאַסן זיך צו די נייע, — געאָגראַפיש, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש־נייע — באַדינ־גונגען. קולטורעל איז מען, אַחוץ אין אויסנאַמספאַלן, געגאַנגען אויף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד. בנוגע צו יידישער דערציאונג, יידישער ליטעראַטור א. ד. ג. איז עס די ליניע פון איינשפּראַכיקייט.

דאָס איז איין אורזאַך, פאַרוואָס די טענדענץ פון שפּראַכלעכן מאָניזם איז נאָכן קריג אזוי שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן, דאָס איז א סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אורזאַך. ס'איז געווען נאָך א סיבה, — א געאָגראַפיש־פּאָליטישע, ווי איך וואָלט זי אָנגערופן.

צוויי יידישע קיבוצים פון א נייעם טיפּ זיינען אויפגעקומען נאָכן וועלטקריג, — צוויי קיבוצים, וואָס יעדער פון זיי האָט געזוכט צוצונעמען ביי יידן די מעגלעכקייט ווייטער צו פירן זייער קולטור לעבן אויפן טראַדיציאָנעלן יסוד פון צווייִשפּראַכיקייט. דאָס איז געווען, פון איין זייט, דאָס „יידישע היימלאַנד״, וואָס איז מעגלעך געוואָרן א דאַנק דער באַלפור דעקלאַראַציע, און פון דער אנדער זייט, — דער סאָוועטיזירטער יידישער קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין יעדן פון אָט די צוויי לענדער האָט די יידישע פירערשאַפט געהאַט אירע אייגענע צילן און אירע אייגענע מיטלען (אין ארץ ישראל זיינען די צילן געווען נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע און די מיטלען — מיטלען פון געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל; אין סאָוועטנ־לאַנד האָט מען זיך געשטעלט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע צילן, און די מעטאָדן, וואָס מען האָט באַנוצט, זיינען געווען די מעטאָדן פון „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור"). אין איין פּרט אָבער זיינען די צוויי קאָנטראַסטן געווען ענלעך איינער צו דעם אַנדערן, — אין דעם פּרט, וואָס איןביידע לענדער האָט מען אויף א ב אַ־וואוסטזיניקן און אָרגאַניזירטן אופן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער טראַדיציע פון יידישער צוויי־שפּראַכיקייט: אינעם נייעם ארץ ישראל־ישוב האָט מען געזוכט צו מינימיזירן אָדער גאָר אינגאַנצן צו עלימינירן די ווירקונג פון יידיש, ווי פון א דערציאונג־ און קולטור־שפּראַך; אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען פּראָסט און פּשוט אויסגעשלאָסן העברעאיש פון דער סיסטעם פון יידישער דערציאונג און קולטור.

עס איז דאָ נאָר איין יידישע שול־ און קולטור־שפּראַך — און דאָס איז מאַמע־לשון — האָט מען דעקרעטירט אין ראַטנפאַרבאַנד.

די יידישע שול און די גאַנצע יידישע קולטור מוז נוצן איין שפּראַך — העברעאיש, — האָט מען דעקלאַרירט אין ארץ ישראל.

אין ראַטנפאַרבאַנד רייסט מען זיך אָפּ פון העברעאיש, אין ארץ ישראל — פון יידיש.

אין איין לאַנד וויל מען ניט וויסן פון דער „פינצטערער" פאַר־גאַנגנהייט, אין דעם אַנדערן — פּראַווועט מען סנאָביזם בנוגע דער „גלותדיקער" קעגנוואַרט פונעם יידישן פאָלק. אין ביידע לענדער פירט מען אַ פּאָליטיק פון קולטורעלער אויטאַרקיע, א פּאָליטיק פון באַנוגענען זיך מיט די היימישע (גייסטיקע) פּראָדוקטן. און אָט אזוי איז צו דער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער שפּאַלטונג צווישן

העברעאיש און יידיש צוגעקומען נאָך א שפּאלטונג, א מער ממשות־דיקע — אַ געאָגראַפיש־פּאָליטישע: ארץ ישראל איז געוואָרן דער צענטער פון העברעאיש און נאָר העברעאיש; אין סאָוועט־רוסלאַנד איז העברעאיש, פאַרקערט, באַיקאָטירט געוואָרן, און יידיש איז געוואָרן די אָפיציעלע שפּראַך פון דער יידישער קולטור.

איז וואָס דער חידוש, וואָס א סך פון אונדז האָבן דערשפּירט די געפאַר, אַז אָנשטאָט, „צוויי שפּראכן — איין ליטעראַטור", זאָלן מיר איינגיכן ניט האָבן צוויי גאָר באזונדערע ליטעראַטורן אויף צוויי אָפּגעזונדערטע שפּראכן? מיר האָבן געזעען, אַז ניט נאָר צוויי אידעאָלאָגיעס, נאָר צוויי פּאָליטיש־געאָגראַפישע צענטערן פון שפּראכלעכער איינזייטיקייט הייבן זיך אָן צו פארפעסטיקן. מיר האָבן געזעען, ווי אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור ווערט אלץ מער און מער אָפּגעשוואכט די ווירקונג פון דער העברעאישער קולטור־טראַדיציע. מיר האָבן, פון דער אנדער זייט, געזעען, ווי אין דער העברעאישער ליטעראַטור פון ארץ ישראל הערט אויף צו שלאָגן דער קוואַל פון יידיש לעבן, און מיר האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אז אויב אין ארץ ישראל זאָל אויך ווייטער געפירט ווערן די פּאָליטיק פון אַבסאָלוט אָפּזונדערן זיך פון יידיש — די פּאָליטיק פון אויסשליסן אלע יידיש־ווערטן פון דער דערציאונג־ און בילדונגס־סיסטעם, וועט דאָרט אויפקומען א דור שרייבער, וואָס וועט ניט פארשטיין קיין יידיש וואָרט, אזוי ווי אין סאָוועט־רוסלאנד זייגען דאָ שרייבער, וואָס ציען ניט קיין שום חיות פון די העברעאישע מקורות.

און דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראטנפארבאנד, אזוי ווי דאָס, וואָס קאָן געשעען אין ארץ ישראל, קאָן ווירקן — און ווירקט—אויך אויף אַנדערע לענדער. וואָרים סיי די אַנטי־יידיש־שיטה אין פּאלעסטינע, סיי די אנטי־העברעאיש ריכטונג פון ראטנ־פאַרבאַנד באנוגנט זיך ניט מיט איין לאַנד. יעדע פון די דאָזיקע צוויי איינזייטיקייטן שטרעבט זיך אויסצושפּרייטן איבער אנדערע

לענדער. אזוי, אַז ניט נאָר אין דעם צענטער פון העברעאיזם, און ניט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד, אויך אין אַנדערע יידישע ישובים וואַקסט די שטרעבונג צו באַנוגענען זיך מיט א ליטעראטור וואָס שטיצט זיך אָדער אויף העברעאיש, אָדער אויף יידיש אליין. אומעטום שטייען מיר שוין מער ניט פאר דעם פּראָבלעם פון העברעאיש און יידיש, נאָר פאר דער אלטערנאַטיוו: אָדער העברעאיש, אָדער יידיש. אומעטום האלט עס דערביי, אַז מיר זאָלן זיך אזוי לאנג ניט קאָנען צעטיילן מיט דער ירושה, אַז מיר וועלן זיך, סוף כל סוף, צעטיילן — און אויפהערן זיך אפילו צו קריגן, וואָס דאָס איז נאָך ערגער ווי קריגן זיך.

אַז אַזאַ געפאַר איז דאָ, קאָן מען זען פון דעם אופן, ווי איניקע פון אונדזערע נייערע ליטעראַטור־היסטאָריקער איגנאָרירן סיי די שייכות, וואָס העברעאישע שרייבער האָבן צו יידיש, סיי די — נאָך גרעסערע — שייכות, וואָס די ליטעראטור אויף יידיש האָט צו דער העברעאישער ירושה. מען שרייבט די געשיכטע פון דער יידיש־ליטעראַטור אזוי, ווי ווען דאָס זאָל באמת זיין די געשיכטע פון א דורכאויס אָדער כמעט זעלבסטשטענדיקן ליטעראַרישן לעבן. מען האָט שיעור ניט פאַרגעסן, אַז די עברי־טייטש ספרים און אפילו די „וועלט־ביכער״, די מעשיות, זיינען סוף כל סוף, געוועזן א צוגאָב צו דער „אַנגענומענער״ ליטעראַטור, דער ליטעראַטור אויף לשון־קודש. מען האָט שיעור ניט פאַרגעסן, אַז די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז אין דער פּאַרצייטיקער יידישער וועלט געוועזן ניט מער, ווי, פון איין זייט, אַ מין עזרת נשים, א ווייבערשע שול, און, פון דער אנדער זייט, עפּעס א מין אונטער־אויוון פאר „געמיינע לייט״. מען האָט אינגאַנצן כמעט איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס ביידע גרופּעס, פאר וועלכע די יידישע ליטעראטור איז תחילת באַשאַפן געוואָרן, די פרויען און די פּראָסטע מענטשן, האָבן געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ מין „פירזאָגערין״, און אַז אזוי האָבן זי מייסטנס באַטראַכט אויך די, וועלכע האָבן זי געשאַפן.

פון צייט צו צייט האָבן זיך אייניקע פון זיי, אמת, פאַרגונען צו זאָגן אַ שטאָכווערטל די מיוחסים, די לומדים, אויפוואַרפן זיי זייער גאוה, אָבער דאָס האָט די לאַגע ניט געענדערט. די אַלטע יידישע ליטעראַטור האָט, אזוי ווי אירע לעזער און אירע פאַר־פאַסער, ארויפגעקוקט צו די ספרים אויף העברעאיש־אַראַמייאיש און געהאַט זיי שטאַרק אין זינען. אַלט־יידיש האָט ניט אַלץ, אמת, גענומען ביי אירע עלטערע שוועסטער, העברעאיש און אראמייאיש: יידיש האָט געהאַט אירע אייגענע קוואַלן, דאָס זיינען געווען די פאָלקס־קוואַלן, אָבער ווי ווייט מעגלעך האָט די יידישע ליטע־ראַטור זיך געהאַלטן נאָענט צו די לשון־קודשדיקע ספרים, געטו־ליעט זיך צו זיי... און אָט דאָס האָט מען געהאט אַנגעהויבן צו פאַרגעסן. צוליב באַוואוסטזיניקע אָדער אומבאַוואוסטזיניקע עקס־טרעם יידישיסטישע טענדענצן האָט מען עס געזוכט צו פאַרטונקלען. ממילא, האָט מען געפאַרשט מער די דרויסנדיקע, גערמאַניש־ראָמאַנישע, ווי די אינעווייניקסטע, העברעאיש־אראמייאישע, מקורות פון דעם יידישן וואָרט־שאַפן. גראַד האָבן די דרויסנדיקע השפעות געהאט א מער וועלטלעכן כאַראַקטער: האָט דאָס נאָך מער געווירקט, אַז די יונגע היסטאָריקער, וועלכע געפינען זיך אין דעם לאַגער פון די, וועלכע קעמפן פאַר דער פאַרוועלטלעכונג פון דער יידישער קולטור, — זאָלן זיך אינטערעסירן מער מיט די ריין־סעקולארע שאַפונגען, כאָטש זיי זיינען געקומען ס׳רוב פון דער פרעמד, ווי מיט דער רעליגיעזער און האַלב־רעליגיעזער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז אויסגעוואקסן אויפן היימישן באָדן און האָט טיפערע וואָרצלען... עס האָט זיך שיעור ניט באַקומען דער איינדרוק, אַז וואָס ווינציקער אַ ווערק אויף יידיש איז איינגעוואָרצלט אין דעם יידישן לעבנסשטייגער, אין דער יידישער קולטור־ירושה, וואָס ווינציקער אָריגינעל עס איז, אלץ א גרעסערע באדייטונג האָט עס... י. צינבערג איז געווען איינער פון זייער אַ קליינער צאָל היסטאָריקער, וואָס האָט געזוכט אָפּצושאַפן די מעגלעכקייט פון

אַזאַ איינדרוק. ביי צינבערגן איז די יידישע ליטעראַטור, ווי מיר האָבן געזען, צענויפגעגאָסן מיט דעם גאַנצן יידישן קולטורלעבן פון פאַרצייטן, ממילא איז זי געקניפּט און געבונדן מיט דער אַמאָ־ליקער העברעאיש־אַראַמייאישער ליטעראַטור. י. צינבערג פאַר־לייקנט ניט און פאַרקוקט ניט דעם איינפלוס פון אַנדערע ליטע־ראַטורן, אָבער די נאָענסטע שכנות פון יידיש זיינען ביי אים דאָך העברעאיש און אַראַמייאיש. זייער ווירקונג אויף מאַמע־לשון און זייער אַלעמענס בשותפותדיקע קולטור־סביבה פאַרנעמט ביי אים אַן אָרט אויבנאָן. אָבער י. צינבערג איז אויפגעצויגן געוואָרן אין דער פאַר־מלחמה־צייט און איז איינער פון יענע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געזוכט פעסטער צו מאַכן, ניט צו צערייסן, די פעדים, וואָס פאַרבינדן אונדזערע ביידע שפּראַכן. צווישן די יידישע ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכע האָבן זיך געוויזן אין די 20ער און די 30ער יאָרן, זיינען דאָ, ווי געזאָגט, אַזוינע, וואָס ווילן, אַז יידיש זאָל מאַכן שבת פאַר זיך. פּונקט אַזוי ווי העברע־אישע היסטאָריקער — אַזוינע, אַשטייגער, ווי דר. קלויזנער — ווייזן, פאַרקערט, אַרויס אַ טענדענץ צו פאַרלייקענען די ראַליע און, אויב מעגלעך, די עצם עקזיסטענץ פון יידיש.

אָט דער גייסט פון קולטורעלן איזאָליאַציאָניזם האָט ניט באַ־געגנט כמעט קיין ווידערשטאַנד אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר. עס זיינען, אמת, אויפגעקומען יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון צווייִשפּראַכיקייט (די פאָלקס־שולן און דער לערער־סעמינאַר פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד אין אַמעריקע; די שול־קולט אַנשטאַלטן און אַ טייל רעליגיעזע שולן, ווי די בנות־יעקב שולן, וואָס די נאַציס האָבן צעשטערט אין פּוילן). עס איז אויך אמת, אַז צווישן אונדזערע שרייבער (און אויך אפילו צווישן אונדזערע אַמעריקאַנער שרייבער) זיינען נאָך אַלץ פאַראַן אַזוינע, וואָס זייערע נעמען באַגעגענען זיך אין

אונדזערעביידע ליטעראַטורן, — און ניט נאָר צווישן די פאָר־שטייערס פונעם עלטערן, פאַרמלחמהדיקן, דור שריפטשטעלער (ש. ראָזנפעלד, שאול גינזבורג, דר. א. גינזבורג, אב. גאָלדבערג, ה. סעק־לער),—אויך צווישן די ייִנגערע שרייבער געפינען זיך נאָך אַלץ אַזעלכע, וואָס נעמען אַן אינטייל סיי אין דער ייִדישער, סיי אין דער העברעאישער פּרעסע און ליטעראַטור,—אַזעלכע, ווי אהרן צייטלין, יוחנן טווערסקי, מנחם ריבאַלאָוו, דר. ש. פייגין, אברהם רעגעלסאָן... דאָך איז די אַלגעמיינע טענדענץ—אַ טענדענץ פון דערווייטערונג, ניט פון דערנעענטערונג, — דערהויפּט צווישן די ייִדיש־שרייבער. די העברעאישע שריפטשטעלער ק אָ נ ע ן נ י ט פאַרגעסן ייִדיש, אפילו אַז זיי זאָלן וועלן: מיט קליינע אויסנאַמען, זיינען זיי דערצויגן געוואָרן אין און פון אַ ייִדיש־סביבה. אנדערש איז עס מיט די ייִדיש־שרייבער. צווישן זיי זיינען שוין לאַנג געווען אַזוינע, וואָס זיינען ניט באַהאַוונט געווען אין די העברעאישע שוואַרצע פינטעלעך; זינט נאָכן קריג איז זייער צאָל, דערהויפּט אין ראַטנ־פאַרבאַנד און אין אַמעריקע, געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. בעת די פאַרשטייערס פון דער העברעאישער ליטעראַטור, ניט אויס־געשלאָסן די, וועלכע וואוינען אין ארץ ישראל, קענען ייִדיש, אפילו ווען זיי באַנוצן עס ניט, — געפינען זיך שוין צווישן ייִדיש־שרייבער אַ היבש ביסל אַזוינע, וואָס וואָלטן ניט געקאָנט מאַכן העברעאיש פאַר זייער ליטעראַרישן מעדיום, ווען זיי זאָלן עס אפילו וועלן, — פּשוט דערפאַר, ווייל זיי קענען ניט די העברעאישע שפּראַך, האָבן ניט געלערנט קיין תנ״ך, שוין ניט גערעדט וועגן גמרא אָדער דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. פאַר ניט איינעם פון זיי איז די ביבל געווען אַ טערראַ אינקאָגניטאַ איידער יהואשעס ייִדישע איבערזעצונג האָט זי „אַנטדעקט״ פאַר זיי. בעת די עלטערע ייִדישע שרייבער האָבן אין די ייִנגערע יאָרן ס׳רוב „געזינדיקט״ מיט העברעאיש, זיינען די פאַרשטייערס פונעם נייערן

דור שרייבער — און ניט נאָר אין סאָוועטלאַנד, אויך אין אנדערע לענדער — „ריין" פון דער „זינד".

אין אַזאַ אַטמאָספערע איז גאָר ניט נייטיק, אז יידישיסטן מיט העברעאיסטן זאָלן „זיין אויף מעסערס", כדי עס זאָל אויסוואַקסן אַ וואַנט, אַ מחיצה, צווישן יידיש און העברעאיש (גראַד איז ניטאָ מער קיין פארביטערטקייט צווישן יידישיזם און העברעאיזם). עס איז געגוג דער אינדיפערענטיזם, ווי אויך די אלץ וואַקסנדיקע עם־הארצות בנוגע צו העברעאיש ביי יידיש־לעזער און יידיש־שרייבער; עס איז גענוג דאָס פאַקטישע פאַרפרעמדט ווערן פון יידיש און יידיש־שאַפן אין דעם העברעאישן לאַגער, — כדי דיביידע שפּראַך־ספרען זאָלן, וואָס ווייטער, אלץ מער אָפּגעזונדערט ווערן איינע פון דער אַנדערער.

און ווען דאָס זאָל, חלילה, געשען, וואָלט עס געמיינט אַ פאַראַרעמונג איןביידע מחנות. פאַר דער יידיש־ליטעראַטור וואָלט עס געהייסן אָפּרייסן זיך פון אירע טיפערע וואָרצלען און פאַר דער העברעאישער — פאַרלירן צווייגן, — צווייגן, וואָס זיינען אזוי זאַפטיק און אזוי פרוכטבאַר. דאָס וואָלט געווען אַ גוואַלדיקער שאָד אין יעדער צייט, בפרט נאָך איצט, ווען אין אונדזער לעבן און אין אונדזער קולטור אפילו פארנעמט אלץ מער און מער אָרט אַ דריטע שפּראַך, אַ פרעמדע — און זי איז גרייט ארויסצושטויסן אָדער פאַררוקן אין אַ ווינקל סיי יידיש, סיי העברעאיש. אין אַזאַ צייט און ביי אזעלכע אומשטענדן וואָלטן מיר געדאַרפט גאָר באַזונדער זיין וואַך, זאַמלען די כחות פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור אין אלע אירע אייגנאַרטיקע פאַרמען, באַפעסטיקן אירע אלע פּאָזיציעס, וואו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, און היטן אירע אלע אוצרות, די אַלטע אזוי גוט ווי די נייע. אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ אַטמאָספערע איז, ווינציקסטנס, נייטיק צו געדענקען, און צו דערמאָנען אנדערע, אז די פּראָגראַם פון שפּראַכלעכער עקסקלוזי־

וויטעט, די שיטה פון נאָר העברעאיש אָדער אויסשליסלעך יידיש האָט ניט קיין וואָרצלען אין דער אנטוויקלונג פון אונדזער ליטע־ראַרישן לעבן, אַז היסטאָריש זיינען מיר געווען און געבליבן אַ פאָלק פון איין ליטעראַטור אויף צוויי שפּראַכן, אַ פאָלק פון אַ צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור.

קאַפּיטל פערצן

דער שפּראַכנקאַמף — אַ פאַמיליע־מחלוקות. — די יידישע ליטעראַטור וויל ניט פאַרקויפן איר בכורה. — דער אַלטער שטראָם. — די צוגעבונדנקייט צו תנ"ך. — נייע יידישע ביבל־איבערזעצונגען. — די ביבלישע טעמעס און מאָטיוון. — אגדה אויף יידיש. — דער אינטערעס צו די העברעאישע שאַפונגען אין אַלע צייטן. — די יידישע ליטעראַטור און אירע איינציקע פאַרשטייערס. — זי היט די קולטור־טראַדיציע, זיי ניט. — די געפאַר פון אַ שפּאַלטונג. — די מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען. — יידיש און העברעאיש באַגעגענען זיך. — דער לואים לאַמעד פאָנד פאַר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן.

דאָס טאָר ניט פאַרגעסן ווערן, און דעריבער, דאַרף אונדז ניט מיאוס ווערן צו זאָגן איינמאָל און נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל, אַז די שפּראַכן־מחלוקת, — אַלץ איינס, צי זי ווערט אָפּגע־קילט אָדער זי ברענט, ווי אַ פייער, — איז ביי אונדז, סוף כל סוף, ניט מער ווי א פאַמיליע־מחלוקת. מען מוז איינחזרן, — און דאָס איז די כונה פון אונדזער אַרבעט — אַז כאָטש עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן העברעאיסטן און יידישיסטן, וואָס פראַווען דעם גרויסן ברוגז, הערט דער אַלגעמיין נאַציאָנאַלער שורש פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן ניט אויף צו זיין וויכטיק פאַר אונדז אַלעמען.

די טיפערע אינעווייניקסטע משפּחהדיקייט קאָן פון קיינעם ניט פאַר־לייקנט ווערן — און פאַקטיש ווערט זי ניט אינגאַנצן פאַרלייקנט. ווי ווייט עס עקזיסטירן ניט יענע געקינסטלטע שטערונגען, וועלכע זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד פאַר העברעאיש און אין ארץ ישראל פאַר יידיש, פירן אונדזערע ביידע שפּראַכן נאָך איצט אפילו ביז צו אַ געוויסן גראַד אַ שותפותע באַלעבאַ־טישקייט. זיי קאָכן נאָך אַלץ אָפּט אין געקעכטס, כאָטש אין צוויי באַזונדערע טעפּלעך.

די ליטעראַטור אויף יידיש טראַכט גאָר אפילו ניט אָפּצוזאָגן זיך פון דער העברעאיש־אַראַמיאַישער ירושה. מעגן די עקסטרעמע העברעאיסטן זיך איינריידן, אַז די יידיש־ליטעראַטור האָט ניט קיין טיפע וואָרצלען אין דעם נאַציאָנאַלן יידישן באָדן; מעגן די עקסט־רעמע (דערהויפּט די לינקע) יידישיסטן ניט וועלן האָבן קיין טיפערע וואָרצלען אין דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, — די יידישע ליטע־ראַטור רעכנט זיך ניט מיט די, וואָס פאַרגינען איר ניט די בכורה פון ירושהדיקייט, ניט מיט יענע, וועלכע זיינען גרייט אויסצובייטן איר בכורה אויף אַ טעפּל רויטע לינדזן. די יידישע ליטעראַטור איז ניט מפקיר איר חלק ירושה; זי טרינקט דאָרשטיק פון אַלע אַלטע און אייביק־פרישע קוואַלן...

דער קלאָרסטער באַווייז דערצו איז די צוגעבונדנקייט, וואָס די יידישע ליטעראַטור ווייזט אַרויס צו אונדזער ספר הספרים.

דער שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן פון תנ״ך צו אַלט־יידיש און צו השכלה־יידיש, — דער שטראָם, וועלכער האָט גע־פּליסט אין דער צייט פון „שמואל בוך” און „מלכים־בוך”, אין די צייטן פון די ערשטע חומש־און תנ״ך־איבערזעצונגען, אין די צייטן פון טייטש־חומש און צאינה וראינה, ווי אויך אין דער תקופה פון מענדל לעפין, מענדעלע מוכר ספרים, אברהם גאָלדפאַדן און אַנדערע, — דער דאָזיקער שטראָם ציט זיך אויך צו ניי־יידיש. ער איז אפשר פלאַכער, אָבער ניט קיין סך שמעלער.

אַט זיינען עטלעכע ביישפּילן, דערהויפּט פון די לעצטע צוויי צענדליק יאָר און דערהויפּט פון אונדזער אַמעריקע.

נאָך פּרצס איבערדיכטונג פון די פינף מגילות, נאָך אַשס איבערזעצונג פון „רות", נאָך אנדערע קלענערע פּרואוון, איז געקו־מען יהואשס גרויסער פּאַרמעסט — זיין פאַריידישונג פון גאַנץ תנ"ך. און ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין דער נייער היים, אין מדבר פון אונדזער גייסטיק ניט איינגעוואָרצלטן לעבן, האָט שטאַרק אַזוי אָנגעהויבן שלאָגן אונדזער עלטסטער און טיפס־טער קוואַל. אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס מיר זיינען דאָ מער ווי אומעטום דערווייטערט געוואָרן פון שורש, האָבן אונדזערע שפּראַך און ליטעראַטור געוואָלט זיך ווידער אַמאָל איינקויפּן אין ביבלישן יחוס, צוטוליען זיך צו דער קולטורעלער ירושה. און עס זיינען געמאכט געוואָרן — און ס'ווערן געמאכט — אַלץ נייע און נייע פּרואוון צו דערנעענטערן זיך צום ביבלישן שורש. נפתלי גראָס פאַרעפנטלעכט זיין איבערזעצונג פון די פינף מגילות. יהודה עלזעט פאַריידישט קהלת, ישראל לעווין — תהלים, א. אייטען — שיר השירים. (פריער נאָך האָט חיים שויס פאַרעפנטלעכט זיינע „ביבלישע געזאַנגען"). א. ז. הורוויץ האָט געגעבן „תורה אין חרוזים". און אפילו וועגן „די מפורשים פון דער תורה" איז דאָ א יידיש ווערק (פון ד. דרוק)... דאָס איז פאַר דערוואַקסענע. פאַר קינדער איז אַרויס „אונדזער תורה און אונדזערע שענסטע אגדות פאַר שול און הויז" (אין פיר בענד) פון פנחס רודאַי, און ערשט די טעג איז פאַרטיק געוואָרן „חומש פאַר קינדער", לויט יהואש, צוזאַמענגעשטעלט פון ש. סיימאָן, רעדאַקטירט פון יודל מאַרק, אַרויסגעגעבן פון יהואש פאַרלאַג געזעלשאַפט... אויך די נייע אויסגאַבע פון יהואשעס תנ"ך איבערזעצונג אינאיינעם מיטן העברעאישן אָריגינאַל געהערט צו אונדזער ענין. און זאָל מען ניט מיינען, אַז דאָס אַלץ האָט קיין שייכות ניט צו דער לעבעדיקער יידישער ליטעראַטור. זאָל מען ניט מיינען, אַז די ווערט פון

תנ״ך ניט באַאיינפלוסט. ביבלישע מאָטיוון, ביבלישע טעמעס פאַרנעמען א באַדייטנדיקן אָרט אין דער מאָדערנער יידישער פּראָזע און פּאָעזיע.

מען וואָלט געקאָנט אויסרעכענען א גאַנצן צעטל יידישע ווערק, וואָס ציען זייער יניקה פון תנ״ך — און ס'וואָלט געווען א לאַנגער צעטל. כדי צו שפּאָרן אָרט, וועל איך דערמאָנען נאָר שלום אַשס און דוד פּינסקיס ביבלישע דערציילונגען. א ליעסינס אָדער יהואשס צאָלרייכע לידער אויף ביבלישע טעמעס, איציק מאַנגערס גראַטעסקע חומש־לידער, ביבלישע דראַמעס פון שלום אַש, ה. סעקלער, ה. לייוויק, מנחם באָריישא, יחיאל לערער, י. פּרעגער, דוד איגנאַטאָוו...

אפילו די אונטערהאַלטונגס־ליטעראַטור אויף יידיש — אשטייגער, דער פּאָפּולערער ראָמאַן פון שאול סאַפּיר — נוצט ביבלישן מאַטעריאַל...

די יידישע ליטעראַטור האָט די לאַנגע און פעסטע פעדים, וואָס ציען זיך צו איר פון תנ״ך, ניט איבערגעריסן. זי שפּינט אויך ווייטער די כשרע פעדים פון אגדה, די פעדים וועלכע ציען זיך איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַלט־יידיש. טאַקע דאָ ביי אונדז אין אמעריקע איז ארויס יהואשס „פּרקי אבות״, תשרקס „אַלע אגדות״, ש. צ. זעצערס אגדתאָס וועגן שבתים און יום־טובים. חיים שויס און ש. סיימאַן האָבן אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אגדתאָס פאַר יונגוואַרג.

און וואָס עפּעס נאָר אגדה? עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו פון „משניות אויף יידיש״ (הרב הורוויץ) אין אמעריקע, שוין ניט גערעדט וועגן די ערשטע בענד פון דר. זאַלקינדס תלמוד־איבערזעצונג אין לאָנדאָן. עס זיינען דאָ ביכער אויף יידיש וועגן תלמוד: א. א. רובענטשיקס איבערזעצונג פון אייזיק הירש ווייסעס „דור דור ודורשיו״, דר. א. גינזבורגס „דער תלמוד״; גרשון באַדערס „אונדזערע גייסטיקע ריזן״. און ניט נאָר וועגן תלמוד.

דר. א. גינזבורג („יידישע דענקער און פּאָעטן אין מיטלאַלטער") און דר. י. צינבערג („די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן") האָבן אונדז געגעבן גרינטלעכע ווערק וועגן דער נאָך־תּלמודישער העברעאישער ליטעראַטור.

וועגן דעם רמב"ם און זיינע ווערק איז, צו זיין אַכט־הונדערט־סטן געבורטסטאָג, ארויסגעגעבן געוואָרן אַ גאַנצע סעריע ווערק אויף יידיש פון דעם דערמאָנטן דר. א. גינזבורג, חיים קרוגער און ש. צ. זעצער. אויך וועגן רש"י, צו זיין 900סטן געבורטסטאָג, איז א היבש ביסל געשריבן געוואָרן אויף יידיש.

ש. צ. זעצער האָט ניט נאָר געשריבן וועגן רמב"ם, ער האָט איבערגעזעצט דעם פּירוש המשניות פון רמב"ם, ווי אויך דאָס, וואָס ער האָט געשריבן וועגן די דרייצן עיקרים פון יידישן דת. א. ד. אגוז האָט ארויסגעגעבן א „קיצור מורה נבוכים". י. י. שווארץ האָט אונדז באַשאָנקען מיטן יידישן נוסח פון א גרויסן טייל העברעאישע פּיוטים און שירים, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין מיטלאַלטער און אין דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון ספרד („דאָס ליד פון שפּאַניע").

אפילו מוסר־ספרים ווערן נאָך אלץ איבערגעזעצט אויף יידיש (א. ד. אגוזעס „חובת הלבבות").

יאָ, ווי ווייט עס רעדט זיך וועגן דער יידישער ליטעראַטור, טראַכט זי נאָך אפילו ניט אָפּצורייסן זיך פון דער ירושה, וועלכע איז פאַרבונדן מיט העברעאיש. די יידישע ליטעראַטור זאַפּט אין זיך איין ביסלעכווייז די העברעאישע טראַדיציע פון אלע צייטן — ניט נאָר פון די תקופות פון תנ"ך, תלמוד, חכמי ספרד אָדער אשכנז. זי זוכט זיך צו באהעפטן אויך מיט דער וועלט פון קבלה און חסידות (ש. דובנאָוו, י. צינבערג, ש. י. האראדעצקי, ש. צ. זעצער.) די יידישע ליטעראַטור שטודירט דאָס, וואָס איז אונדז געבליבן פון דער השכלה (ש. ראָזנפעלד, י. צינבערג, מאַקס עריק און אנדערע). די יידישע ליטעראַטור ווייזט ארויס א גרויסן

אינטערעס צו די העברעאישע שאפונגען פון דער נייער אויפלע־בונגס־תקופה (י. י. שווארצס „ח. נ. ביאליק", מרדכי יאפעס „אנטא־לאָגיע פון דער העברעאישער פּאָעזיע", אומצייליקע איבערזעצונגען פון העברעאישע ווערק אין פּראָזע).

אויך וועגן דער נייער העברעאישער ליטעראַטור ווערט גע־שריבן אויף יידיש. ערשט דאָ ניט לאַנג זיינען ארויס מנחם ריבאַלאָווס „דיכטער און שאַפער פון ניי־העברעאיש", ר. בן־אריס „הבימה", אליעזר שערמאנס „דער מענטש ביאליק", ש. צ. זעצערס עסייען וועגן העברעאישע שרייבער, נ. דראזדאווס וועגן אחד־העם...

וועגן נייע ווערק אין העברעאיש ווערט גאַנץ אָפט געשריבן אין דער יידישער פּרעסע פון דר. ש. פייגין, ש. ראָזנפעלד, דר. ה. ל. גאָרדאָן, ש. גינזבורג, דר. איסר גינזבורג, דר. א. מוקדוני, א. רעגעלסאָן, מ. שטאַרקמאַן. און עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז „די אלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע" גיט זיך אָפּ אויך מיט העברעאיש און דער העברעאישער ליטעראטור, ניט נאָר מיט יידיש און דער יידישער ליטעראַטור.

נייך, די יידישע ליטעראטור און פּרעסע האָבן זיך ניט אָפּגע־טרייסלט פון דעם העברעאישן שאַפן. די יידישע ליטעראַטור נעמט וויפיל זי קאָן פון איר עלטערער שוועסטער, — און זי איז ניט נאָר א נעמערין, זי האָט אויך עפּעס געגעבן דער העברעאישער ליטעראטור. און ניט דוקא מוסר־ספרים, פאָלקס־מעשיות, חסידישע ספורי נפלאות, — אויך וועלטלעכע פּראָזע־דיכטונג — פון מענ־דעלע מוכר ספרים ביז י. ד. בערקאָוויטש, ז. שניאור און אנדערע.

נאָך עד היום זיינען דאָ ביי אונדז, ווי געזאָגט, שרייבער, וואָס נעמען אן אנטייל איןביידע ליטעראטורן. נאָך עד היום ווייזן זיך פון צייט צו צייט ווערק, וועלכע זיינען פון זייערע פאָרפאַסערס גופא געשריבן געוואָרן אויף ביידע שפּראַכן. (י. ד.

בערקאָוויטשס „מנחם מענדל בארץ־ישראל" אדער „הראשונים כבני אדם" (וועגן שלום עליכמען און זיין תקופה).

דאָך ווערט, ווי געזאָגט, די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ יידיש פון העברעאיש און — מער נאָך — העברעאיש פון יידיש, אלץ העכער און העכער.

די צאָל שרייבער, וואָס שרייבן, און די צאָל לייענער, וואָס לייענען אויף ביידע שפּראַכן, ווערט אַלץ קלענער און קלענער. עס זיינען דאָ שוין אַ היבש ביסל יידישע שרייבער, וועלכע פאַר־שטייען ניט די שוואַרצע פּינטעלעך, און אויב עס זאָל אָנהאַלטן די טענדענץ, וואָס איז איצט אזוי שטאַרק אין ארץ ישראל, די ווילדע און העכסט שעדלעכע טענדענץ אויסצושליסן יידיש פון דעם סיסטעם פון דער דאָרטיקער דערציאונג און בילדונג, — וועט אויסוואַקסן אַ דור העברעאישע שרייבער, וואָס וועט ניט פאַרשטיין קיין יידיש, און מיר וועלן האָבן, פון איין זייט, יידישע שריפטשטעלער, וועלכע קענען ניט אין אָריגינאַל די אַלט־יידישע ליטעראַטור, און פון דער אנדער זייט — העברעאישע שרייבער, וועלכע קענען ניט אין אָריגינאַל דאָס ניי־יידישע לעבן, דאָס לעבן פון דעם רוב מנין ורוב בנין פונעם יידישן פאָלק.

אַט פאַרוואָס אַזאַ וויכטיקער פאַרשטייער פון דער נייער יידי־שער ליטעראַטור, ווי, אשטייגער, ה. לייוויק, און נאָך פריער דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, ווי אויך אנדערע — האָבן דער־פילט, אַז מען מוז זיך שטעלן אנטקעגן אַט די טענדענצן און פאַקטאָרן, וואָס דראָען צו צערייסן אונדזער קולטור־לעבן אויף שטיקער און מאַכן עס אָרימער אין כחות און אין מעגלעכקייטן. מען האָט געפּרואווט אָרגאַניזירן צוליב דעם ציל באַראַטונגען מיט פאַרשטייערס פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור אין אמעריקע. מען האָט געשטעלט די פראַגע אויף פאַרזאַמלונגען פונעם אמעריקאנעם יידישן פּ.ע.נ־קלוב. מען האָט, שליסלעך, באַוועגט די צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע (צי"קאָ) צו

אָרגאַניזירן אָן עפנטלעכן ארויסטריט אונטערן לאָזונג: „העברעאיש און יידיש באַגעגענען זיך”. די פייערלעכע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1940, אין ניו יאָרק, און עס האָבן איינטייל גענומען אין איר פאָרשטייער פון דער העברעאיסטישער און דער יידישיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. אויף אַזאַ אופן איז אונדזער שפּראַכנפראַגע ווידער אַמאָל געשטעלט געוואָרן אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, — אָבער דאָס מאָל שוין מיטן ציל צו דערנענטערן צווישן זיך די שאַפנדיקע כחות פון אונדזער קולטור, ניט זיי צו צעשפּליטערן. אין דער אַטמאָספערע פון אָט דעם שטרעבן צו דערנענטערונג איז אויפגעקומען אויך דער לואיס לאַמעד פאָנד פאָר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן). *)

---

*) עס איז כדאי צו ברענגען דאָ די דעקלאַראַציע פון דעם לואיס לאַמעד פאָנד:

„אונדזערע ביידע שפּראַכן — יידיש און העברעאיש — זיינען ביז ניט לאַנג נאָך באַטראַכט געוואָרן ביי אונדז ווי צוויי אויסדרוקס־מיטלען פון איין ליטעראַטור, צוויי פּראָדוקטן פון איין פאָלקס־לעבן און איין געשיכטע.

אין די לעצטע פאָר צענדליק יאָר איז אָבער אָט — די אָנגענומענע מיינונג כמעט ווי פאַרשוואונדן און עס איז אויפגעקומען אַ געפאַר פון צעריסנקייט און פאַרפרעמדקייט צווישן יידיש און העברעאיש. העברעאישע שרייבער און לעזער פון איין זייט און יידישע שרייבער און לעזער פון דער אַנדערער זייט, האַלטן ביי ווערן צוויי וועלטן, וואָס זיינען גלייכגילטיק און אָפט גאָר קעגנעריש איינע צו דער אַנדערער.

אָט דער צושטאַנד לאָזט ניט רוען יענע פאָרשטייער פונעם יידישן געדאַנק, וואָס וואָלטן וועלן פאַרהיטן אונדזער קולטור פון איינזייטיקייט, און אירע שעפערישע כחות פון צעברעקלונג; זוכט מען מיטלען ווי צו פאַרקלענערן אָדער גאָר אָפּצושאַפן דעם ריס צווישן אונדזערע ביידע שפּראַכן.

דער „לואיס לאַמעד פאָנד פאָר אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן” שטרעבט צו ווערן איינער פון אָט די מיטלען. זיין הויפּט ציל איז אַנטייל־צונעמען אין דער באַוועגונג צו פאַרשטאַרקן די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון אונדזער צוויישפּראַכיקער ליטעראַטור. די נאָענטסטע פּראַקטישע אויפגאַבן פונעם „לואיס לאַמעד פאָנד” זיינען:

די עקסטרעמיסטן פוןביידע צדדים זיינען געבליבן עקסטרע־מיסטן. זיי גלויבן נאָך אַלץ, אַז מיר קאָנען און דאַרפן האָבן אַן איינשפּראַכיקע (יידישע אָדער העברעאישע) קולטור. זיי זיינען געבליבן טריי זייערע טעאָריעס. אַנדערש זיינען די, וואָס מעסטן ניט אַלץ מיט דער מאָס פון אַבסטראַקטע אידייען, די, וואָס רע־כענען זיך מיט די היסטאָרישע ווירקלעכקייטן. זיי רעספּעקטירן די דערפאַרונג פונעם יידישן פאָלק, ווי א פאָלק, מער, ווי די לאָזונגען פון דער אָדער יענער גרופּנריכטונג. זיי האָבן אַלעמאָל געוואוסט און ווייסן נאָך איצט, אַז צווייִשפּראַכיקייט איז א טיף פאַרוואָרצלטע טראַדיציע אין דעם יידישן וואָרטשאַפן און אין דער

א) אויסצוטיילן יערלעך צוויי פּרעמיעס צו צוויי הונדערט און פופציק (250) דאָלער פאַר די צוויי בעסטע (געדרוקטע אָדער האַנטשריפטלעכע) ווערק פון יאָר. איין פּרעמיע זאָל געגעבן ווערן פאר א העברעאישן בוך, און די צווייטע — פאַר אַ יידישן. די פּרעמיעס וועלן, האָפנטלעך, סטימולירן דעם שאַפן אין ביידע שפּראַכן, מאַניפעסטירן זייער קעגנזייטיקע אָנערקענונג און וועקן דעם אינטערעס פון די לעזער צו די בעסערע ווערק פון אונדזער ליטעראַטור.

א) יעדעס יאָר וועט באַשטימט ווערן דאָס ליטעראַרישע געביט (ראָמאַן, פּאָעזיע, וויסנשאַפט, עסעי, אא״וו), פון וואַנען די ווערק זאָלן געקליבן ווערן;

ב) יעדעס יאָר וועט באַשטימט ווערן אַ פאַכמאַנישע דזשורי, וואָס וועט אויסקלייבן די ווערק צום פּרעמירן;

ג) עס ווערט געפּלאַנט צו העלפן געפינען מיטלען, אַז דאָס פּרעמירטע יידישע בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן אויף העברעאיש און דאָס העברעאישע — אויף יידיש.

2) צו פאַרעפנטלעכן אין ביידע שפּראַכן אַ יערלעכן באַריכט אָדער אַ יאָר־בוך מיט אַ סטאַטיסטישן, ביבליאָגראַפישן און אַלגעמיינעם סך־הכל פון די ליטעראַרישע געשעענישן פונעם יאָר, מיטן ציל צו אינפאָרמירן די שרייבער און די לעזער וועגן דעם מצב פון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע לשונות.

3) ארויסגעבן גאָר אין גיכן אַן עסעי, וואָס זאָל באַקאָנען דעם עולם מיט דער טראַדיציע און מיט דעם פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט אין אונדזער ליטעראַרישן לעבן, ווי אויך מיט די אויפגאבן וואָס די צווייִשפּראַכיקייט שטעלט פאר אונדז.

4) העלפן פאַרעפנטלעכן א קורצע און פּאָפּולערע געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור אויף יידיש און א געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן. (עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז אויף דער פאַר־ווירקלעכונג פון אָט־דעם פּונקט וועט זיך פאָדערן מער צייט ווי פאַר דער אויספירונג פון די איבעריקע אויפגאַבן).

גאַנצער יידישער קולטור — זיינד נאָכן ביבלישן פעריאָד. ווילן זיי ניט צערייסן די לעבעדיקע ליטעראַטור פונעם יידישן פאָלק אויף שטיקער. זיי ווילן ניט זיין ענלעך צו דער פאַלשער מוטער אין שלמה המלכס משפט, צו דער „מוטער" וואָס איז גרייט געווען צו צעשניידן דאָס לעבעדיקע קינד; גם לי, גם לך לא יהיה. זיי ווילן ניט זאָגן: „יוסף פערלס „מגלה טמירין" אויף לשון־קודש איז אייערס — נעמטס; אונדזערס איז „מגלה טמירין," וואָס ער האָט געשריבן, כאָטש ניט געדרוקט, אויף יידיש; יצחק בער לעווינסאָנס „תעודה בישראל" געהערט צו אייך, מיר נעמען זיך „הפקר־וועלט"; מענדעלעס „האבות והבנים" איז אויף יידיש פאַר אונדז ניט מער ווי אַן איבערזעצונג פון אַן אַנדער ליטעראַטור, דער העברעאישער אָריגינאַל געהערט אייך, בעת אונדזער חלק מענדעלע איז „פישקע", די „קליאַטשע", א. אז. וו. פּרצס „העוגב" האָט א ווערט פאַר אייך, העברעאיסטן; פאַר אונדז, יידישיסטן עקזיסטירט נאָר „מאניש" א. א. וו. ביאַליק איז אונדזערער נאָר מיט זיינע עטלעכע יידישע פּאָעמעס; זיינע „שירי עם" אדער „מתי מדבר" האָט צו אונדזער ליטעראַטור ניט קיין שייכות"...

ניין, זיי זיינען קעגן אַזאַ מין „חלוקה". זיי ווילן האָבן אַ גאַנצע און אַ געזונטע יידישע ליטעראַטור, ניט די פאַרקריפּלונג פון צוויי באַזונדערע העלפטן. יידישיזם האָט פאַר זיי ניט געמיינט און ניט געקאָנט מיינען די פאַרלייקענונג פון דער העברעאישער קולטור־ירושה. מיט זייער יידיש זיינען זיי געקומען ניט צו פאַרמינערן, נאָר צו פאַרמערן אונדזערע קולטור־אוצרות. זייער לאָזונג איז ניט געווען: „פאַרגעסט אָן העברעאיש!" זיי האָבן גערופן: „פאַרנאַכלעסיקט ניט יידיש!"

זייער געדאַנקנגאַנג איז געווען אַזאַ: פאַר העברעאיש איז דאָ ביי אונדז דרך ארץ, פאַר יידיש ניט; יידיש מוז אויך רעס־פּעקטירט ווערן! יידיש איז ביי היינטיקן טאָג די לעבנסשפּראַך פון דעם רוב מנין פונעם יידישן פאָלק, און אויב מיר ווילן ניט,

אַז זיין לעבן זאָל דערנידעריקט זיין, טאָר זיין שפּראַך ניט בלייבן דערנידעריקט. אין און דורך יידיש שאַפן מיר און געניסן וואָס מיר שאַפן: מוז דער אָרגאַן פון אונדזער גייסטיקן געניוס, וואָס איז אויך דאָס געצייג פון אונדזער קרעאַטיוויטעט, אויסגעאיידלט און אַלזייטיק קולטיווירט ווערן. עס קומט פאַר אונדזערע אויגן דער וואוקס פון דעם באַוואוסטזיין, פון דער ווערדע און דער ראַליע פון די יידישע פאָלקסמאַסן — מוז עס אויסגעדריקט און קריסטאַליזירט ווערן אין דעם וואוקס פון דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין, פון דער זעלבסטווערדע און דער שעפערישער ראָליע פון די פּאָעטן, דערציילער, וויסנשאַפטלעכע פאָרשער און אַנדערע, וואָס נוצן די שפּראַך פון פאָלק.

אַזוי איז עס געווען ביי אַנדערע פעלקער, אַזוי מוז עס זיין אויך ביי אונדז.

חסידות, השכלה, ציוניזם, סאָציאַליזם, פאָלקיזם, קאַמף פאַר בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט — די אַלע מאַניפעסטאַציעס פון אויפגעוואַכטע און אַקטיוו־געוואָרענע פאָלקס־כחות האָבן געפירט און געמוזט פירן צו דער אויפלעבונג און דער פילזייטיקער באַרייכערונג פון דער פאָלקס־שפּראַך, פאָלקס־קונסט און דער פאָלקס־ליטעראַטור. דאָס איז געווען אומפאַרמיידלעך. דער יידיש־יזם, וועגן וועלכן מיר ריידן, איז דער היסטאָרישער אויסדרוק פון אָט דער אומפאַרמיידלעכקייט.

פונקט אַזאַ אומפאַרמיידלעכער היסטאָרישער פּראָצעס איז געווען און געבליבן דער אויפלעבונגס־פּראָצעס פון העברעאיש און דער העברעאישער ליטעראַטור. דיזעלביקע כחות, דיזעלביקע באַוועגונגען, וואָס האָבן אַריינגעגאָסן אַ נייעם שטראָם לעבן אין יידיש, האָבן אויך פאַר העברעאיש געעפנט נייע לעבנס־קוואַלן. מיט דער פאָלקס־שפּראַך אַליין, אַזוי ווי מיט לשון־קודש אַליין, וואָלטן ניט געקאָנט דערגרייכן זייערע צילן און אַנטפּלעקן זייערע

מעגלעכקייטן ניט די חסידים, ניט די משכילים, ניט די פּאָלקיסטן, אָדער סאָציאַליסטן און אודאי ניט די ציוניסטן.

סיי יידיש, סיי העברעאיש איז אונדז שטאַרק צונוצגעקומען אין אונדזער לעבן און שטרעבן, אין אונדזער דענקען און גע־דענקען. מוזן די, וואָס נעמען־אָן די יידישע געשיכטע, די יידישע אַנטוויקלונג, אזוי גאַנץ און אזוי פולשטענדיק ווי זי איז — אָננעמען און אנערקענען אונדזערעביידע שפּראַכן.

נאָר די, וואָס גלויבן, אַז זיי קאָנען מאַכן אַן איבעררייס אינעם גאַנג פון אונדזער געשיכטע, אַן איבעררקער אין אונדזער אַנטוויק־לונג, האָבן געפּרואווט און פּרואוון זי צו פאַרקערעווען אין איין זייט כדי מעגלעך צו מאַכן אַן איינשפּראַכיקע יידישע קולטור. נאָר די אָנהענגער פון אַן איינזייטיקער יידישער טראַדיציע — פון דער בלויז ארץ ישראלדיקער טראַדיציע — שטרעבן און קאָנען שטרעבן צו אַן איינשפּראַכיקער יידישער קולטור. נאָר די עקסט־רעם־רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען אין דעם יידישן לעבן, די נאַציאָ־נאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע ריכטונג, פון דער רעכטער זייט, און די סאָציאַליסטיש, — אָדער קאָמוניסטיש — רעוואָלוציאָנערע ריכ־טונג פון דער לינקער זייט, האָבן געקאָנט איינגיין אויף אַ יידישער קולטור, וואָס זאָל זיך אויסלעבן מיט דער הילף פון איין שפּראַך — דער העברעאישער אָדער דער יידישער.

די היסטאָריש־דענקענדיקע צווישן אונדז האָבן עס ניט גע־קאָנט משיג זיין. זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען יענע, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט און געוואָלט, אַז מיר זאָלן, לויט מענ־דעלעס באַרימטן אויסדרוק, אָטעמען נאָר מיט איין נאָזלאָך, דעם רעכטן אָדער דעם לינקן. זייער וועגווייזערין איז די יידישע געשיכטע, און זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס דאָס מיינט אַן איינשפּראַכיקע יידישע קולטור, זי האָט יידישן מאָנאָלינגוואַליזם שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר אין די אויגן ניט געזען. זי האָט שוין לאַנג ניט פאַרמירט ביי אונדז אפילו קיין שפּראַך, וואָס זאָל

ניט ציען קיין יניקה פון אנאנדער יידישער שפראך. דאָס נאָך־ביבלישע לשון־קודש האָט געטרונקען פון אראמייאישע קוואלן; דאָס תלמודישע אראמייאיש, גמרא־לשון איז העברעאיזירט; פונקט אזוי פארהעברעאיזירט איז אונדזער יידיש, און אזוי זאַפּט אין זיך איין אויך ניי־העברעאיש טענער און ריטמען פון איר שוועסטער־שפּראך — יידיש. אונדזער יעדע שפּראך איז אין א געוויסן זינען „פּילשפּראכיק," היינט ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אז אונדזער קולטור זאָל ניט זיין פילשפּראכיק?

וויסנדיק דאָס, ווילן די יידישיסטן (און אפשר אויך די העברעאיסטן), וואָס דענקען היסטאָריש און זיינען פריי פון (טראדיציאָנעלע אדער אַנטי־טראַדיציאָנעלע) פאַראורטיילן, אז אונדזערע שפּראכן און ליטעראַטורן זאָלן קעגנזייטיק באאיינפלוסן און באַרייכערן, ניט באַגרעניצן און באקעמפן איינע די אנדערע. זיי זוכן א פאראייניקונג, ניט קיין צעברעקלונג פון אונדזערע כחות. אויב אונדזער ליטעראַרישע וועלט איז צעשפּאָלטן געוואָרן, האָט זיך עס גענומען, ווייסן זיי, פון דעם געראנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונדזער לעבן. אז איינזייטיקע און ענגפּאַרטייאישע געזעלשאפטלעכקייט האָט געפירט צו איינזייטיקייט און פארטייאישקייט איופן געביט פון קולטור.

איצט איז אין אונדזער געזעלשאפטלעכן לעבן דאָ א טענדענץ צו זאַמלען אונדזער קרעאטיווע ענערגיע. איז קיין וואונדער ניט, וואָס אָט די שטרעבונג פילט זיך אויך אין אונדזער קולטור־וועלט. קיין חידוש ניט, וואָס יידישע און העברעאישע שרייבער, יידישע און העברעאישע לעזער זאָגן איינע צו די אנדערע:

— הלא אחים אנחנו, מיר זיינען ברידער פון איין טאָטן און איין מאַמען — איז פאַרוואָס זאָלן מיר זיין פרעמד איינע צו די אנדערע? פאַרוואָס זאָלן מיר ניט זיצן, ווי אַמאָל, ביי איין טיש, ווי איין גרויסע און פאַראייניקטע משפחה?

רשימה פון נעמען

רשימה פון נעמען

א

אַבאַוויאַן, 36
אַברהם בן חסדאי, 83
אגוז, א. ד., 138
אַהרן שמואל, 55, 70
אחד העם, 139
איבן גבירול, שלמה, 61
איגנאַטאָוו, דוד, 137
איזאַקס, אהרן, 99
אייכל, יצחק, 95, 96
אייסען, ד״ר א., 136
אליהו בחור, 62
אלקוביץ, ר׳ שלמה, 87
אקסענפעלד, ישראל, 99
ארי הקדוש, 90
אסתר, 118, 119
אש, שלום, 109, 110, 112, 137

ב

באַדער, גרשום, 137
באָקאַטשיאָ, 21
באַריישאַ, מנחם, 137
ביאַליק, ח. נ., 62, 109, 113, 143
ביק, יעקב שמואל, 99, 111
בירנבוים, ד״ר נתן, 110
בן ארי, ר., 139
בעל שם טוב, 70
בעל מחשבות, 67, 111, 115
בערגסאָן, ה., 32
בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף, 49, 112, 113
בערקאָוויטש, י. ד., 112, 113, 139, 140
ברייניז, ראובן, 104
ברענער, י. ח., 112, 113

ג

גאָטלאָבער, א. ב., 100, 101
גאָלדבערג, אב., 131
גאָלדפאַדען, אברהם, 105, 135
גאַננעט, לואיס ס., 29
גאָרדאָן, ד״ר הירש לייב, 17, 139
גאָרקי, מאַקסים, 36
גוידאָ, י. (י. גאָרין), 116
גינזבורג, ד״ר א., 131, 137, 138, 139
גינזבורג משה אהרן, 100
גינזבורג, שאול, 131, 139
גירונדי, ד״ר יונה, 51
יבראַן, קאַליל, 66
נעטע, וו., 32
גראָס, נפתלי, 136
גרינבוים, ד״ר מאַקס, 51
גרשוני, צבי, 104

ד

דאָליצקי, י. י., 104
דאַנטע, 21
דובנאָוו, שמעון, 61, 89, 115, 138
דוב בער פון ליאָדי, 70, 92
דינאַבורג, בן ציון, 48
דיואי, ד״ר דזשאָן, 32
דזשאנס, גריפיט, 41
דזשאָרדזש, דייוויד לאָיד, 42
דיק, אייזיק מאיר, 100, 101
דעקאַרט, 32
דראָזדאָוו, נ. 139,
דרוק, דוד, 136

ה

האזידאַקיס, 26
האַמער, 23, 32
האַמעלן, גליקל פאַן, 84
האַנאָווער, נתן נאַטע, 78, 79
האַראַדעצקי, ד״ר ש. י., 138
האַרקאַווי, אַלכסנדר, 99, 101, 104
הוטטען, אולריך פאַן, 20
הורוויץ, א. ז., 136
הורוויץ, הרב, 137
הויפטמאַן, גערהאַרד, 32
היינע, הייגריך, 65
הירשביין, פּרץ, 60, 108, 112, 113

וו

וואַלפסאָן־האַלע, אהרן, 95
וויטאַל, ר׳ חיים, 90
ווײַנלעז, ישראל, 97
ווייס, אייזיק הירש, 137
ווייסבערג, י. י., 106
ווין קיו, 23
ווינטשעווסקי, מאָריס, 102, 103, 105, 116
ווינער, פּראָפעסאָר לעאָ, 19
וועלוול זבאַרזשער, 101

ז

זאַלקינד, ד״ר י. מ., 32, 137
זבאַרזשער, וועלוול, 101
זעליג, 87
זעליקאָוויטש, פּראָפעסאָר געצל, 104
זעצער, ש. צ., 137, 138, 139

ח

חרמוני, א., 118

ט

טאַגאָר, ראַבינדראַנאַט, 66
טאָלסטאָי, ל., 32
טוועדסקי, יוחנן, 131
טיוטשעוו, 65
טינדעיל, 17
טשערניכאָווסקי, שאול, 109

י

יאָפּע, מרדכי, 139
יהואָש, 32, 137
יהודה בן בנימין, 51
יהודה הלוי, 61
יהודה חסיד, 90
יהלומשטיין, מרדכי, 104
יום, 32
יוסי, 14
יוסף דילה רינה, 90

כ

כאַזאַנאָוויטש, לעאָן, 117
כאַטש, צבי הירש, 55, 56, 87, 88

ל

לוריע, ד״ר יוסף, 115
לחבור, פּ., 86, 96
ליבערמאַן, אהרן, 102, 103
לייוויק, ה., 137, 140
לינעצקי, י. י., 102
ליפשיץ, יהושע, 102
ליעסין, אברהם, 137
לעבנסאָן, 100
לעווינזאָן, יצחק בער, 62, 98
לעווין, ישראל, 136
לעפין, מענדל, 97, 98, 10
לערער, יחיאל, 137
לוי יצחק בערדיטשעווער, 70

מ

מאַנגער, איציק, 137
מאַרק, יודל, 136
מאַרקוס, ש. ל., 104
מאַפּו, אַברהם, 100

מאַרקוזי, ד״ר משה, 99
מאקינציאַן, פ., 37, 39, 40
מארוא, אנדרע, 65
מוקדוני, ד״ר א., 139
מיסטראַל, 66
מיימון, 61
מילטאָן, 32
מלאכי, א. ר., 120
מלכובסקי, הלל, 104, 106
מענדעלע מוכר ספרים, 36, 62, 63, 101, 112, 113, 139, 143
מענדעלסאָן, מאָזעס, 85, 98
מרמר, קלמן, 102

נ

נאַגראַ, ר׳ ישראל, 87
נאַמבערג, ה. ד., 110, 112
נחבי בן ופסי, 105
ניטצשע, פ., 32
נחמן בראַסלאַווער, 70, 84, 91, 92, 93, 97

ס

סאָבעל, יעקב צבי, 104
סאָפּאָקל, 23
סאָקאָלאָוו, נחום, 112
סירקין, ד״ר נ., 108, 116
סיימאָן, ד״ר שלמה, 136, 137
סמאָלענסקין, פּרץ, 100
סלושץ, ד״ר נ., 26
סעקלער, הערי, 131, 137
סערוואַנטעס, 32

ע

עהרענפּרייז, ד״ר, 66
עטינגער, ד״ר שלמה, 99
עלזעט, יהודה, 136
עפּשטיין, זלמן, 119,
ערטער, יצחק, 100
עריק, מאַקס, 55, 79, 80, 88, 138

פּ

פּאַטקאַניאַן, רפאל, 39
פּושקין, 66
פּינסקי, דוד, 137
פּלאַוויוס, יוסף, 46
פּלאַטאָ, 23
פּעטראַרקאַ, 21
פּערל, יוסף, 97, 98, 100
פּרץ, י. ל., 109, 110, 112, 113, 116, 136, 143
פּרעגער, יעקב, 137

פ

פייגין, ד״ר ש. 131, 139
פיכמאַן, יעקב, 112
פעדער, טוביה, 98
פראַנקפורט, ר׳ משה, 53, 54, 55, 56, 71, 88,
פריהאָף, שלמה, 79
פרישמאַן, דוד, 112

צ

צווייפעל, אליעזר צבי הכהן, 62
צייטלין, הלל, 112, 113
צייטלין, אהרן, 131
צינבערג, ישראל, 56, 57, 70, 71, 75, 79, 80, 81, 82, 86, 129, 130, 138
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער, 101

ק

קאַהאַן, אב., 105
קאַלמאַנאָוויטש, ז., 97
קלויזנער, ד״ר יוסף, 130
קילאָס, 17
קראָכמאַל, ר׳ נחמן, 98

ר

ראַבניצקי, י. ח., 114, 115
ראַלוואַאַג, א. ע., 65

רב, 47
רבי, 14
ראָזענפעלד, מאָריס, 131, 138, 139
רובענטשיק, א. א., 137
ריבאַלאָוו, מנחם, 131, 139
רייזען, אברהם, 109, 119
רילקע, ריינער מאַריאַ, 66
רמבם, 61, 138
רעגעלסאָן, אברהם, 131, 139
רעמעני, יאָזעף, 63, 64

ש

שאַפּיראָ, א. י., 120
שאָפּענהויער, 32
שאַצקי, ד״ר יעקב, 79, 123
שויס, חיים, 48, 137
שוואַרץ, י. י., 138, 139
שולמאַן, אליעזר, 57, 70
שטיינבערג, יהודה, 112
שטיינבאַרג, אליעזר, 113
שטאַרקמאַן, משה, 139
שי. יו., 23, 30, 31
שלום עליכם, 113, 115, 140
שמעון בן יוחאי, 56
שניאור, זלמן, 112, 113, 139
שפּינאָזאַ, 32
שעקספּיר, 32
שערמאַן, אליעזר, 139

Soviet Russia. Either Hebrew or Yiddish. The danger of two separate literatures. Uprootedness and ignorance. The third language.

Chapter XIV 134

A family feud. Yiddish literature refuses to sell its birth-right. The old sources. The attachment to the Bible. New Yiddish translations of the Bible. Biblical motives in the Yiddish literature. The Aggada in Yiddish. The danger of a schism. The solution. Yiddish and Hebrew meet. The Louis La Med Foundation for the advancement of Hebrew and Yiddish literature.

Yiddish in Germany also arrested the development of Hebrew. The Enlightenment in Eastern Europe. The bilingualism of the Enlightenment literature. M. Lefin. J. Perel. I. Sh. Bick. The first manifesto of Yiddishism—in Hebrew. Dr. M. Markuzi. Dr. S. Ettinger and I. Axenfeld. Hebrew writers writing Yiddish, Yiddish writers writng Hebrew.

Chapter X 103

The Socialist Enlightenment literature in England and in the United States. "Ancient Israel" by I. Z. Sobel. Zevi Gershui, Alexander Harkavi and others. Bilingual periodicals. Hebrew mottos in Yiddish periodicals. The temporary decline of Hebrew in America.

Chapter XI 107

The conditions in the new country and the old. Socialism and Zionism. The beginning of the twentieth century. Dr. N. Sirkin's Yiddish "Hamon" and Hebrew "Hashachar". Peretz Hirshbein's literary memoirs. Yiddishist propaganda in Hebrew, Hebraist propaganda in Yiddish.

Chapter XII 114

The Hebraist tendency of Zionism—the Yiddishist tendency of the Bund. The struggle between the two trends. The growth of Yiddish. The fear of competition. New social forces.

Chapter XIII 124

After the World War. The deepening cleavage between Yiddish and Hebrew. A lost generation. The migrations. The new homes. The line of least resistance. Two Jewish communities of a new kind. The Jewish homeland in Palestine.

Chapter V **45**

Hebrew and Aramaic. A historic review. Opponents of Aramaic. The development of the Aramaic "Yiddish". The Talmud. The Yeshiboths. Aramaic prayers. Aramaists and Hebraists. The sanctification of the Targum. The tradition of Jewish bilingualism. The replacement of Targum by Yiddish. A comparison between Yiddish and Aramaic.

Chapter VI **59**

Hebrew and Yiddish in place of Hebraism and Yiddishism. Examples of bilingual authors. The thinkers and poets of the golden epoch in Spain. Examples of a later date. Heinrich Heine, Tjutchev. One-language authors—a bilingual literature.

Chapter VII **69**

Hebrew-Yiddish. The Jewish religion and Yiddish. Yiddish—a young outgrowth of the old Hebrew stem. Examples. Both Hebrew and Yiddish yield to the changes of environment. Conclusions.

Chapter VIII **86**

Trends in Jewish life. Cabalism and Mussar. Their influence on both Hebrew and Jewish literature. "Nachalat Zevi" — the Yiddish "Zohar". "Menorath Hamoar". The Hebrew "Roshith Chachama"—the Yiddish "Brantspiegel". The bilingual ethical literature. Chassidism. The life of Baal Shem Tov and the tales of Rabbi Nachman. Prayers in Yiddish.

Chapter IX **94**

German "Maskilim". Isaac Eichel. Aaron Wolfson. The conditions which caused the decline of

CONTENTS

Chapter I **11**

Hebrew and Aramaic—the two mediums of the ancient Jewish literature. Hebrew and Yiddish—the mediums of the new. A bilingual literature, bilingual authors. The tradition—the opposition. Lingual monists. The problem of bilingualism in other literatures.

Chapter II **16**

Latin and the vernacular. International Latin and national Hebrew. The Italian and the Jewish literature. Similarities and dissimilarities.

Chapter III **23**

Bilingual cultures in our time. The modern Greek culture. Classical and modern Greek. The struggle between the Greek "Hebraists" and the Greek "Yiddishists". The modern culture of China. The spoken Chinese. The Chinese "Yiddish" and the Chinese "Hebrew". The Mandarins. Dr. Hu Shih the leader of young China. His struggle and his achievements.

Chapter IV **35**

The Armenians and their bilingualism. Grappar—the Armenian holy tongue. The growth of the Armenian vernacular. Bilingualism in Wales. English and Welsh. The struggle of the vernacular for its existence. A parallel between Welsh and Yiddish. An example of national self esteem.

BILINGUALISM
in the
History of Jewish Literature

by

S. NIGER

Published by the
LOUIS LA MED FOUNDATION FOR THE ADVANCEMENT
OF HEBREW AND YIDDISH LITERATURE
12804 Broadstreet Blvd., Detroit, Mich.

1 9 4 1